ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# יבמות

בלשון הקודש
ואידיש

**213**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת יבמות

**כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת יבמות**

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

## פרק ראשון

**א** (דף ו) **תניא** (ויקרא יט) איש אמו ואביו תיראו וגו' יכול אמר לו אביו הטמא או שאמר לו אל תחזיר יכול ישמע לו ת"ל איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו כולכם חייבין בכבודי. תניא יכול יהא בנין בה"מ דוחה שבת ת"ל (שם) את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו כולכם חייבין בכבודי. תניא יכול יתירא אדם מבית המקדש ת"ל את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו נאמרה שמירה בשבת ונאמרה מורא במקדש מה שמירה האמורה בשבת (ע"ב) לא משבת אתה מתיירא אלא ממי שהזהיר על השבת אף מורא האמור במקדש לא ממקדש אתה מתירא אלא ממי שהזהיר על המקדש. ואיזהו מורא מקדש לא יכנס אדם בהר הבית במקלו במנעלו באפונדתו ובאבק שעל רגליו ולא יעשנו קפנדריא ורקיקה מקל וחומר ואין לי אלא בזמן שבית המקדש קיים בזמן שאין בית המקדש קיים

### פירוש

אמר לו אביו. לכהן: הטמא. בבית הקברות להשיב אבדה או שהיתה עומדת בחוץ ואמר לו אל תחזיר: יכול ישמע לו ת"ל איש אמו ואביו תיראו. וילפינן לאו דטומאה ולאו דהשבת אבדה מלאוי דשבת: נאמרה שמירה בשבת ומורא במקדש. והקישן הכתוב בפסוק אחד: לא משבת אתה מתיירא. דלא כתיב ביה מורא: באפונדתו. ארנקי שאוזר במתניו: קפנדריא. לקצר הלוכו שלא להקיף ויכנס בפתח זה ויצא כשכנגדו ולא לשם עבודה אלא לעשות צרכיו: מק"ו. מפרש

---

**א** תַּנְיָא: מִיר הָאבְּען גִילֶערוּנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבְּען פַאר זַיין מוּטֶער אוּנ פַאר זַיין פָאטֶער. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אַז אַכֹּהֵן הָאט גְיזָאגְט צוּ זַיין זוּהְן עֶר זָאל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין צוּא אַמֵת. אָדֶער אַפָאטֶער הָאט גְיזָאגְט צוּא זַיין זוּהְן דוּא זָאלְסְט נִיט אַוֶועק גֶעבִּין וָואס דוּא הָאסְט גִיפוּנֶען. זָאל דֶער זוּהְן פָּאלְגִין דֶעם פָאטֶער. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבֶּען פַאר זַיין מוּטֶער אוּנ פַאר זַיין פָאטֶער אוּנ עֶר זָאל הִיטֶען שַׁבָּת. פַאר וָואס שְׁטֵייעֶן דִיא צְוֵויא דִינִים אֵיינֶער גֶעבִּין אַנְדֶערִין. צוּא זָאגֶען אַז דִיא מוּטֶער אָדֶער דֶער פָאטֶער הֵייסֶען דֶעם זוּהְן עֶר זָאל נִיט הִיטֶען שַׁבָּת: זָאל עֶר זֵייא נִיט פָאלְגִין. אוּנ אַזוֹי אִיז בַּייא אַלֶע מִצְוֹת: וָוארוּם אַלֶע מוּזֶען הִיטֶען מַיין כָּבוֹד: דֶער פָאטֶער אוּנ דִיא מוּטֶער אוּנ דֶער זוּהְן מוּזִין טָאהְן אַלֶע מִצְוֹת וָואס גָאט הָאט גִיבָּאטִין. זָאגְט דִיא גְמָרָא מִיר הָאבְּען גִילֶערוּנְט אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען מֶען מֶעג בָּאהֶען דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּם שַׁבָּת. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט הִיטֶען מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבְּען פַאר מַיין מִקְדָשׁ. אִיר אַלֶע זֶענְט מְחוּיָב צוּא הִיטֶען מַיין כָּבוֹד. אוּנ שַׁבָּת אִיז אַכָּבוֹד פַאר גָאט. וָוארוּם שַׁבָּת וַוייזְט אַז גָאט הָאט בַּשַׁאפֶען דִיא וֶועלְט: אוּנ דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אַכָּבוֹד פַר דִי יוּדִין צוּ מְכַפֵּר זַיין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת. דֶער כָּבוֹד פוּן גָאט שְׁטוֹיסְט אַוֶועק דֶעם כָּבוֹד פוּן דִי יוּדִין (הרי"ף): זָאגְט דִי גְמָרָא מִיר הָאבְּען גִילֶערוּנְט אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען אַמֶענְטְשׁ זָאל מוֹרָא הָאבְּען פַאר דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ. שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט הִיטֶען מַיינֶע שַׁבָּתִים אוּנ אִיר זָאלְט מוֹרָא הָאבֶּען פַאר מַיין מִקְדָשׁ. בַּייא שַׁבָּת שְׁטֵייט מֶען זָאל אִים הִיטֶען. אוּנ בַּייא דֶעם מִקְדָשׁ שְׁטֵייט מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּען. אַזוֹי וִויא דָאס הִיטוּנְג וָואס שְׁטֵייט בַּייא שַׁבָּת. הִיט מֶען דָאךְ דֶעם שַׁבָּת נִיט וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פַאר שַׁבָּת. נָאר וַוייל מֶען הָאט מוֹרָא פַאר גָאט וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטֶען מֶען זָאל הִיטֶען דֶעם שַׁבָּת. אַזוֹי דִיא מוֹרָא וָואס שְׁטֵייט בַּיי דֶעם מִקְדָשׁ. זָאלְסְטוּ נִיט מוֹרָא הָאבְּען פַאר דֶעם מִקְדָשׁ נָאר פַאר גָאט וָואס עֶר הָאט גִיבָּאטֶען מֶען זָאל מַאכֶען אַמִקְדָשׁ. מִיט וָואס זָאל מֶען מוֹרָא הָאבֶּען פַאר דֶעם מִקְדָשׁ: אַמֶענְטְשׁ טָאר נִיט גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג וָואס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִים. נִיט מִיט אַשְׁטֶעקִין. אוּנ נִיט מִיט דִיא שִׁיךְ אוֹיף דִיא פִים. אוּנ נִיט מִיט אַגַארְטִיל וָואס מֶען אִיז אַרוּמְגִיגַארְטִילְט וֶוען מֶען פָארְט אִין וֶועג. אוּנ נִיט מִיט דִיא שְׁטוֹיבּ וָואס אוֹיף זַיינֶע פִים: אוּנ עֶר זָאל נִיט גֵיין אוֹיף דֶעם בַּארְג אָפּ צוּא קִירְצֶען דִיא וֶועג. לְמָשָׁל עֶר דַארְף גֵיין אוֹיף אַאָרְט. אוּנ אַז עֶר וֶועט גֵיין דוּרְךְ דֶעם בַּארְג וֶועט אִים זַיין נֶענְטֶער דִיא וֶועג. טָאר עֶר נִיט. אוּנ מֶען טָאר נִיט שְׁפַּייעֶן אוֹיף דֶעם בַּארְג. אִיךְ וָואלְט מֵיינֶען דָאס אִיז נָאר וֶוען דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם בַּארְג. פוּן וַואנֶען וֵוייסֶען מִיר אַז דָאס אַלְץ טָאר מֶען נִיט אַפִילוּ וֶוען דֶער בֵּית

המקדש

קים מנן ת"ל את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו מה שמירה האמורה בשבת לעולם אף מורא האמור במקדש לעולם :

**ב** (דף יג) **משנה** ב"ש מתירין את הצרות לאחים וב"ה אוסרין (ע"ב) חלצו ב"ש פוסלין מן הכהונה וב"ה מכשירין נתייבמו ב"ש מכשירין וב"ה פוסלין אף ע"פ שאלו אוסרין ואלו מתירין אלו פוסלין ואלו מכשירין לא נמנעו ב"ש מלישא נשים מב"ה ולא ב"ה מב"ש . כל הטהרות והטומאות שהיו אלו מטהרין ואלו מטמאין לא נמנעו עושין טהרות אלו ע"ג אלו ע"ב. ובברייתא פירש יותר ואמר (דף יד ע"ב) לא נמנעו ב"ש לישא נשים מב"ה ולא ב"ה מב"ש ללמדך שאהבה וריעות

נפרק הרואה תכי אין לבא אל שער המלך בלבוש שק שאינו נאה ק"ו לרוק בהר הבית לפני הקב"ה : ב"ש מתירין . צרת ערוה להתייבם לאחין דלית להו דרשה דלצרור : חלצו . הצרות מן האחין : ב"ש פוסלין מן הכהונה . שחליצתה חליצה : וב"ה מכשירין . לפי שחליצה שלא לצורך והוי כחולצת מן הנכרי : נתיבמו . לאחים : בית שמאי מכשירין אותן לכהנים אם נתאלמנו מיבמיהם . וב"ה פוסלין . שנבעלו לאסור להם והנבעלה לפסול לה עשאה זונה והזונה אסורה לכהונה : לא נמנעו וכו'. אע"פ שבני הצרות שנתיבמו (לבית) [כבית] שמאי ממזרים הם לב"ה שהרי באיסור אשת אח אח הם עליהם ואשת אח בכרת ובני עריות שהן חייבי כריתות ממזרים הם כדאיתא בפרקין אפילו הכי לא נמנעו ב"ה לישא נשים מבית שמאי לפי שהיו מודיעים להם אותן הבאות מן הצרות והותרין דעו שמשפחה זו מצרת ערוה שנתיבמו באים והם היו פוסלין : טהרות אלו על גב אלו . שהיו משאילין כליהם אלו לאלו :

---

המקדש שטייט שוין ניט : שטייט אין פסוק איר זאלט היטען מיינע שבתים אונ איר זאלט מורא האבען פאר מיין מקדש . אזוי וויא דאס היטונג פון שבת איז אויף אייביג . אזוי דיא מורא פון מקדש איז אויך אויף אייביג . אפילו ווען דער מקדש איז ניטא איז דער ארט פון מקדש הייליג :

**ב** משנה . דער דין איז אויב עס זענען גיוועזן עטליכע ברידער אונ איינער (למשל ראובן) איז גישטארבען אן קינדער . דארף דער עלצטער פון דיא איבעריגע ברידער (למשל שמעון) חתונה האבען מיט דיא ווייב פון דעם גישטארבענעם ברודער . דאס הייסט מיבם זיין . אונ אויב ער וויל ניט מיט איר חתונה האבען דארף ער איר געבין חליצה . אונ אויב ראובנס ווייב איז גיוועזן שמעונס שוועסטער (אדער איין אנדער קרובה צוא שמעון) וואס שמעון טאר ניט מיט איר חתונה האבען . איז דיא ווייב פון ראובן גאר פריי צוא נעמען איין אנדער מאן . זיא דארף קיין חליצה אויך ניט . אונ אויב ראובן האט גיהאט צוויא ווייבער אדער נאך מער (אז אמאן האט צוויא ווייבער הייסען זיא צרות . איינע איז אצרה צוא דיא אנדערע : איינע האט פיינט דיא אנדערע) זאגען בית שמאי אז שמעון אדער איין אנדער ברודער דארף חתונה האבען מיט דיא צרה פון זיין שוועסטער . אונ בית הלל זאגען קיינער פון דיא ברידער טאר ניט מיבם זיין דיא צרה . אונ אויב איינער פון דיא ברידער האט גיגעבען חליצה צוא דיא צרה . זאגין בית שמאי אז זיא טאר שוין ניט גינומען ווערין צוא אכהן . ווארום אכהן טאר ניט חתונה האבען מיט אחלוצה . אונ בית הלל זאגען וויל זיא דארף ניט קיין חליצה . איז איר חליצה גאר ניט אונ זיא מעג גינומען ווערין צוא אכהן . אונ אז איינער פון דיא ברידער האט מיבם גיוועזן אצרה . אונ ער איז גישטארבען : בית שמאי זאגען דיא מעג גינומען ווערין צוא אכהן . אונ בית הלל זאגען וויל מען האט איר ניט גיטארט מיבם זיין איז גלייך וויא מען וואלט מיט איר מזנה גיוועזן . הייסט זיא אזונה : אונ אזונה טאר ניט גינומען ווערין צוא אכהן . אפילו בית שמאי מיט בית הלל קריגען . דיא זאגען עס איז אסור אונ דיא זאגען עס איז מותר . דיא זאגען עס איז פסול אונ דיא זאגען עס איז כשר . פון דעסטוועגין פלעגט בית שמאי נעמען ווייבער פון בית הלל : אונ בית הלל פלעגין נעמען ווייבער פון בית שמאי . אונ בית הלל האבען ניט מורא גיהאט טאמער זענין דיא חתנים אדער דיא כלות גיבארען פון אזעלכע מוטערס וואס זייא זענין גיוועזן צרות פון עריות אונ זייערע מאנענס ברידער האבען זייא מיבם גיוועזן . נאך בית שמאי זענען זייא כשרה קינדער אונ נאך בית הלל זענין זייא ממזרים . ווארום בית שמאי פלעגין זאגין צוא בית הלל . דיא קינדער זענין נאך אייך פסול . נעמט זייא ניט . דיא אלע טהרות און טומאות וואס בית שמאי מיט בית הלל קריגען די זאגען עס איז טמא אונ דיא זאגען עס איז טהור . פון דעסטוועגין פלעגין בית שמאי בארגן כלים פון בית הלל . אונ בית הלל פלעגין בארגן כלים פון בית שמאי . ווארום זייא פלעגין אן זאגען איינע דיא אנדערע וועלכע כלי עס איז נאך יענעם טמא . צו

ווייזען

וריעות נוהגין זה בזה לקיים מה שנאמר (זכריה ח) האמת והשלום אהבו :

ג (סס ע"א) גמרא איכא מ"ד לא עשו ב"ש כדבריהם דהא ב"ה רובא ואיכא מ"ד עשו דכי אזלינן בתר רובא היכא דכי הדדי נינהי הכא ב"ש מחדדי טפי :

דכי סדדי נינהו. בחכמה : ירוצו . כמו ורצו גלגלתו דאבימלך לשון רצוץ : שהן בני צרות. שנשאו לשוק כב"ש :
בימי ר' דוסא הותרו . שהיו של ר' דוסא שהיה מתלמידי ב"ש סתירו כדתנא לקמן ועשו על פיו והגו כן : שחכם גדול היה . וסבורים חכמים שהוא התירו : קמו . עמדו מלראות :
ה"ג

ד (פ"ו ע"ב) שאלו את ר' יהושע צרת הבת מהו אמר להם מחלוקת ב"ש וב"ה והלכה כדברי מי א"ל כה אתם מכניסין ראשי בין שני הרים גדולים בין שני מחלוקות גדולות בין ב"ש וב"ה מתירא אני שמא ירוצו גלגלתי אבל אני מעיד לכם על שתי משפחות גדולות שהיו בירושלים משפחת בית עכמאי מבית צבועים ומשפחת בית קופאי מבן מקושש שהן בני צרות ומהם כהנים גדולים ושמשו על גבי המזבח :

ה (דף ט) בימי ר' דוסא בן הרכינס הותרו צרת הבת לאחין והיה הדבר קשה לחכמים מפני שחכם גדול היה (וזקן) ועיניו קמו מלבא לבית המדרש אמרו מי ילך ויודיעהו אמר להן ר' יהושע אני אלך ואחריו מי ר' אלעזר בן עזריה ואחריו מי ר"ע הלכו

---

ווייזען אז בית שמאי מיט בית הלל האבען נאר געקריגט אין דער תורה. אבער איינער דעם אנדערין האט ליב גיהאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ליב האבען דעם אמת. אונ איר זאלט זיין שלום :

ג גמרא. איכא. איינער זאגט בייא דיא אלע דינים וואס בית שמאי האט געקריגט מיט בית הלל. האבען בית שמאי ניט גיפסקת וויא זייא זאגען : נאר וויא בית הלל זאגען. ווייל דיא תלמידים פון הלל זענען גיוועזען מער וויא די תלמידים פון שמאי. אונ אין דער תורה שטייט אחרי רבים להטות. מען זאל פסקנען וויא דיא מערערע זאגען. אונ איינר זאגט שמאי מיט זיינע תלמידים האבען יא גיטאהן וויא זייא האבען גיזאגט. וואריס ווען גייען מיר נאך דיא מערערע. ווא דער שכל פון דיא אלע מענשין זענען גלייך. אבער דיא תלמידים פון בית שמאי האבען גיהאט אשארפערין שכל וויא דיא תלמידים פון הלל. דריבער האבען בית שמאי גיפסקת וויא זיי זאגין.

ד שאלו. מען האט גיפרעגט בייא רבי יהושע דיא צרה פון אטאכטער דארף מען איר יבם זיין אדער גיין. האט רבי יהושע גיזאגט אין דעם קריגען בית שמאי מיט בית הלל. האט מען גיפרעגט בייא רבי יהושע וויא ווער איז דער דין. האט רבי יהושע צוא זייא גיזאגט איר ווילט אריין ברייגגען מיין קאפ צווישען צווייא גרויסע בערג. צווישען צוויי גרויסע מענטשין וואס קריגען. צווישען בית שמאי מיט בית הלל. איך האב מורא טאמער וועלען זייא צוא ברעכען מיין קאפ. נאר איך קען אייך עדות זאגען אויף צווייא גרויסע משפחות וואס זענין גיוועזען אין ירושלים. איין משפחה הט גיהייסן בית עכמאי פון בית צבועים. אונ דיא אנדערע האט גיהייסען בית קופאי פון דעם זון פון מקושש וואס זענין גיוועזען קינדער פון צרות וואס זענין גינומען גיווארען צוא פרעמדע מאנען אן חליצה. אזוי וויא בית הלל האבען גיזאגט. אונ פון זייא זענען גיוועזען כהנים גדולים וואס האבען מקריב גיוועזען קרבנות אויף דעם מזבח :

ה בימי. אין די צייטען פון רבי דוסא בן הרכינס האט דער ברודער פון רבי דוסא מתיר גיוועזען דיא צרה פון אטאכטער זאל גינומען ווערין צוא איינעם פון דיא ברידער. האט דיא זאך פר דראסטין צוא דיא חכמים. ווארום דיא חכמים האבען גימיינט אז רבי דוסא הט דאס מתיר גיוועזען. אונ ווייל רבי דוסא איז גיוועזען אגרויסער חכם אונ ער איז גיוועזען בלינד אונ ער האט גיט גיקענט קומען אין בית המדרש. האבען די חכמים גיזאגט ווער וועט אים גיין זאגין אז די חכמים פארדריסט אויף אים וואס ער האט מתיר גיוועזן דיא צרה פון דיא טאכטער צוא איינעם פון דיא ברידער. הט רבי יהושע גיזאגט איך וועל גיין. רבי אלעזר בן עזריה. ווער נאך זאל גיין רבי

א"ל ר' יהושע לר' דוסא רבי אמור לתלמידך אחר וישב: דוסא. כלומר שמעתם אומרים: או בן הרכינס. בלא דוסא שמעתם: סתם שמענו. בן הרכינס סתם ושמו לא הוזכר: בכור שטן (שנון) הוא. חריף ועומד על שמועתו ועושה מעשה ואינו שב משמועתו

הלכו ועמדו על פתח ביתו נכנסה שפחתו אמרה לו רבי חכמי ישראל באין אצלך אמר לה יכנסו ונכנסו תפסו לר' יהושע והושיבו על מטה של זהב אמר לו רבי אמור לתלמידך אחר וישב א"ל מי הוא אמר לו ראב"ע א"ל ויש לו בן לעזריה חברנו קרא עליו מקרא הזה (תהלים לז) נער הייתי גם זקנתי ולא ראיתי צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם תפשו והושיבו על מטה של זהב א"ל רבי אמור לתלמידך אחר וישב א"ל ומי הוא א"ל עקיבא בן יוסף א"ל אתה הוא עקיבא בן יוסף ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו שב בני שב כמותך ירבו בישראל (קרא עליו מקרא זה (קהלת ז) טוב שם משמן טוב) התחילו מסבבין אותו בהלכות עד שהגיעו לצרת הבת אמרו לו צרת הבת מהו אמר להם מחלוקת ב"ש וב"ה הלכה כדברי מי אמר להם הלכה כב"ה א"ל והלא משמך אמרו הלכה כב"ש אמר להם דוסא שמעתם או בן הרכינס שמעתם א"ל חיי רבי סתם שמענו א"ל אח קטן יש לי בכור שטן (שנון) הוא ויונתן שמו והוא מתלמידי שמאי והזהרו בו שלא יקפח אתכם בהלכות לפי שיש עמו ש' תשובות בצרת הבת שהיא מותרת אבל מעידני עלי שמים וארץ שעל

מדוכה

---

רבי עקיבא . זענען אלע דרייא גיגאנגען אונ האבען זיך גישמועלט בייא דיא טיר פון רבי דוסא . איז אריין גיגאנגען דיא דינסט צוא רבי דוסא אונ האט גיזאגט צוא אים . רבי דיא חכמים פון דיא יודין זענין גיקומען צוא דיר ; האט רבי דוסא צוא איר גיזאגט זאג זייא זייא זאלען אריין גיין . זענען זייא אריין גיגאנגען . האט מען גינומען רבי יהושע אונ מען האט אים גיזעצט אויף אגאלדענע בעט . האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבי דוסא ; רבי זאג צוא דיין אנדערין תלמיד ער זאל אויך זיצען . האט רבי דוסא גיזאגט ווער איז ער . האט רבי יהושע גיזאגט דאס איז רבי אלעזר בן עזריה . האט רבי דוסא גיזאגט אונזער חבר עזריה האט אזוהן . האט ער אויף איהם גילייענט דעם פסוק איך בין גיוועזן יונג איך בין שוין אלט גיווארין אונ איך האב ניט גיזעהן אצדיק זאל פאר לאזין ווערין אונ דיינע קינדער זאלען גיין בעטין ברויט . האט מען גינומען רבי אלעזר אונ מען האט אים אויך גיזעצט אויף אגאלדענע בעט : האט רבי יהושע גיזאגט צוא רבי דוסא רבי זאג צוא דיין דריטען תלמיד ער זאל אויך זיצען ; האט רבי דוסא גיזאגט ווער איז ער . האט רבי יהושע גיזאגט דאס איז עקיבא בן יוסף ; האט רבי דוסא גיזאגט צוא אים דוא ביסט דאס עקיבא בן יוסף דיין נאמען הערט מען פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט . זיץ מיין זוהן . אזעלכע מענטשין וויא דוא זאלען זיין פיל בייא יודין . האט רבי דוסא אויף אים גילייענט דעם פסוק אגוטער נאמען איז בעסער וויא גוטער בוימאייל . האבען זייא אן גיהויבען שמועסין מיט רבי דוסא פון דינים . ביז זייא זענין גיקומען צוא דעם דין פון צרת הבת . האבען זייא גיפרעגט בייא רבי דוסא צרת הבת וויא איז דער דין . האט רבי דוסא גיזאגט אין צרת הבת קריגט בית שמאי מיט בית הלל . האבען זייא גיפרעגט וויא איז דער דין . האט רבי דוסא גיזאגט דער דין איז וויא בית הלל . האבען זייא גיזאגט צוא רבי דוסא מען האט דאך אונז גיזאגט פון דיינעט וועגין אז דוא זאגסט דער דין איז וויא בית שמאי ; האט רבי דוסא צוא זייא גיזאגט וויא האט איר גיהערט . דוסא זאגט דער דין איז וויא בית שמאי . אדער בן הרכינס זאגט דר דין איז ווי בית שמאי . האבען זייא גיזאגט צוא אים אזוי וויא דער רבי לעבט מיר האבען גיהערט בן הרכינס זאגט דער דין איז וויא בית שמאי . האבען מיר גימיינט אז דוא זאגסט אזוי . האט רבי דוסא גיזאגט איך האב אברודער איונגערין פון מיר . ער איז אבכור שטן . דאס מיינט מען ער איז אגרויסער חכם . אונ ער שטערט דיא חכמה פון אלע מענטשין . עס מוז נאר בלייבען וויא ער זאגט . ער הייסט יונתן . אונ ער איז אתלמיד פון שמאי . אונ איר זאלט אייך היטען פאר אים ער זאל אייך ניט פרעגין אזוי פיל קשיות ער זאל בייא אייך אוועק נעמען אייערע דינים . ער האט דרייא הונדערט תירוצים צוא זאגין אויף דיא קשיות וואס מען וועט בייא אים פרעגין . אונ ער ווייזט אז צרת הבת מעג גינומען ווערין צוא דיא



ברידער

מדוכה זו ישב חגי הנביא ואמר ג' דברים צרת הבת אסורה עמון ומואב מעשרין מעשר עני בשביעית ומקבלין גרים מן הקרדויים ומן התרמודיים תנא כשנכנסו נכנסו בפתח אחד וכשיצאו יצאו בג' פתחים פגע בו בר"ע אקשי ליה ואוקמיה א"ל אתה הוא עקיבא ששמך הולך מסוף העולם ועד סופו אשריך שזכית לשם ועדיין לא הגעת לרועה בקר א"ל ר"ע ואפילו לרועה צאן :

ו רבי יוחנן וסביא אמרי תרווייהו אין מקבלין גרים מן התרמודיים (שם ע"ב) פליגי בה ר' יוחנן וסביא חד אמר משום עבדי שלמה וחד אמר משום בנות ירושלים בשלמא למ"ד משום עבדי שלמה קסבר נכרי ועבד הבא על בת ישראל הולד ממזר אלא למ"ד משום בנות ירושלים מאי היא פליגי בה רב יוסף ורב כהנא ותרווייהו משמיה דרבה בר בר חנה חד אמר י"ב אלפי גברי ושיתא אלפי קשתויי וחד אמר י"ב אלפי גברי ומנייהו שיתא אלפי קשתויי בשעה שנכנסו נכרים להיכל הכל נפנו על כסף וזהב והם נפנו על בנות ירושלים שנאמר (איכה ה) נשים בציון ענו בתולות בערי יהודה א"ר שמואל בר

משמועתו לעשות כרבים : עמון ומואב. ישראלים הדרים בארץ עמון ומואב שכבש משה מסיחון ונתקדשו בקדושת א"י ועכשיו בבית שני בטלה קדושתה וזורעין בה בשביעית ותקנו להם מעשר ראשון ומעשר עני בשביעית כדמפרש לקמן מפני פרנסת עניים שבא"י שאין להם מה לאכול בשביעית לפי שהכל לקט שכחה ופאה ובאים שם ונוטלין שם לקט שכחה ופאה ומעשר עני : ומקבלים גרים מן הקרדויים וכו'. ולא אמרינן ממזרים הם מבנות ישראל שבאו עליהם נכרים דאיכא רבנן לקמן דפסלי : פגע בו. יונתן ברבי עקיבא :

עבדי שלמה. שנשאו בנות ישראל מאומות עובדי ודרין שם בחזקת נכרים וקסבר נכרי ועבד הבא על בת ישראל הולד ממזר : משום בנות ירושלים. לקמן מפרש לה בנות ירושלים בחורבנם שבאו נכרים ונשאום הכי גרסינן אלא למ"ד משום בנות ירושלים מאי היא : קשתויי.

---

ברידער. נאר איך זאג אויף מיר עדות דיא הימעל מיט דיא ערד אז אויף דעם שטוהל איז געזעסין חגי הנביא אונ ער האט געזאגט דרייא זאכען. אז צרת הבת איז אסור צוא דיא ברידער: אונ דיא יודין וואס וואוינען אין עמון אונ מואב. זייען אין שמטה אונ גיבען מעשר עני: אונ אז דיא קרדוים אונ דיא תרמודיים זענען זיך מגייר. נעמט מען זייא צווישען יודין. מיר האבען געלערנט ווען דיא דרייא תנאים זענען געקומען פאר רבי דוסא זענען זייא אריין געגאנגען דורך איין טיר. אונ ווען זייא זענען ארויס געגאנגען פון רבי דוסא: זענען זייא ארויס געגאנגען דורך דרייא טירען. יעדער דורך אבזונדער טיר: האט יונתן דער ברודער פון רבי דוסא בגעגענט רבי עקיבא: אונ ער האט געפרעגט קשיות צו רבי עקיבא. אונ רבי עקיבא איז געבליבען שטיין. ער האט ניט געוואוסט צוא ענטפערין. האט יונתן געזאגט צוא רבי עקיבא דוא ביסט דאס דער עקיבא וואס דיין נאמען גייט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערין עק וועלט. וואול צוא דיר דוא האסט זוכה געוועזען צוא אזוי א נאמען: דו ביסט נאך אבער ניט געקומען אפילו צו אפאסטוך פון אקסין. האט רבי עקיבא געזאגט אפילו צו אפאסטוך פון שעפסין אויך ניט :

ו רבי יוחנן אונ דיא אלטע לייט זאגען אז דיא תרמודיים זענען זיך מגייר נעמט מען זייא ניט צוא צווישען יודין. פאר וואס מען נעמט זייא ניט צוא צווישען יודין: אין דעם קריגט רבי יוחנן מיט דיא אלטע לייט. איינער זאגט דורך דיא קנעכט פון שלמה: אונ איינער זאגט דורך דיא טעכטער פון ירושלים. זאגט דיא גמרא דער וואס זאגט דורך דיא קנעכט פון שלמה ווארום דיא גוישע קנעכט פון שלמה האבען גינומען יודישע ווייבער אונ האבען געוואוינט אין תרמוד. אונ דער תנא האלט אז אגוי אדער אגוישער קנעכט נעמט איודישע ווייב זענען דיא קינדער ממזרים: אבער דער וואס זאגט דורך דיא טעכטער פון ירושלים. וואס מיינט מען: אין דעם קריגט רב יוסף אונ רב כהנא אונ ביידע זאגין פון רבה בר בר חנה וועגין. איינער זאגט צוועלף טויזענד מענטשין אונ זעקס טויזענד מענטשין מיט פיילינבויגינס ואיז אכטצעהן טויזענד מענטשין) . אונ איינער זאגט צוועלף טויזענד מענטשין. אונ זעקס טויזענד פון זייא האבען גיהאלטען פיילינבויגינס. ווען דיא גוים זענין אריין גיגאנגען אין היכל. אלע זענין גיגאנגען רויבין זילבער אונ גאלד. אונ זייא זענין גיגאנגען מזנה זיין מיט דיא טעכטער פון ירושלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיפייניגט ווייבער אין ציון. אונ זייא האבען גיפייניגט בתולות אין דיא

נחמני א״ר יונתן פסוק זה שר העולם אמרו (תהלים לז) נער הייתי גם זקנתי מאן אמריה אילימא קב״ה מי איכא זקנה קמיה ואלא דוד אמריה מי קשיש כולי האי אלא ש״מ שר העולם אמרו. וא״ר שמואל בר נחמני א״ר יונתן מ״ד (איכה א) ידו פרש צר על כל מחמדיה זו עמון ומואב בשעה שנכנסו נכרים להיכל הכל נפנו על כסף וזהב והם נפנו על ס״ת אמרו זה שכתוב בו (דברים כג) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה׳ ישרף באש. (איכה א) צוה ה׳ ליעקב סביביו צריו אמר רב כגון הומניא לפום נהרא:

מושכי קשת: נער הייתי. א״ד ואלדריש האי קרא לעיל מקמי ליה הכא: שר העולם. מלאך: הומניא לפום נהרא. בהומניא כמו ומגירין לבני פום נהרא שהם ישראל עניים: מעשרת השבטים הוא. שנשאו כותית וקסבר דכותית שילדה מישראל הולד ממזר וחוששין לקידושי ממזר: בדוכתא דקביעי. בני עשרת השבטים וכל קבוע כמחצה על מחצה דמי והיכא קביעי דכתיב וינחם בחלח וחבור: זה הדייב נהר גוזן וכו׳. מושכי (חדכי וחקיקי) [הידקי ודומקיא]:

ז א״ר יהודה אמר רב אסי נכרי שקדש בזמן הזה חוששין לקידושיו שמא מעשרת השבטים הוא והא כל דפריש מרובא פריש בדוכתא דקביעי דאמר רבי אבא בר כהנא (מ״ב יח) וינחם בחלח ובחבור נהר גוזן וערי מדי חלח זה הלואות וחבור זה הדייב נהר גוזן זו גינזק וערי מדי זה חמדן ותברותיה ואמרי לה זו ניהר וחברותיה מאן אמר שמואל כרך מושכי חידקי ורומקיא. פסולי דתרמוד משום עבדי שלמה

ו היינו

---

שטעט פון יהודה. דריבער זענין זייערע קינדער ממזרים. אונ זייא האבען גיוואהנט אין תרמוד רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן וועגין דעם פסוק האט גיזאגט דער שר פון דער וועלט. עס שטייט אין פסוק איך בין גיוועזן יונג אונ בין גיווארין אלט. ווער האט גיזאגט דעם פסוק. איך זאל זאגין גאט האט גיזאגט. גאט ווערט דאך ניט אלט. איך זאל זאגען דוד האט גיזאגט דעם פסוק. דוד איז גאר ניט אזוי אלט גיוועזן. נאר געווים האט דער שר פון דער וועלט גיזאגט דעם פסוק. נאך האט רבי שמואל בר נחמני גיזאגט פון רבי יונתן וועגין עס שטייט אין פסוק דער פיינד האט פאר שפרייט זיין האנט אויף אירע אלע גלוסטיגע זאכען. דאס מיינט מען עמון אונ מואב. ווען דיא גוים זענין אריין גיגאנגען אין בית המקדש. אלע זענין גיגאנגען רויבין זילבער אונ גאלד. אונ עמון מיט מואב זענין גיגאנגען צוא דיא ספר תורות. זייא האבען גיזאגט דיא תורה וואס אין איר שטייט עמון אונ מואב זאלין ניט קומען אין דיא פאר זאמלונג פון גאט זאל דיא ספר תורה פאר ברענט ווערין. אין פסוק שטייט גאט האט גיבאטען צוא יעקב זיינע פיינד זאלין זיין ארום אים. האט רב גיזאגט אזוי וויא הומניא מיט פום נהרא. אין הומניא וואוגען גוים אונ זייא טוהען צרות צוא דיא יודין וואס וואוגען נעבין זייא אין פום נהרא:

ז אמר׃ רב יהודה האט גיזאגט פון רב אסי וועגין אז א גוי האט מקדש גיוועזן אידישע מיידיל׃ האבען מיר מורא טאמער זענען זיינע קדושין גוטע קדושין. טאמער איז ער איוד אונ ער איז פון דיא צעהן שבטים וואס זענען פאר טריבען גיווארין בזונדער. פרעגט דיא גמרא דער וואס שיידט זיך אפ זאגין מיר דאך אז ער איז אפ גישיידט גיווארען פון די מערערע. אונ גוים זענען דאך מער וויא דיא עשרת השבטים׃ דארפען מיר דאך זאגען אז דער וואס האט איר מקדש גיוועזן איז גיוועזן אגוי. ענטפערט דיא גמרא דא שטועקט אויף דעם ארט ווא דיא עשרת השבטים וואוגען. דארט איז גלייך וויא עס וואלט גיוועזן העלפט מענטשין עשרת השבטים אונ העלפט מענטשין גוים. דריבער אז איינער האט מקדש גיוועזן אאשה. האבען מיר מורא טאמער איז ער פון דיא עשרת השבטים. וויארום רבי בר כהנא האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק אשור האט זייא געפירט אין חבור דער טייך גוזן אונ דיא שטעט פון מדי. חלח איז חלואות. חבור איז חדייב. דער טייך גוזן איז גינזק׃ דיא שטעט פון מדי איז חמדן אונ אירע שטעט. אנדערע זאגען דאס איז ניהר אונ אירע שטעט. ווער זענען אירע שטעט. האט שמואל גיזאגט דיא שטעט זענין מושבי חידקי דומקיא דיא מענטשין

פת

והיינו דאמרי אינשי קבא רבא וקבא זוטא מיגנדר יאזיל לשאול ומשאול לתרמוד ומתרמוד למישן וממישן להרפניא :

## כיצד פרק שני

**א** (דף כ) **איסור** קדושה שניות כדברי סופרים ואמאי קרי ליה איסור קדושה אמר אביי כל המקיים דברי חכמים נקרא קדוש א"ל רבא וכל שאינו מקיים דברי חכמים קדוש הוא דלא מקרי רשע נמי לא מקרי אלא אמר רבא קדש עצמך במותר לך :

**ב** (דף כא) **אמר** רבא רמז לשניות מן התורה מנין שנאמר (ויקרא יח) כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ אשר לפניכם האל קשות מכלל דאיכא רכות ואי נינהו שניות . ומאי משמע דהאי אל לישנא דקשה היא דכתיב (יחזקאל יז) ואת אילי הארץ לקח לימא פליגי דר' לוי קשה עונשן של מדות יותר מעונשן של עריות שזה נאמר בהן

איסור קדושה . זה שייך על מה שנאמר במשנה שיש בו איסור קדושה הולכת ולא פירשה ופירשו בברייתא מאי איסור קדושה שניות וכו' : קדש עצמך . לעשות ולהזהר : אף במותר לך . להוסיף לך שניה המותרות על העריות כדי שלא תבא לידי עריות שהאסורות מן התורה : כי את כל התועבות האל . גבי עריות כתיב דמשמע כל התועבות הקשות: מכלל דיש רכות וקלות מהן ואיזורות : אלה . במדות כתיב כי תועבת ה' אלהיך כל עושה אלה כל עושה של

---

פון תרמוד זענין פסול ווייל זייא זענין געבארען פון דיא קנעכט פון שלמה ווייא פריער שטייט דאס איז וואס מענטשין זאגען דיא גרויסע מאס ועבירות וואס איז געוועזען אין מישן . עזות פנים אונ ממזרות) אונ דיא קליינע מאס ועבירות וואס איז געוועזען אין תרמוד . דיא קנעכט פון שלמה) האט זיך גיקוילערט אונ איז גיגאנגען צוא שאול ודאס איז בבל ועיין תוס') אונ פון שאול צוא תרמוד . אונ פון תרמוד צוא מישן . אונ פון מישן צוא ארפניא (דיא אלע ערטער איז איינע נידעריגער ווייא דיא אנדערע) :

## פרק שני

**א** איסור . דיא ווייבער וואס זענין אסור אויף דעם יבם מחמת קדושה . טאר מען זייא ניט מיבם זיין . מען דארף זייא געבין חליצה . דאס מיינט מען זייא זענען אסור אויף דעם יבם ווייל דיא רבנן האבען גיאסרת פאר וואס רופט מען דאס איסור קדושה . האט אביי גיזאגט דער וואס איז מקיים דיא רייד פון דיא חכמים ווערט ער גירופען א הייליגער מענטש : האט רבא גיזאגט צוא אביי אונ דער וואס איז ניט מקיים דיא רייד פון דיא חכמים ווערט ער ניט גירופען הייליג . אבער ארשע ווערט ער אויך ניט גירופען . ער איז דאך יא ארשע . האט רבא גיזאגט דריבער ווערט דאס גירופען איסור קדושה : ווארום א מענטש דארף זיך הייליגען אפילו מיט דיא זאכען וואס ער מעג . איסור קדושה איז טייטש דיא זאך איז אסור ווייל מען דארף זיין הייליג אונ זיך אפ שיידין אפילו פון דיא זאכען וואס מען מעג . מען זאל ניט קומען צוא טאהן וואס מען טאר ניט :

**ב** אמר . רבא האט גיזאגט וואו שטייט אין דער תורה אז אויסער דיא ווייבער וואס דיא תורה האט גיאסרת . איז דא נאך ווייבער וואס דיא רבנן האבען גיאסרת : עס שטייט אין פסוק כי את כל התועבות האל : ווארום דיא אלע מיאוסע זאכען האבין גיטאן די מענטשין פון דער לאנד וואס זענין געוועזען פאר אייך . האל איז טייטש שטארק : שטארקע עבירות . אז מען רופט דיא עבירות שטארקע . מוז זיין אז עס איז דא שוואכע אונ גרינגערע עבירות . דאס זענען די ווייבער וואס דיא רבנן האבען דיא גיאסרת . פון וואנען ווייסען מיר אז אל איז דער טייטש שטארק . ווארום עס שטייט אין פסוק ואת אילי הארץ לקח : ער האט גינומען דיא שטארקע פון דעם לאנד זאגט דיא גמרא ועלין מיר זאגען אז רבא קריגט אויף רבי לוי . ווארום רבי לוי האט גיזאגט דער שטראף פון אפאלשע מאס איז גרעסער ווייא דער שטראף פון זנות . ווארום בייא זנות שטייט

דער

בהן אל וזה נאמר בהן אלה אל קשה ואלה קשה מאל
גבי עריות נמי הא כתיב אלה ההוא למעוטי מדות מכרת
אלא מאי חומרייהו הני אפשר בתשובה הני לא אפשר
בתשוב׳ רב יהוד׳ אמר מהכא (קהלת יב) און וחקר תקן משלי׳
הרבה אמר עולא א״ר א. קודם שבא שלמה היתה תורה
דומה לכפיפה שאין לה אזנים עד שבא שלמה ועשה לה
אזנים ר׳ אושעיא אמר מהכא (משלי ד) פרעהו אל תעבר
בו שטה מעליו ועבור. אמר רב אשי משל דר׳ אושעיא
למה״ד לאדם משמר פרדס משמרו מבחוץ כולו משתמר
מבפנים שלפניו משתמר שלאחריו אינו משתמר והא
דרב אשי בדותא היא התם שלפניו מיהו משתמר
הבא אי לאו שניות פגע בערוה גופה . רב כהנא אמר מהכא (ויקרא יח) ושמרתם את

משמרתי

דקאמר יותר משל עריות: מכלל דאלו לא קשה אלה . הא כתיב אלה . מכל התועבות האלה ונכרתו: עריות אפשר בתקנה . כל זמן שלא הוליד ממזר יפרוש ממנה ויתכפר אבל מדות גזל את אחרים הוא ואינו יודע למי יחזור ואע״ג דקי״ל יתקן בהם צרכי רבים לאו תשובה מעלייתא היא: און . לשון אזנים בית אחיזה כדאמרינן בעירובין לימד דעת את העם דהגמרה בסימני טעמא והסבירה כדדמי גמר מלתא ממלתא והזהיר על דברי סופרים דכתיב ויותר מהמה בני הזהר [הזהר] בדברי סופרים יותר מדברי תורה וגזר על השניות: אזנים . של קופה לאחוז בהן הקופה ומתקנת בלא סמוך הכי נמי על ידי שניות מתרחקין מן העריות: פרעהו . (הגדילהו) [הגלהו] לאיסור והוסיף עליו כדי שלא תעבור בו לשון גדל פרע: ושמרתם את משמרתי . גבי עריות כתיב:

---

דער ווארט אל: אונ ביא אפאלשע מאס שטייט דר ווארט אלה זעהן מיר דאך אז אלה איז טייטש שטארק. אונ אל איז ניט דער טייטש שטארק. איז דאך ניט וויא רבא. ענטפערט דיא גמרא אל איז טייטש שטארק. אונ אלה איז שטארקער וויא אל. פרעגט דיא גמרא ביא זנות שטייט דאך אויך אלה. ענטפערט דיא גמרא דער אלה ווייזט אז נאר ביא עריות קומט כרת אבער ביי פאלשע מאס קומט ניט קיין כרת. נאר מיט וואס דען איז אפאלשע מאס ערגער וויא זנות. אויף זנות קען מען טאהן תשובה. אונ אויף אפאלשע מאס קען מען ניט טאהן תשובה. רב יהודה זאגט פון ואנען האבען דיא רבנן אפ געלערנט אז מען דארף אסרין אזעלכע זאכען וואס דיא תורה האט ניט געאסרת. עס שטייט אין פסוק ביא שלמה המלך און וחקר תקן משלים הרבה. וואס מיינט מען און: האט עולא געזאגט פון רבי אלעזרס וועגין אידער שלמה איז געקומען איז דיא תורה געוועזען אזוי וויא אקארב וואס האט ניט קיין אויערן אן צוא נעמען: אז שלמה איז געקומען האט ער גימאכט אויערן צוא דער תורה. אזו וויא אקארב אז דיא האט ניט קיין אויערן. מוז מען אן נעמען דיא קארב. אבער אז זיא האט אויערן נעמט מען אן די אויערן האלט זיך שוין דיא גאנצע קארב: אזוי ביא דיא תורה האט אויך שלמה גימאכט אסור נאך פיל זאכען. וואס עס שטייט ניט אין דיא תורה: אז מען האלט דיא איסורים. האלט זיך שוין די גאנצע תורה. אזוי האבען דיא רבנן גיאסרת נאך ווייבער. מען זאל ניט קומען מזנה זיין מיט דיא ווייבער וואס דיא תורה האט גיאסרת. רבי אושעיא האט גיזאגט פון ואנען האבען די רבנן אפ גילערנט אז מען דארף אסרין אזעלכע זאכען וואס דיא תורה האט ניט גיאסרת. עס שטייט אין פסוק פרעהו אל תעבור בו שטה מעליו ועבור. דוא זאלסט פאר גרעסערין דעם איסור ווה זאלסטו אסרין אזעלכע זאכען וואס שטייט ניט אין דיא תורה דוא זאלסט ניט עובר זיין דעם איסור וואס שטייט אין דיא תורה: דוא זאלסט אפ קערין פון דעם איסור אונ זאלסט אוועק גיין פון אים. רב אשי זאגט דיא רייד פון רבי אושעיא וועגין גלייך צוא אמענטשין וואס האט אוויינגארטין אונ ער וויל אים היטען. אויב ער שטייט פון אויסוויינינג אונ היט אים. איז דער גאנצער וויינגארטין געהיט. אונ אויב ער שטייט אינווייניג. דיא בוימער וואס זענין פר אים ווערין געהיט. אונ דיא בוימער וואס זענין אינטער אים ווערין ניט געהיט: זאגט דיא גמרא דער משל פון רב אשי איז ניט גלייך ביא דעם וויינגארטין אז ער שטייט אינווייניג אונ היט. ווערין ווייניגסטינס געהיט דיא בוימער וואס זענין פאר אים. אבער דא ביא דער תורה אז ער וועט ניט היטען דיא מצות וואס אויסער דיא תורה וועלין דיא מצות וואס אין דיא תורה אויך ניט געהיט ווערין. ער וועט מזנה זיין מיט דיא עריות וואס עס שטייט אין דיא תורה אז מען טאר ניט. רב כהנא זאגט פון ואנען האבען דיא רבנן אפ גילערנט אז מען דארף אסערין

אזעלכע

משמרתי עשו משמרת למשמרתי א"ל אביי לרב יוסף הא דאורייתא הוא. דאורייתא ופרשו רבנן. כל התורה נמי פרשו רבנן אלא מדרבנן וקרא אסמכתא בעלמא :

ג (דף כב) [פיסקא] מי שיש לו בן מ"מ פוטר אשת אביו מן היבום וחייב על מכתו.

אמאי קרי כאן (שמות כב) ונשיא בעמך לא תאור בעושה מעשה עמך כדאמר רב פנחס משמיה דרב פפא בעושה תשובה ה"נ כשעשה תשובה והאי בר תשובה הוא

כגון זה מעשה עמך. [והאי אביו נמי עושה מעשה עמך הוא דהרי בא על הערוה והוליד ממנו ממזר]: כדאמר רב פנחס. בפרק תומר נקדש: בשהיה מיסת. הואיל ושב עושה מעשה עמך הוא והכי נמי דעונו גלוי (וניכר) [ונזכר] כ"ה שממזר קיים מיהו מהשוב' ואילך בכלל עושה מעשה עמך הוא: מכאן שמצוה בגדול ליבם. שהי דרים ולקחה לו לאשה ויבמה והיה הבכור שמיבם יקום הבכור: אשר תלד. ולאשה יבמה תהיה להוציא ילד פרט לאילונית: יקום. היבם ע"ש אחיו לנחול נחלתו ולא יחלקו אחיו עמו: פסק לאמר

(והתניא) [והתנן] שמעון בן מנסיא אומר איזהו (קהלת א) מעוות לא יוכל לתקן זה הבא על הערוה והוליד ממנה ממזר הָשתא מיהא עושה מעשה עמך הוא :

ד (דף כד) ת"ר (דברים כה) והיה הבכור מכאן שמצוה בגדול ליבם אשר תלד פרט לאילונית שאינה יולדת יקום על שם אחיו לנחלה אתה אומר לנחלה או

---

אזעלכע זאכען וואס די תורה האט ניט געאסרת. עס שטייט אין פסוק ושמרתם את משמרתי איר זאלט מאכען אהיטונג צוא מיין היטונג. האט אביי געזאגט צוא רב יוסף איז דאך דאס אויך פון די תורה. די תורה האט געהייסען אויסווייניג מען זאל נאך אסרין אויסער וואס עס שטייט אינוויינינג אין די תורה. האט רב יוסף געזאגט די תורה האט טאקי געאסרת אויסווייניג. נאר מען ווייס דאך ניט וואס די תורה האט געאסרת. האבען אונז די רבנן געזאגט. פרעגט די גמרא די גאנצע תורה איז דאך אויך אזוי: די רבנן זאגען וואס די תורה מיינט. נאר די אלע זאכען האבען נאר די רבנן געאסרת ניט די תורה. נאר די רבנן האבען אן גילעגט זייערע רייד אויף א פסוק אין דער תורה:

ג פיסקא. מי. אז איינער איז געשטארבען און האט געלאזען א זוהן; וואס פאר א זוהן עס איז. אפילו א ממזר; איז זיין פאטערס ווייב פריי פון יבום. און אז איינער לעבט און האט א זוהן. אפילו דער זוהן איז א ממזר; און דער ממזר האט געשלאגען זיין פאטער. קומט אים צוא הרגנן. פרעגט די גמרא פאר וואס; עס שטייט דאך אין פסוק ונשיא בעמך לא תאור א נשיא אין דיין פאלק זאלסטו ניט פלוכען; וואס מיינט מען אין דיין פאלק. אז ער טוהט אזוי ווי דיין פאלק טוהט; טארסטו אים ניט פלוכען אבער אז דער נשיא איז ניט פרום מעג מען אים פלוכען. ביי א פאטער איז אויך אזוי. אויב דער פאטער איז פרום; טאהר ניט דער זוהן אים פלוכען און ניט שלאגען; אבער אז דער פאטער איז ניט פרום. מעג אים דער זוהן פלוכען און שלאגען. און אז דער פאטער האט א ממזר. איז ער דאך ניט פרום. דארף דאך זיין אז דער ממזר האט געשלאגען דעם פאטער. זאל ער ניט געשטראפט ווערין. ענטפערט די גמרא אזוי ווי רב פנחס האט געזאגט פון רב פפאס וועגין אז ער האט גיטאהן תשובה: שמועסט דא אויך אז ער האט גיטאהן תשובה; פרעגט די גמרא העלפט דען אים תשובה. מיר האבען דאך גילערענט שמעון בן מנסיא זאגט וועלכעס הייסט פאר קרומט וואס מען קען ניט פאריכטען. אז ער האט מנהג גיוועהן מיט זיינע א שוועסטער (אדער אנדערע קרובות) און זיא האט געבארין פון אים א ממזר. העלפט ניט קיין תשובה צוא דער עבירה. ענטפערט די גמרא אז ער האט גיטאהן תשובה: צוא די עבירה העלפט טאקי ניט קיין תשובה. אבער פון דעסטוועגין הייסט ער אערליכער יוד: און זיין זוהן דער ממזר טאר אים ניט שלאגען און פלוכען:

ד תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק והיה הבכור. עס זאל זיין דער בכור. פון דאנען ווייסען מיר אז עס איז א מצוה דער עלטערער ברודער זאל מיבם זיין; אשר תלד. אויב די יבמה קען האבען קינדער זאל מען איר מיבם זיין. אבער אז זיא איז א עקרה; זיא קען ניט האבען קינדער; זאל מען איר ניט מיבם זיין. אין פסוק שטייט יקום על

שם

לנחלה. והאי יקום בייבם משתעי: לא אינו. אלא בן שיולד לו משתעי שאם היה שם המת יוסי קורין לו יוסי: אין מקרא יוצא מידי פשוטו. ואף על גב דהדר ליה לדרשא מידי פשוטו מיהו לא נפיק לגמרי: ואפיקתיה לגמרי. שאין צריך לקרות לבנו כשם אחיו המת [והכי גמר לה מרביה]: גרי אריות. שגן מתים דכתיב בספר מלכים וישלח ה' בם את האריות ונתגיירו כדכתיב התם עליה שמרת: גרי חלומות. בעל חלומות אמר להם להתגייר: מרדכי ואסתר. ורבים מעמי הארץ מתיהדים: בזמן הזה כ"ד. דכל הני דמקמי הכי אלו גרים נינהו כגון נבוזראדן וכיוצא בו: כבזמן הזה. שלא יעבה מהמת צרכה: ולזות שפתים

או אינו אלא לשם יוסף קורין אותו יוסף יעקב קורין אותו יעקב נאמר כאן יקום ע"ש אחיו ונאמר להלן (בראשית מח) ע"ש אחיהם יקראו בנחלתם מה שם האמור להלן נחלה אף שם האמור כאן לנחלה ולא ימחה שמו פרט לסריס ששמו מחוי אמר רבא אע"ג דבכל התורה כולה אין מקרא יוצא מידי פשוטו הכא אתאי גזרה שוה אפיקתיה מפשטיה לגמרי:

ה (שם ע"ב) **רבי** נחמיה אומר אחד גרי אריות ואחד גרי חלומות ואחד גרי מרדכי ואסתר אינם גרים עד שיתגיירו בזמן הזה ס"ד א"א אימא כבזמן הזה אע"פ שכבר יעלו הלכה כדברי האומר כולם גרים הם אפ"ה הנטען מן הכותי ונתגיירה אסור לכנסה לכתחלה משום דרב (אשי) [אסי] דאמר רב (אשי) [אסי] (משלי ד) הסר ממך עקשות פה ולזות שפתים הרחק ממך. תנו רבנן אין מקבלין גרים לימות המשיח כיוצא

---

שם אחיו. ער זאל שטיין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער. דער יבם זאל זיין דער יורש פון זיין ברודער. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז דער פסוק מיינט דעם יבם ער זאל ירשנן דעם ברודער. טאמער מיינט מען דעם זוהן. דער קינד וואס וועט געבארין ווערין פון דעם יבם מיט דיא יבמה זאל ער גירופען ווערין אויף דעם געשטארבענעמס נאמען. אויב דער געשטארבענער האט געהייסען יוסף. זאל מען דעם קינד אויך רופען יוסף. אויב ער האט געהייסען יעקב. זאל מען דעם קינד אויך רופען יעקב. ענטפערט דיא גמרא דא שטייט ער זאל שטיין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער. אונ דארטין שטייט אויף דעם נאמען פון זייערע ברידער זאלען זיא גירופען ווערין צוא ירשנן. אזוי וויא דארטין מיינט מען זיא זאלען גירופען ווערין אויף דעם נאמען פון זייערע ברידער צום ירשנן אזוי דא מיינט מען אויך ער זאל גירופען ווערין אויף דעם נאמען פון זיין ברודער צוא ירשנן אים. אין פסוק שטייט עס זאל ניט אפ גימעקט ווערין זיין נאמען אבער אז דער געשטארבענער איז גיוועזען א עקר. ער וואלט ניט גיהאט קיין קינדער. וואלט דאך זיין נאמען סייא ווי גיוועזען אפ גימעקט פון דער וועלט. דארף מען ניט מיבם זיין דיא ווייב זיינע. רבא זאגט אפילו מיר זאגען אין דיא גאנצע תורה דער פסוק גייט ניט ארויס פון זיין פראסטין מיינונג. אבער דא האט דיא גזרה שוה אויס גיצויגין דעם פסוק אין גאנצען פון זיין פראסטען מיינונג. אונ דער קינד וואס וועט געבארין דארף ניט הייסען יעם זעלבינען נאמען וואס דער געשטארבענער ברודער האט געהייסען:

ה רבי נחמיה זאגט סיי דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר געוועזען וויל זיא האבען מורא גיהאט נאר דיא לייבין. אונ סייא דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר געוועזען דורך חלומות. עס האט זיא געחלומת זיא זאלען זיך מגייר זיין. אונ סייא דיא מענטשין וואס האבען זיך מגייר געוועזען אין דיא צייט פון מרדכי אונ אסתר. דיא אלע זענען ניט קיין גרים. ביז ווען זיא זאלען זיך מגייר זיין אין דיא איצטיגע צייט. פרעגט דיא גמרא ווער איז זיך היינט מגייר. נאר אזוי מיינט מען דער וואס האט זיך מגייר געוועזען אזוי וויא היינטיגע צייט איז. ניט פר מורא אונ ניט פאר גרויסקייט נאר פון גאטס וועגין. דער הייסט אמתר גר. זאגט דיא גמרא אפילו דער דין איז וויא דער וואס זאגט אלע גרים זענען וויא יודין. פון דעסטוועגין אז מען איז חושד איד אונ מען רעט אויף אים אז ער וואונט מיט א גויה. אונ זיא האט זיך מגייר געוועזען. טאר ער זיא ניט נעמען פאר א ווייב ווייל פון רעכטעוועגין אויב ער האט איר גינומען איז זיא זיין ווייב. ווייל רב אסי האט גיזאגט טוה אפ פון דיר דיא מויל פאר קרימונג. אונ דיא פאר קרימונג פון דיא לעפצין דער ווייטער פון דיר. עס זאל קיינער ניט פאר קרימען דיא מויל צוא רייערן אויף דיר

כיוצא בו לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה א"ר אלעזר מאי קראה (ישעיה נד) הן גור יגור אפס מאותי מי גר אתך עליך יפול מי גר אתך בעניותך הוא דעליך יפול אבל אידך לא:

סרחון מנך. דאתו לאחזוקי לקלא קמא: הן גור יגור. הגא להתגייר יגור: אפס מאותי. כשור שאין אני עמהם והגייר דהיינו בזמן הזה: מי גר אתך בעניותך. כאשר אמרתי לך: עליך יפול. לעולם הבא: יפול. ימות כמו על פני כל אחיו נפל יפול מלך אלך:

## ארבעה אחין פרק שלישי

**א** (דף לד ע"ב) א"ר יצחק כל מועכות של בית רבי תמר שמן ולמה נקרא שמן תמר ע"ש תמר שמיעכה באצבעה והא הוו ער ואונן שלא כדרכן שמשו בשלמא אונן כתיב ביה (בראשית לח) ושחת ארצה אלא ער מנ"ל ארנב"י וימת גם אותו אף הוא באותה מיתת מת. בשלמא אונן משום לא לו יהיה הזרע אלא ער מאי טעמא עבד הכי כדי שלא תתעבר ותכחיש יפיה:

כל מועכות של בית רבי. המשירות בתולותיהן באצבעותיהן: המי שמן ע"ש תמר שמיעכה באצבעה. קודם ביאה ועתה פתוח והוא לה כפתי ביאות דכביאה לחשוב לא תיעכר:

## החולץ פרק רביעי

**א** (דף לז ע"ב) תניא ר"א בן יעקב אומר לא ישא אדם אשה ודעתו לגרשה משום שנאמר

---

דיר. אונ אז ער וועט מיט איר איצט חתונה האבען. וועלין אלע זאגען עס איז טאקי אמת או פריער ווען זיא איז געוועזען אגויה האט ער אויך מיט איר געוואונט. דיא רבנן האבען געלערנט ווען משיח וועט קומען וועט מען ניט צוא נעמען גרים. אונ אין דיא צייט פון דוד המלך אונ שלמה המלך האט מען אויך ניט צוא גינומען קיין גרים. רבי אלעזר זאגט פון וועלכין פסוק וייסען מיר דאס. עס שטייט אין פסוק הן גור יגור. ווער עס וועט זיך וועלין מגייר זיין. אפס מאותי. זאל ער זיך מגייר זיין ווען איך בין ניטא מיט דיא יודין. דאס מיינט מען ביי די איצטיגע צייט. איידער משיח קומט. מי גר אתך. ווער עס האט געוואונט מיט דיר ווען דוא ביסט געוועזען ארעם. עליך יפול. וועט ער רוהען מיט דיר ווען משיח וועט קומען. אבער אנדערע גרים וועט מען ניט צוא נעמען:

## פרק שלישי

## פרק רביעי

**א** תניא. מיר האבען געלערנט רבי אליעזר בן יעקב זאגט אמענטש זאל ניט חתונה האבען

---

תוספות. לא קבלו גרים בימי דוד וביוזי שלמה מאחי הנתי ובת פרעה דבימי שלמה לא קשה דמידי הוא טעמא אלא משום שולחן מלכים והכי לא גריכי אבל קשה דאמרינן בהערל גבי מעשה דגבעונים דבימי דוד נתוספו גרים על ישראל ק"נ אלף וי"ל דמעלמן נתגיירו כדאשכחן גבי מרדכי ואסתר ורבים מעמי הארץ מתיהדים יש ספרים שכתוב בהן לא קבלו גרים לא בימי דוד ולא בימי שלמה אלא שנעשו גרים גרורים והיא דס"ג דשבת כהנא דאתא לקמיה דהלל ואמר גיירני ע"מ לעשות כ"ג בשות היה הלל דסופו לעשות לש"ש וכן בהיא דהאבלא דאתא לקמיה דר' גיירני ע"מ שאגשא לאותו תלמיד:

כרי"ף. אין מקבלים גרים וכו' ובתוספות דפ"ב דשבת הכוה דאתא לקמיה דהלל ואמר גיירני על מנת לעשות כ"ג בשות היה וכו' ע"כ. ותמיה לי כיון דבימי דוד ושלמה לא קיבלו גרים לפי שהיו ישראל בגדולה אבל בזמן הזה שישראל הם בעני' ובגלות מקבלין גרים ולא שאני לן בין מתגייר ע"מ לקבל פרס או לא א"כ מה קשו התוספות מהלל שקיבל אותו שנתגייר ע"מ לעשות וכו' כי בימי הלל כיו ישראל בגלות ונתקיים מי גר אתך בעניותך עליך יפול וכו' ולכך קיבלו אף על פי שאמר גיירני ע"מ שאהיה כ"ג דאם מסקינן לעיל א' שנתגייר אים לשם אשה וכו' וכן שנתגייר על שולחן מלכים כולם גרים הם וצריך לומר דה"מ בדיעבד אע"פ שהיה חלבו כך אבל לכתחלה לא' גייר' ע"מ כך לא. והלל שקבלו לכתחלה הוא משום שהיה בטוח בו בסופו לעשות לשם שמים:

ולזרעך אחריך. שאין השכינה שורה אלא על הזרע שמיוחס אחריו והכי נמי קי"ל בנדרים ופרשו מכס כמוכסים והפוסעים בי אלו נמי עניבות :

לפי שנתגייר. גר שנתגייר ונתגיירה עמו צריכים להמתין ג' חדשים לפרוש זה מזה והכא נמי להמתין איכא כדי להבחין כאן כתבון ונמי :

ספקא. בן ספק פיסולאות :

אמרי

(משלי ג) אל תחרוש על רעך רעה :

ב (דף מא) **משנה** היבם : לא תחלוץ ולא תתיבם עד שיש לה שלשה חדשים וכן כל שאר הנשים לא יתארסו ולא ינשאו עד שיהו להן שלשה חדשים ופירשו בגמרא לא תתיבם שמא יהיה הולד בן קיימא וקא פגע באיסור אשת אח וכו' :

ג (דף מג) **פיסקא** וכן שאר כל הנשים וכו' בשלמא יבמה כדאמרן אלא שאר כל הנשים אמאי אמר רב נחמן אמר שמואל משום דאמר קרא (בראשית ח) להיות לך לאלהים ולזרעך אחריך להבחין בין זרעו של ראשון לזרעו של שני מתיב רבא לפיכך גר וגיורת צריכין להמתין ג' חדשים הבא מאי להבחין איכא ה"נ איכא להבחין בין זרע שנזרע בקדושה לזרע שלא נזרע בקדושה :

ד (דף מט) **ההוא** דאתא לקמיה דרב א"ל כותי ועבד הבא על בת ישראל מהו א"ל

---

האבען מיט אזוי אהייב וואס ער מיינט איר צוא גטין. ווייל עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט טראכטען שלעכץ אויף דיין חבר וואס ער זיצט זיכער מיט דיר :

ב משנה. היבמה זאל ניט נעמען חליצה אונ מען זאל איר ניט מיבם זיין ביז נאך דריא חדשים וויא דער מאן איז געשטארבען אונ אזוי אלע ווייבער זאל מען ניט מקדש זיין אונ זאלין ניט חתונה האבען ביז נאך דרייא חדשים וויא מען האט זייא געגט אדער וויא דער מאן איז געשטארבען. זאגט דיא גמרא מיבם זיין טאר מען ניט ביז נאך דרייא חדשים וויא דער מאן איז געשטארבען. ווארום אז מען ועט איר מיבם זיין פריער. טאמער איז זיא מעוברת פון מאן אונ זיא וועט געבוירן אקינד אונ ער וועט לעבין טאר דאך איר דער ברודער ניט נעמען. עס קומט דאך כרת. אבער צוא דרייא חדשים ווייס מען שוין ביי א אשה אויב זיא איז מעוברת אדער ניין: זאגט דיא גמרא אונ פאר וואס טאר מען ניט חתונה האבען מיט אנדערע ווייבער. פאר דרייא חדשים פון זייער גט אדער פון זייער מאנס שטארבען. האט רב נחמן געזאגט פון שמואלס וועגן ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא אברהם איך זאל זיין צוא דיר אגאט אונ צוא דיינע קינדער נאך דיר. מען זאל וויסען צוא וועמען געהער דאס קינד צום ערשטין מאן אדער צום אנדערין מאן. אז זיא וועט חתונה האבען פאר דרייא חדשים. טאמער וועט זיא געבארין אקינד צוא זיבען חדשים נאך דיא אנדערע חתונה. וועט מען ניט וויסען צוא וועמען געהער דס קינד. טאמער איז דאס קינד געבאהרין געווארין צוא זיבען חדשים אונ ער איז פון אנדערין מאן. אדער ער איז געבארין צוא נייַן חדשים אונ ער איז פון ערשטין מאן : האט רבא גיפרעגט דער דין איז אז אגוי מיט זיין ווייב האבען זיך מגייר געווען. דארף זיך דער מאן אפ שיידין פון זיין ווייב דרייא חדשים. פאר וואס. זאגט דיא גמרא דא דארף מען אויך וויסען אויב דאס קינד איז געשאפען געווארין ביי דיא מוטער אין בויך ווען זייא זענין נאך געווען גוים. אדער דער נאך וויא זייא האבען זיך שוין מגייר געווען. אונ אז זייא וועלין ניט זיין אפ געשיידעט איינער פון אנדערין נאך דעם מגייר זיין טאמער וועט זיא האבען אקינד צוא זיבען חדשים נאך דעם וויא זייא האבען זיך מגייר געווען : וועט מען ניט וויסען צוא דאס קינד איז געבארין צוא זיבען חדשים. איז זיא מיט איהם מעוברת געווארין נאך דעם מגייר זיין. אדער ער איז געבארין צוא נייַן חדשים איז זיא מיט איהם מעוברת געווארין ווען זיא איז נאך געווען אגויה. אבער אז זייא שיידין זיך אפ אויף דרייא חדשים : נאך דעם אז זייא וועלין צוזאמען קומען וועט מען דאך שוין וויסען אויב זיא איז מעוברת פון פריער אדער ניין ווארום צוא דרייא חדשים ווייס שוין א אשה אויב זיא איז מעוברת אדער ניין :

ג ההוא. איינער וואס זיין פאטער איז געווען אגוי אונ זיין מוטער איז געווען אאידישע,

אונ

הולד כשר א"ל הב לי ברתך לא יהיבנא לך אמר רב
שימי בר חייא לרב אמרי אינשי גמלא במדי אקבא
דקדא הא גמלא והא קבא והא מדי ולא רקדא א"ל אי
גיהוי כיהושע בן נון לא יהיבנא ליה ברתי א"ל אי הוה
ביהושע בן נון אי מר לא יהיב ליה אחריני יהבי ליה
לא הוה קא אזיל מקמיה יהיב ביה עיניה ושכיב ואף
רב מתנה מורה בה להיתירא ואף ר' יהודה מורה בה
להיתירא דכי אתא לקמיה דר' יהודה א"ל זיל איטמר
או נסיב בת מינך וכי אתא לקמיה דרבא א"ל או גלי
או נסיב בת מינך :

ה (דף מו) ת"ר גר שמל ולא טבל ר' אליעזר אומר
הרי זה גר שכן מצינו באבותינו שמלו
ולא טבלו טבל ולא מל ר' יהושע אומר ה"ז גר שכן מצינו באמהות שטבלו ולא מלו
וחכ"א טבל ולא מל מל ולא טבל אינו גר עד שימול ויטבול ר' יהושע נמי נילף
מאבות

אמרי אינשי גמלא במדי אקבא רקדא. גמל ז"ל תורקא בתוך קב קטן כדי רגליו ומלבוש מדי וגוחנת: הא קבא והא גמלא והא מדי. יכא וירקוד לפניו כלומר אדם שהאמר דבר שאינו אמת דבריך ואין לו בתוך: לא הוה אזיל מקמיה. אי הוי בן כיהושע דקא"ל הב לי ברתך: זיל איטמר [לך] במקום שלא יכירוך ושא בת ישראל שאינו יכירך לא יקנוס לך אלמנה לאו ממזר הוא מדאכשר ליה בת ישראל שהרי ממזר מוזהר על הכשרה:

בת מינך. בת ישראל מן כותי שכשרים כמותך אבל ממזרת ופסולה לא תשא אלמא כשר הוא:

גלי. לא נגלות במקום אחר שלא יכירוך ויתנו לך בת ישראל כשרה:

לאבותינו שמלו. בימי משה כשיצאו ממצרים ויצאו מכלל בני נח לקבל התורה ולקבל פני השכינה:

לאמהות. כשותיהם שטבלו כדמפרש לקמן דלאו טבלו במה נכנסו תחת כנפי השכינה:

---

איז ער געקומען פאר רב : און האט געפרעגט ביי רב אזוי אדער אנדערשט . קענסט וואס דיא
האבען מנה געווען מיט אידישע טאכטער . וואס איז דאס קינד . האט רב געזאגט דאס קינד איז
כשר . האט ער געזאגט צוא רב אז איך בין כשר גיב מיר דיין טאכטער פאר א ווייב . האט רב
געזאגט איך וועל דיר ניט געבין . האט רב שימי בר חייא געזאגט צוא רב מענטשען זאגין אז
אין מדי טאנצט א גרויסער קעמל אין א קב ודאס איז אזוי אקליינע מאס . אונ דאס איז א וואונדער .
אונ דא איז דער קעמל , אונ דער קב . אונ מדי , אונ דער קעמל טאנצט ניט . רב שימי האט
געמיינט צוא זאגין צוא רב דוא האסט מתיר געווען אזייא זאך . ווייז אונז אז די זאך איז אמת .
אז דוא וועסט אים געבין דיין טאכטער פאר א ווייב וועלין מיר וויסען געוויס אז ער דין איז
אזוי . האט רב געזאגט אפילו ער וואלט געווען אזוי וויא יהושע בן נון וואלט איך אים אויך ניט
געגעבען מיין טאכטער . האט רב שימי געזאגט אז דער מענטש וואלט געווען אזוי וויא יהושע בן
נון אז דוא וואלסט אים ניט געגעבין דיין טאכטער . וואלט אים איין אנדערער געגעבין זיין
טאכטער . האט דער מענטש ניט געוואלט אוועק גיין פון רב נאר ער זאל אים געבין זיין טאכטער .
האט רב אויף אים אקוק געטאהן איז ער געשטארבען . זאגט דיא גמרא רב מתנה האט אויך געפסקנט
אז דער מענטש וואלט גימעגט נעמען אידישע ווייב . רב יהודה האט אויך געזאגט אז אזא מענטש
וואלט גימעגט נעמען אידישע ווייב : אז אזוי א מענטש פלעגט קומען פאר רב יהודה פלעגט
ער זאגען צוא אים אדער גייא באהאלט דיך : גייא אויף אזוי אארט וואס מען וועט דיך ניט
קענען , מען וועט מיינען דוא ביסט אאמתר יוד . וועט מען דיר געבין אידישע ווייב . אדער נעם
א עלקע וויא דוא ביסט . א טאכטער וואס איר פאטער איז א גוי אונ איר מוטער איז אידישע . אונ
אז אזא מענטש פלעגט קומען פר רבא פלעגט רבא צו אים אויך אזוי זאגין . אדער גייא אין אנדערע ארט
וואס מען וועט דיך ניט קענען וועט מען דיר געבין אידישע ווייב , אדער נעם א עלקע וויא
דוא ביסט :

ד תנו רבנן , דיא רבנן האבען געלערנט אויב א גר האט זיך גימלת אונ ניט טובל
געווען . רבי אליעזר זאגט ער איז א גר . ווארום אזוי געפינען מיר ביי אונזערע עלטערין וואס
זענין ארויס געגאנגען פון מצרים זייא זענין אויך געווען גרים אונ האבען זיך גימלת אונ ניט
טובל געווען . אונ אויב דער גר האט זיך טובל געווען אונ ניט גימלת . רבי יהושע זאגט ער איז
א גר . ווארום אזוי געפינען מיר ביי אונזערע מוטערס . דיא ווייבער וואס זענין ארויס געגאנגען
פון מצרים : זייא האבען זיך מגייר געווען אונ האבען זיך טובל געווען אונ ניט גימלת . אונ דיא
חכמים

מאבות ור"א נמי נילף מאמ־ות וכי תימא וכו' :

ד (שם ע"ב) ת"ר מי שבא ואמר גר אני יכול נקבלנו ת"ל אתך במוחזק לך בא ועדיו עמו מנין ת"ל (ויקרא יט) וכי יגור אתך גר בארצכם (דף מז) אין לי אלא בארץ בח"ל מנין ת"ל אתך בכל מקום שאתך א"כ מה ת"ל בארץ בארץ צריך להביא ראיה בח"ל אין צריך להביא ראיה דברי ר' יהודה וחכמים אומרים בין בארץ בין בח"ל צריך להביא ראיה :

אף ועדיו כמו סניך . שמכאן : ת"ל וכי יגור . פ"ת ולק״ן פריך כיון דעדיו עמו פשיטא ומי בעי קרא : כל מקום שאתך . ולקמן פריך סא פסיקתיה : נ״ך לרבית ראיה . שבב"ד נתגייר סתם גבעוני מהול הוא ומבוס ש הא דלא״י הוא דקאמר הכי ומסקר :

סרופים . פסלים וכפוין כמו כהופי ככה כע"ס כלי

ה ת"ר (דברים א) ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו מכאן א"ר יהודה גר שנתגייר בב"ד ה"ז גר בינו לבין עצמו אינו גר מעשה באחד שבא לפני ר' יהודה וא"ל נתגיירתי בינו לבין עצמי א"ל ר"י יש לך עדים א"ל לאו יש לך בנים א"ל הן א"ל נאמן אתה לפסול את עצמך ואי אתה נאמן לפסול את בניך :

ת"ר גר שבא להתגייר בזמן הזה אומרים לו מה ראית [שבאת] להתגייר אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דוויים דחופים כחופים ומטורפים ויסורין באים עליהם אם אמר יודע

---

דערמיט זאגין אז דער גר האט זיך טובל געוועזן און ניט גימלת. אדער גימלת און גיט טובל געוועזן. איז ער ניט קיין גר מיידין ער זאל זיך מל זיין און טובל זיין :

ד תנו רבנן : די רבנן האבין געלערנט אז איינער איז געקומען און האט געזאגט איך בין אגר. וואלט איך מיינען מען זאל אים נעמען צו יודין. שטייט אין פסוק אתך. מיט דיר. אז דער גר איז מיט דיר און דו ווייסט געווים אז ער האט זיך מגייר געוועזן מעגסטו אים נעמען צו יודין. אז איינער קומט מיט עדות וואס זאגין אויף אים אז ער האט זיך מגייר געוועזן. פון וואנען ווייסען מיר אז ער איז בגלויבט. שטייט אין פסוק אז עס וועט וואוינען מיט דיר אגר אין אייער לאנד : זאלט איר אים ניט נארין און ער זאל זיין ביי אייך אזוי וויא אייד. ווייס איך נאר אין ארץ ישראל האלט מען אים אזוי וויא אייד. פון וואנען ווייסען מיר אז אין חוץ לארץ דארף מען אים אויך האלטען אזוי וויא אייד שטייט אין פסוק אתך. מיט דיר. וואו דו וועסט וואוינען זאל דער גר זיין גלייך מיט דיר. צו וואס רעדן שטייט דער טאנט ארץ ישראל אין ארץ ישראל דארף ער ברייגגען עדות אז ער איז אגר ווייל ער דארף נעמען לקט שכחה פאה מעשר עני און אין חוץ לארץ דארף ער ניט ברייגגען קיין עדות אז ער איז אגר. מען גלויבט אים אן עדות אויך. אזוי זאגט רבי יהודה. און די חכמים זאגין סיי אין ארץ ישראל און סיי אין חוץ לארץ דארף ער ברייגגען עדות אז ער איז אגר : און אן עדות גלויבט מען אים ניט :

ה תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק איר זאלט משפטין הערלאך צווישען אמענטש מיט זיין ברודער און צווישען איוד מיט אגר : פון דאנען האט רבי יהודה געלערנט צו זאגין דער גר וואס האט זיך מגייר געוועזן ביי בית דין איז ער אגר. אז ער האט זיך מגייר געוועזן ביי זיך אליין. איז ער ניט קיין גר. אמענטש איז אמאהל געקומען פאר רבי יהודה און האט געזאגט איך האב מיך מגייר געוועזן ביי זיך אליין. האט רבי יהודה צו אים געזאגט דוא האסט עדות אז דוא האסט דיך אליין מגייר געוועזן. האט ער געזאגט ניין. דוא האסט קינדער : האט ער געזאגט יא. האט רבי יהודה צו אים געזאגט דוא ביסט בגלויבט זיך פסול צו מאכען. אבער דוא ביסט ניט בגלויבט פסול צו מאכען דיינע קינדער :

ו תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט ביי איצטיגע צייט אז אגוי קומט און וויל זיך מגייר זיין. זאגט מען צו אים צו וואס וואלסטו דיך מגייר זיין. ווייסטו דען ניט אז די יודין זענען ביי איצטיגע צייט מיט שמערצין און פאר שטויסען און דער גידערט און פאר טוארפס

א"נ

יודע אני ואיני כדי מיד מקבלין אותו (סס ע"ב) ומודיעין אותו מקצת מצות קלות ומקצת מצות חמורות מ"ט דאי פריש נפרוש דאמר ר' חלבו קשים גרים לישראל כספחת דכתיב (ישעיה יד) ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב ומודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה ומעשר עני מ"ט א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן בן נח נהרג על פחות משוה פרוטה ולא ניתן להשבון (סס ע"א) ומודיעין אותו עונשין של מצות אומרים לו הוי יודע שעד שלא באת למדה זו אכלת חלב אי אתה ענוש כרת חללת שבת אי אתה ענוש סקילה עכשיו אכלת חלב אתה ענוש כרת חללת שבת אתה ענוש סקילה וכשם שמודיעין אותו עונשן של מצות כך מודיעין אותו מתן שכרן אומרים לו הוי יודע שהעוה"ב אינו עשוי אלא לצדיקים וישראל בזמן זה אינם יכולים לקבל לא (סס ע"ב) רוב טובה ולא רוב פורענות ואין מרבין עליו ואין מדקדקין עליו אמר רבי אלעזר

כלו: ואיני כדאי. ואיני ראוי להשתתף בצרתם ומי יתן ואזכה לכך: דאי פריש. ולא יתגייר: נפרוש] נפרוש ולא איכפת לן: דאמר מר קשים גרים לישראל כספחת דכתיב ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב. לשון ספחת שאוחזין מעשיהם כראשונים ולומדין ישראל מהם או סומכין עליהם באיסור והיתר: ומודיעים אותו עון לקט שכחה ופאה. שלא יאמרו עניים הללו מלוקטין פאת שדי גזלנים הם ועומד עליהם להרגם בדיניהם שבני נח נהרגו על הגזל בסנהדרין ואזהרתן זו היא מיתתן דלא בעי התראה לפיכך בן נח נהרג על פחות משוה פרוטה דנכרי קפיד על דבר מועט ולבני ישראל הוית מחילה: ולא ניתן להשבון. ואינו בהזרה אלא נהרג דגבי ישראל כתיב והשיב את הגזלה הכא גבי אבל בני נח אמרינן בסנהדרין אזהרתן זו היא מיתתן וכיון שעבר על אחת משבע מצות נהרג. ליכא אתרינא. מודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה כולה והם מקפידין על הממון כ"כ כדאמרן דנהרג על פחות משוה פרוטה מודיעין אותו עון לקט שכחה ופאה שמא יחזור בו מלהתגייר. ולשון זה עיקר דאי משום טעמא קמא מאי לשון עון לקט שכחה ופאה יודיעוהו דילקטו עניים בשדהו: לא רוב טובה. לפי שיצר הרע מתגבר אחריהם כדאמרינן (בסוטה) [בסוכה ד' נג] ושמא תזוח דעתן עליהם ויבעטו: ואין מרבין עליו דברים. לאיים

אונ יסורים קומען אויף זייא. אויב ער זאגט איך ווייס אלץ אונ איך בין ניט ווערט צוא נעמען אחלק פון זייערע צרות. הלואי וואלט איך זוכה זיין צוא זיין איוד אונ לידין מיט זיי צו זאמען. נעמט מען אים באלד צוא פאר איוד אונ מען זאגט אים אביסול גרינגע מצות אונ אביסול שווערע מצות. פאר וואס זאגט מען אים באלד דיא שווערע מצות. טאמער וועט ער חרטה האבען אונ וועט זיך אפ שיידין פון יודין: זאל ער זיך אפ שיידין. ווארום רבי חלבו האט געזאגט גרים זענין אזוי שעדליך פאר יודין זייא צרעת. ווארום עס שטייט אין פסוק ונלוה הגר עליהם: אז גרים ווערין זיך בהעפטין צוא יודין. ונספחו על בית יעקב: ווערין זייא זיין צו דיא הויז געזינד פון יעקב אזוי וויא צרעת. ווארום דיא גרים קענען ניט אזוי געשווינד אפ גיוואוינט ווערין פון זייערע ערשטע מעשים. טוהען זייא נאך דיא גוישע זאכען. דער ווייל לערונט זיך דער יוד פון אים. אונ טוהט אויך אזוי. אונ מען זאגט אים אז עס איז א גרויסע עבירה אז מען גיט ניט לקט שכחה פאה מעשר עני. פאר וואס זאגט מען אים די עבירות מער וויא אלע אנדערע עבירות. האט רבי חייא בר אבא געזאגט פון רבי יוחנן אז ארעמע לייט ווערין קומען אין זיין פעלד נעמען לקט שכחה פאה מעשר עני וועט ער זייא ניט וועלין געבין. אונ אז ער וועט שוין זעהן נאך אפילו וועלין געבין וועט שוין אויך ניט העלפין. ווארום ווא וועט ער איצט גיין זוכען די פריערדיגע ארעמע לייט וואס זייא האבען שוין זוכה גיוועזן דיא לקט שכחה פאה. דריבער זאגט מען אים דיא דינים. אונ מען זאגט אים דעם שטראף אז מען איז ניט מקיים דיא מצות: אונ מען זאגט אים דוא זאלסט וויסען איידער דוא ביסט דיך מגייר אז דוא עסט חלב קומט דיר ניט כרת. דוא ביסט מחלל שבת קומט דיר ניט צוא פאר שטיינגען. אבער אז דוא וועסט דיך מגייר זיין אונ וועסט עסין חלב. וועסטו גישטראפט ווערין מיט כרת. דוא וועסט מחלל שבת זיין וועסט מען דיך הרגנן מיט שטיינער. אונ אזוי וויא מען זאגט אים דעם שטראף אז ער וועט ניט מקיים זיין דיא מצות. אזוי זאגט מען אים דעם שכר וואס ער וועט האבען אז ער וועט יא מקיים זיין דיא מצות: מען זאגט אים דוא זאלסט וויסען אז עולם הבא איז ניט מער גימאכט גיווארין נאר פאר צדיקים. דיא איצטיגע צייט וואס דער יצר הרע איז דא קענען יודין ניט פאר נעמען ניט פיל טובות אונ ניט פיל צרות. נאר צוא פיל סחרא זאל מען ניט מאכען אויף דעם גר: מען זאל
....

אלעזר מאי קראה דכתיב (רות א) ותרא כי מתאמצת היא ללכת אתה ותחדל לדבר אליה אמ״ה לה אסור לן התחום שבת (שם) באשר תלכי אלך אסור לן יחוד באשר תליני אלין מפקדינן אתרי״ג מצות עמך עמי אסור לן ע״ז ואלהיך אלהי ארבע מיתות נמסרו לב״ד באשר תמותי אמות שני קברים נמסרו לב״ד ושם אקבר מיד ותרא כי מתאמצת היא וגו׳ :

שגיו ס׳סרוב. להתיחד עם אחד: ב׳ קברים. אחד לנסקלים ולנשרפים שכלשיעו בסכינות המודה ואחד לנהרגים ולנחנקים שאין מיתתן המורה ואיע רבעים כ״כ: תקוץ. תגלחים קאי ואע״ג דלאו ניוול הוא גזירת הכתוב הוא: שלא קיימו ז׳ מצות. בעודן מכרים ועד השתא לא איפרעו מנייהו דפורענותן נמוה להם לעתיד לבא אבל כשנתגיירו נפרעין מהם מדי לגמרק עוסקם: כקטן שנולד. ואינו נענש

**ח** (דף מח) **ת״ר** (דברים כא) ועשתה את צפרניה ר״א תקוץ ר׳ עקיבא אומר תגדל. ת״ר (שם) ובכתה את אביה ואת אמה (ע״ב) ר׳ (אלעזר) [אליעזר] אומר אביה אביה ממש אמה אמה ממש ר״ע אומר אביה ואמה זו ע״ז וכן הוא אומר (ירמיה ב) אומרים לעץ אבי אתה וגו׳ :

**ט** **תניא** ר׳ חנניה בנו של רבן גמליאל אומר מפני מה גרים בזמן הזה מעונים ויסורין באים עליהם מפני שלא קיימו שבע מצות שקבלו בני נח. ר׳ יוסי אומר גר שנתגייר כקטן שנולד דמי אלא מפני מה מעונין לפי שאין בקיאין בדקדוקי מצות כישראל.

אבא

---

יט צוא פיל קלערין מיט איס. זאגט רבי אליעזר דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק. ביא נעמי שטייט זיא האט געזעהן אז רות שטארקט זיך צוא גיין מיט איר. האט נעמי אויף געהערט צו רידען מיט איר. נעמי האט געזאגט צוא רות שבת טארין מיר ניט גיין ווייטער וויא צוויי טויזענט איילן פון שטאט. האט רות געזאגט צוא נעמי וואו דוא וועסט גיין וועל איך אויך גיין. נעמי האט געזאגט צוא רות ביא אונז טאר מען ניט אז א נקבה זאל זיין אליין מיט א זכר אין א שטוב. האט רות געזאגט צוא נעמי וואו דוא וועסט נעכטיגען וועל איך אויך נעכטיגען. נעמי האט געזאגט צוא רות מיר זענין געבאטען צוא היטען זעקס הונדערט מיט דרייצעהן מצות. האט רות געזאגט צוא נעמי דיין פאלק איז מיין פאלק איך וועל אויך היטען אלע מצות. נעמי האט געזאגט צוא רות מיר טארין ניט דינען עבודה זרה. האט רות געזאגט צוא נעמי דיין גאט איז מיין גאט. נעמי האט געזאגט צוא רות בית דין שטראפין מיט פיר ערליי מיתות אויף עבירות. האט רות געזאגט צוא נעמי וויא דוא וועסט שטארבין וועל איך אויך שטארבין. נעמי האט געזאגט צוא רות בית דין האבען צווייא ערלייא בית הקברות צוא באגראבין דיא געהרגעטע. האט רות געזאגט צוא נעמי וואו דוא וועסט באגראבין ווערין. וועל איך אויך באגראבין ווערין. וויא נעמי האט געזעהן אז רות שטארקט זיך צוא גיין מיט איר. האט זיא אויף געהערט צוא רײדין מיט איר:

**ח** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ועשתה את צפרניה. רבי אליעזר זאגט דער פסוק פון דער תורה מיינט אז זיא זאל אפ שניידין דיא נעגיל. רבי עקיבא זאגט דער פסוק פון דער תורה מיינט זיא זאל לאזין וואקסען דיא נעגיל. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק זיא זאל וויינען אויף איר פאטער. און מוטער. רבי אליעזר זאגט דאס מיינט מען איר אמתה פאטער און מוטער. רבי עקיבא זאגט איר פאטער און מוטער מיינט מען דיא עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. זייא זאגין צום האלץ דוא ביסט מיין פאטער. און צום שטיין זאגין. זייא דוא האסט אונז געבארין:

**ט** תניא. מיר האבען געלערנט רבי חנניה דער זוהן פון רבן גמליאל האט געזאגט פאר וואס זענין דיא גרים היינטיגע צייטען געפייניגט און יסורים קומט אויף זייא. ווייל פריער ווען זענין געוועזען גוים האבען זייא ניט מקיים געוועזען דיא זיבען מצות וואס נח מיט זיינע קינדער זענין געבאטען געווארין. רבי יוסי זאגט אז א גוי אז ער מגייר איז ער וויא א קינד וואס איז איצט געבארין געווארין. און מען שטראפט אים ניט אויף דיא עבירות וואס ער האט געטאן

ווען

אבא חנן אומר משום ר' אלעזר לפי שאין עושין מאהבה אלא מיראה אחרים אומרים מפני ששהו עצמן להכנס תחת כנפי השכינה . א"ר אבהו ואי תימא ר' חנינא מאי קראה (רות ב) ישלם ה' פעלך ותהי משכרתך שלמה מעם ה' אלהי ישראל אשר באת לחסות וגו' :
י **תניא** שמעון בן עזאי אומר מצאתי מגלת יוחסין בירושלים וכתוב בה איש פלוני ממזר מאשת איש וכתוב בה משנת ר' אלעזר בן יעקב קב ונקי . וכתוב בה מנשה הרג את ישעיה אמר רבא מידן דייניה וקטליה אמר ליה משה רבך אמר (שמות לג) כי לא יראני האדם וחי ואתה אמרת (ישעיה ו) ואראה את אדני יושב על כסא רם ונשא . משה רבך אמר (דברים ד) מי כה' אלהינו בכל קראנו אליו ואתה אמרת (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו (קראוהו). משה רבך אמר (שמות כג) את מספר ימיך אמלא ואתה אמרת (מ"ב כ) והוספתי על ימיך חמש עשרה שנה אמר ישעיה ידענא ביה דלא מקבל מאי דאימא ליה ואי אימא ליה לישוויה מזיד אמר שם איבלע בארזא אתיוה לארזא ונסרוהו כי מטא להדי

נשעבד : מירלה. מירלה גיהנם והפורענות שלהם עליהם : השר כאת . שמהרת ולא אחרת . משנת ר' אלעזר קב ונקי . קב מדה קטנה כלומר כמקומות מועטין הוא נזכר במשנה בברייתא ונקי בכל מקום שנזכר הלכה כמותו : מידן דייניה . בעדות שקר : בהמצאו . משמע פעמים שאינו נמצא . אלו לבין תוספת אנא מפליס ולא יותר : ידענא ביה . במשנה דלא מקבל הידנא דטעמיה דקראי אלא קטיל לי ואי אימא ליה ולא יהבנ והתוייה מזיד בהריגתי דעכשיו בשוגג הוא דהורגני בדין מוטב שתהנה מפניו : כי מטא . מגלה : להדי

---

זעען ער איז גיוועזן אגוי . נאר פאר וואס זענען דיא גרים געפייניגט . ווייל זייא ווייסען ניט צו טאן דיא מצות אזוי ריכטיג וויא דער יוד טוהט וויא . אבא חנן זאגט פון רבי אלעזר'ס וועגן ווייל זייא טוהען ניט דיא מצות ווייל זייא האבען ליב גאט . זייא טוהען נאר ווייל זייא האבען מורא פאר גאט . דריבער ווערין זייא געפייניגט . אנדערע זאגין ווייל זייא האבען זיך פאר זאמט אריין צוא גיין אונטער דיא פליגעל פון גאט : ווייל זייא האבען זיך אזוי שפעט מגייר געוועזן דריבער ווערין זייא געפייניגט . האט רבי אבא געזאגט אנדערע זאגין רבי חנינא האט געזאגט דם ווייסען מיר פון דעם פסוק בועז האט געזאגט צו רות . גאט זאל דיר בצאלין פאר דיין ארבעט אונ דיין לוין זאל זיין גאנץ פון גאט וואס ער איז דער גאט פון יודין ווייל דוא האסט געאיילט צו בשיצען דיך אונטער דיא פליגעל פון גאט . זעהן מיר אז יעם גר קומט לוין צוא בצאהלין אז ער איילט זיך מגייר צוא זיין . אבער אז ער איילט זיך ניט ווערט ער געפייניגט :

י **תניא**. מיר האבען גילערונט שמעון בן עזאי זאגט איך האב געפונען אמגלה אין ירושלים וואס אין איר איז געוועזן פאר שריבען דער יחוס פון פיל מענטשין . אונ עס איז געשטאנען געשריבען אויף אמענטשין אז ער איז אממזר פון אאשת איש וואס האט מזנה געוועזן: אונ נאך איז געשריבען אז דיא משנות פון רבי אליעזר בן יעקב איז אביסול אונ עס איז דער דין ווי ער זאגט : אונ נאך איז געשריבען מנשה האט גידהרגת ישעיה הנביא . רבא זאגט מנשה האט געמשפט ישעיה הנביא אז ער איז אפאלשער נביא אונ ער האט אים גיהרגת . מנשה האט געזאגט צוא ישעיה דיין רבי משה האט געזאגט אמענטש קען מיך ניט זעהן אונ ער זאל בלייבען לעבין . אונ דוא האסט געזאגט איך האב געזעהן גאט זיצט אויף אשטוהל . דיין רבי משה האט געזאגט ווער איז אזוי וויא אונזער גאט וואס ער איז נאנט צוא אונז ווען מיר רופען אים . אונ דוא האסט געזאגט איר זאלט פארשטין גאט ווען ער ווערט געפונען . ווערט אז עס איז דא צייטען וואס ער ווערט ניט געפונען . דיין רבי משה האט געזאגט דעם צאהל פון דיינע טעג וועל איך דער פילען . אבער ניט מער . אונ דוא האסט געזאגט איך וועל מערין אויף דיינע טעג פופצען יאר . האט ישעיה געזאגט איך האב צו ענפערין אתירוץ אויף די אלע קשיות . נאר איך ווייס אז מנשה וועט ניט אן נעמען יום איך וועל איהם זאגין אונ אז איך וועל אים זאגן אונ ער וועט מיך הרגנן וועט ער זיין אמזיד . האט ישעיה געזאגט אשם איז ער אריין אין אטעגען בוים . האט מען געברענגט דעם טעגען בוים אונ מען האט אים געזעגט : אז די

זעג

להדי פומא נח נפשיה משום דאמר (ישעיה ו) ובתוך עם טמא שפתים אנכי יושב. מ"מ קשו קראי אהדדי וארא את אדני כדתניא כל הנביאים נסתכלו באספקלריא שאינה מאירה משה רבינו נסתכל באספקלריא המאירה. (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו הא ביחיד הא בצבור ויחיד אימת אמר רב נחמן אמר רבה בר אבהו אלו עשרה ימים שבין ראש השנה ליום הכפורים . את מספר ימיך אמלא תנאי היא דתניא את מספר ימיך אמלא (דף נ) אלו שני דורות זכה משלימין לו לא זכה פוחתין לו דברי ר' עקיבא וחכמים אומרים זכה מוסיפין לו לא זכה פוחתין לו אמרו לו לר' עקיבא הרי הוא אומר והוספתי על ימיך חמש עשרה שנה אמר להם משלו הוסיפו לו תדע שהרי נביא עומד ומתנבא (מ"א יג) הנה בן נולד לבית דוד יאשיהו שמו

פומא . ישעיה נסרוה לפומיה ומת ונפשיה תנשום הכי לא יעש לנסורי פומיה משום דקריגהו לישראל עם טמא שפתים מדעתו שלא צוה לו הקב"ה ולא מתמה עליהם דכתיב ואומר [אוי לי כי נדמיתי] וגו' : נסתכלו באספקלריא שאינה מאירה . וכסבורים לראות ולא ראו: משה נסתכל באספקלריא המאירה . וידע שלא ראהו בפניו : שני דורות . שנים הפוסקין לאדם בשעת לידתו : זכה מוסיפין לו . והאי אמלא לבין תוספת הוא . משלו הוסיפו לו . אלא שמתחלה היו חולין לפחות משניו : תדע . שמתחלה כשנולד פסקו לו כל אותן תוספת : שהרי נביא . מתנבא בימי ירבעם שנים הרבה קודם שנה בן מלך לבית דוד יאשיהו שמו ובשעת חוליו של חזקיהו עדיין לא נולד מנשה שממנו יצא יאשיהו והוי אומר בשעת חליו גזרו לפחות משניו וכשהוסיפו השלימו לו :

---

ווען איז געקומען צום מויל . איז ישעיה געשטארבן . ווייל ער האט געזאגט אויף די יודין איך זיץ צווישען אפאלק וואס זייערע לעפצין זענין טמא . זאגט די גמרא וואס איז דער תירוץ אויף די קשיות וואס מנשה האט געפרעגט . אזוי ווי מיר האבען געלערנט אלע נביאים האבען געקוקט אויף גאט דורך אזוי אזאך וואס מען קען ניט קלאהר זעהן . האט זייא געדוכט אז זייא זעהן גאט . משה רבינו האט געקוקט דורך אזוי אזאך וואס מען זעהט קלאהר . האט ער געוואוסט אז ער האט גאט ניט געזעהן : איז געענטפערט איין קשיא . ווען פיל מענטשען מיט איין מאהל רופען צוא גאט ; ענטפערט זייא גאט צוא יעדער צייט . אבער אז נאר איין מענטש רופט צוא גאט , ניט אלע מאהל ווערט גאט געפונען צוא אים . ווען ווערט גאט יא געפונען צו אים ; האט רב נחמן געזאגט פון רבה בר אבהו ווענין די צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כפור ; איז געענטפערט די אנדערע קשיא . מיר האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק דעם צאהל פון דיינע טעג וועל איך דער פילען . דאס מיינט מען די יארין וואס מען האט איהם צו געזאגט ווען ער איז געבארין געווארין . אויב ער איז זוכה ציילט מען אים צוא די יאהרין וואס מען האט איהם צוא געזאגט ; אונ אויב ער איז ניט זוכה פעלט אים נאך צוא די יאהרין וואס מען האט אים צו געזאגט . ער לעבט נאך ווייניגער . אזוי זאגט רבי עקיבא . אונ די חכמים זאגין אז ער איז זוכה גיט מען אים נאך מער יאהרין וויא מען האט אים צוא געזאגט . אונ אז ער איז ניט זוכה פעלט אים נאך צוא די יאהרין וואס מען האט אים צוא געזאגט . האבען די חכמים געזאגט צוא רבי עקיבא עס שטייט דאך אין פסוק גאט האט געזאגט צוא חזקיהו המלך איך וועל מערין אויף דיינע טעג פופצעהן יאהר ; האט רבי עקיבא געזאגט מען האט געגעבין צוא חזקיהו זיין אייגענע יאהרין . מען האט פריער געוואלט צוא נעמען ביי אים פופצעהן יאהר פון די וואס מען האט אים צוא געזאגט ער זאל לעבין פופצעהן יאהר ווייניגער . דער נאך האט מען אים די פופצעהן יאהר צוריק געגעבין . איך וועל אייך ווייזין אז מען האט נאך פריער צו געזאגט צו חזקיהו די פופצעהן יאהר . וואריום דער נביא האט געזאגט נביאות עס וועט געבארין ווערין אזהין צוא די פאמילייע פון דוד המלך . ער וועט הייסען יאשיהו . אונ יאשיהו איז געבארין געווארין פון מנשה ; אונ ביי דער צייט וואס מען האט געזאגט צוא חזקיהו אז ער וועט שוין שטארבין איז דאך נאך מנשה גיט געבארין געווארין ; אז דאס וואלט געוועזן די ריכטיגע יאהרין וואס מען האט געזאגט צוא חזקיהו , ווען וואלט געבארין געווארין מנשה . נאר געווים איז אזוי געוועזן . חזקיהו האט געדארפט לעבין נאך פופצעהן יאהר . אין די פופצעהן יאהר וואלט געבארין געווארין מנשה ; דער נאך האט מען די פופצעהן יאהר געוואלט פון אים צוא נעמען .

שמו ועדיין לא נולד מנשה . ורבנן מי כתיב נולד מחזקיה לבית דוד כתיב אי מחזקיה נולד אי מאינש אחרינא :

# הבא על יבמתו פרק ששי

**א** (דף ס ע"ב) **תניא** (במדבר לא) וכל אשה יודעת איש בראויה ליבעל הכתוב מדבר אתה אומר בראויה ליבעל או אינו אלא נבעלה ממש כשהוא אומר וכל הטף בנשים אשר לא ידעו וגו' הוי אומר בראויה ליבעל הכתוב מדבר . מנא ידעי אמר רב (חנא) [הונא] בר ביזנא א"ר שמעון הסי"א העבירום לפני הציץ כל שפניה מוריקות בידוע שהיא ראויה ליבעל כל שאין פניה מוריקות בידוע שאינה ראויה ליבעל . א"ר נחמן סימן לעבירה הדרוקן כיוצא בדבר אתה אומר (שופטים כא) וימצאו מיושבי יבש גלעד ארבע מאות נערה בתולה אשר לא ידעה איש למשכב זכר מנא ידעי א"ר כהנא הושיבה על פי חבית של יין בעולה

בראויה ליבעל . אע"פ שלא נבעלה : כשהוא אומר וכל הטף בנשים אשר לא ידעו החיו . כלא אשה אע"פ שלא ידעה הרוגו בראויה ליבעל קרא משתעי קרא : פניה מוריקות . גם היה : הדרוקן . פניהם מוריקות של עוברי עבירה : מאנשי יבש גלעד . בימי פלגש בגבעה שהרגו כל אנשי יבש גלעד לפי שלא באו לי אליהם בשבעי כנימן כאשר אחיהם והפיו כל שלא נבעלה ונתנום לנותרים משבט בנימין לנשים : מיסא

---

און מען האט זיי אים צוריק געגעבן . און טאקי אין די פופצעהן יאהר איז געבארן געווארן מנשה . און די רבנן זאגען שטייט דען אז דער יאשיהו דארף געבארן ווערן פון חזקיה . צוא די פאמיליע פון דוד דארף ער געבארן ווערן . אדער פון חזקיה וועט ער געבארן ווערן אדער פון אנדערין . אז מען וואלט ניט געגעבן די פופצעהן יאהר צוא חזקיה . וואלט ניט געבארן געווארן מנשה . און ניט יאשיהו פון חזקיהו נאר פון אנדערין פון די פאמיליע פון דוד . נאר אז מען האט געמערט די פופצעהן יאהר צו חזקיהו איז אויס געקומען אז מנשה איז געבארן געווארן פון חזקיהו און פון מנשה איז געבארן געווארן יאשיהו :

## פרק ששי

**א** תניא . מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ביי מדין יעדע אשה וואס וויים א מאן וואלט איר הרגנען . דער פסוק מיינט אז זיא איז אזוי אגרויסע אז מען קען איר בועל זיין : אפילו מען האט איר נאך ניט בועל געווען . פון דעסטוועגין זאל מען איר הרגנען . פרעגט די גמרא טאמער גיין : נאר אזעלכע וואס מען האט איר שוין בועל געווען זאל מען הרגנען . אבער אז מען האט איר נאך ניט בועל געווען אפילו מען קען איר בועל זיין זאל מען איר ניט הרגנען . ענטפערט די גמרא אז עס שטייט אין פסוק אלע קליינע נקבות וואס ווייסען ניט פון אמאן זאל מען לאזין לעבין . אבער גרויסע נקבות אפילו זייא ווייסען ניט פון אמאן זאל מען זיי אויך הרגנען . ווייל מען קען זייא בועל זיין . פון וואנען האט מען געוואוסט וועלכע ווייס פון אמאן און וועלכע ניט . האט רב הונא בר ביזנא געזאגט פון רבי שמעון חסידאס וועגין . מען האט זייא געפירט פאר דעם ציץ (די גאלדענע בלעך וואס איז געווען אויף דעם שטערין פון כהן גדול) . די נקבה וואס איר פנים איז געל געווארין האט מען געוואוסט אז מען קען איר בועל זיין . און די נקבה וואס איר פנים איז ניט געל געווארין . האט מען געוואוסט אז מען קען איר נאך ניט בועל זיין . רב נחמן האט געזאגט דער זכר אדער די נקבה וואס זענין מזנה ווערט זיי געל דער פנים : זאגט די גמרא מיר געפינען נאך אין אארט אויך אזוי : עס שטייט אין פסוק מען האט געפונען פון די איין וואנער פון יבש גלעד פיר הונדערט מיידלאך בתולות וואס זייא האבען נאך ניט געוואוסט פון אמאן : פון וואנען האט מען געוואוסט וועלכע איז אבתולה . און וועלכע ניט : האט רב כהנא געזאגט מען האט יעדער אשה געזעצט אויף אפאס וויין . די אשה וואס האט געהאט אמאן איז דער ריח פון די וויין אריין געגאנגען אין איר . און פון איר מויל האט געשמעקט די וויין . און די אשה וואס איז געווען אבתולה האט דער ריח פון די וויין ניט ניקענט

פיסא אין. כלומר מינהו המלך אבל אחיו הכהנים וסנהדרין לא מינהו: נתמנה לא. נתמנה לא קתני דהוי משמע דלאו היה לכך: קטיר קחזינא הכא. קשר של רשעים אני רואה כאן שלא היה ראוי לכך אלא כהן ממונו ומינהו: את קין את הבל. אתין ריביין לומר נקבות היו עמהן: כי שת לי אלהים זרע אחר תחת הבל. אלמא תשלומין בעי ולא סגי בלא ב' זכרים וב' נקבות: מגוס

בעולה ריחה נודף בתולה אין ריחה נודף. ונעבירנה לפני הציץ א"ר כהנא בריה דר' נתן (שמות כח) לרצון להם כתיב לרצון ולא לפורענות אי הכי במדין נמי אמר רב אשי להם כתיב להם לרצון ולא לפורענות לנכרים אפילו לפורענות:

ב **מתני'** מעשה ביהושע בן גמלא שקידש למרתא בת בייתוס ומינהו המלך להיות כהן גדול וכנסה וכו': **גמ'** מינהו אין נתמנה לא אמר רב יוסף קטיר קחזינא הכא דא"ר אסי תרקבא דדינרי עיילה ליה מרתא בת בייתוס לינאי מלכא עד דמוקי ליהושע בן גמלא בכהנא רבא:

ג (ע"ב) **תניא** אין בתולה אלא נערה וכן הוא אומר (בראשית כד) והנערה טובת מראה מאד בתולה:

ד **אמר** רב נחמן אמר שמואל אע"פ שיש לו לאדם כמה בנים אסור לעמוד בלא אשה שנאמר (בראשית ב) לא טוב היות האדם לבדו. (דף סג) תניא שלשה דברים עשה משה [מדעתו] והסכימה דעתו לדעת המקום פירש מן האשה ושבר הלוחות וכו':

ה **תניא** ר' נתן אומר ב"ש אומרים שני זכרים ושתי נקבות וב"ה אומרים זכר ונקבה. אמר

---

גיקענט אריין אין איר. האט פון איר מויל ניט גישמעקט קיין ווייך. פרעגט דיא גמרא פר וואס האט מען זיי ניט געפירט פאר דעם ציץ. האט רב כהנא בריה דרבי נתן גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער ציץ זאל זיין צום בעוויליגונג. אבער ניט צוא שלעכץ. פרעגט דיא גמרא האט מען דאך ביא מדין אויך ניט גידארפט דורך פירען פאר דעם ציץ. האט רב אשי גיזאגט עס שטייט אין פסוק דער ציץ זאל זיין צום בעוויליגען צוא זייא. צוא דיא יודין. איז דער ציץ גיוועזן נאר צום בעוויליגען אבער ניט צוא שלעכץ. אבער צוא גוים איז דער ציץ גיוועזן אפילו צוא שלעכץ אויך:

ב מתניתין. מעשה. יהושע בן גמלא האט מקדש גיוועזן דיא אשה מרתא בת בייתוס האט דער מלך אים גימאכט פאר אכהן גדול. פרעגט דיא גמרא דער מלך האט אים גימאכט פאר אכהן גדול. אבער דיא סנהדרין האבען אים ניט גיוואלט מאכען פאר אכהן גדול. האט רב יוסף גיזאגט מען זעהט אז דא איז גיוועזן אבונד פון רשעים. יהושע בן גמלא איז ניט ווערט גיוועזן צוא זיין אכהן גדול. נאר ער האט גיגעבין געלט צום מלך האט ער אים גימאכט פר אכהן גדול. וואריום רב אסי האט גיזאגט דריי קבין געלט האט מרתא בת בייתוס גיגעבין צו ינאי המלך האט ער גימאכט יהושע בן גמלא זאל זיין אכהן גדול:

ג תניא. מיר האבען גילערונט אז עס שטייט אין פסוק בתולה. מיינט מען אנערה ואמיידיל וואס איז אלט פון צוועלף יאהר ביז זעקס חדשים אויף דעם דרייצעהנטען יאהר. אונ אזו שטייט אין פסוק דיא נערה איז גיוועזן זייער שיין אונ איז גיוועזן אבתולה. וואנ פון צוועלף יאהר אונ ווייטער ביז זעקס חדשים אויף דעם דרייצעהנטין יאהר הייסט זיא אנערה:

ד אמר. רב נחמן האט גיזאגט פון שמואלס וועגין אפילו אמענטש האט פיל קינדער אין דעמטוועגין טאר ער ניט זיין אן אווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז ניט גוט אמענטש זאל זיין אליין. מיר האבען גילערונט דרייא זאכען האט משה רבינו גיטאהן מיט זיין ווילען אונ גאט האט אויך איין געוויליגט וויא ער האט גיטאן. איינע פון דיא דריי זאכען איז וואס ער האט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב:

ה תניא. מיר האבען גילערונט רבי נתן זאגט בית שמאי זאגין אז אמענטש האט צוויא זכרים

אמר רב הונא מאי טעמא דר"נ אליבא דב"ש דכתיב (בראשית ד) ותוסף ללדת את אחיו את הבל הבל ואחותו קין ואחותו וכתיב (שם) כי שת לי אלהים זרע אחר תחת הבל כי הרגו קין ורבנן אודויי הוא דקא מודי:

משום דרב אסי. כלומר משמא דפריה ורביה משום דרב הכי והאי כיון דנטלו על ידו מנשמות שבאוצר שבשמו גוף הרי קיים פריה ורביה: [מגא כא מילתא וכו'. דבני כמו קאי דנן סם

ו איתמר היו לו בנים ומתו רב הונא אמר קיים פריה ורביה ר' יוחנן אמר לא קיים. רב הונא אמר קיים משום דרב אסי דאמר רב אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנא' (ישעיה נז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי. ור' יוחנן אמר לא קיים פריה ורביה לשבת יצרה בעינן והא ליכא:

ז (ע"ב) א"ל רבה (לרבה) [לרבא] בר מארי מנא הא מילתא דאמור רבנן בני בנים הרי הן כבנים אילימא מדכתיב (בראשית לא) הבנות בנותי והבנים בני אלא מעתה והצאן צאני ה"נ אלא דקנית מינאי ה"נ דקנית מינאי אלא מהכא (ד"ה א ב) ואחר בא חצרון אל

---

זכרים און צווייא נקבות האט ער מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. און בית הלל זאגין אפילו ער האט נאר איין זכר און איין נקבה האט ער שוין אויך מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו: רב הונא זאגט וואס פאר וואס זאגט רבי נתן אז בית שמאי זאגין מען מוז האבען צווייא זכרים און צווייא נקבות. ווארום עס שטייט אין פסוק חוה האט געבארין את אחיו את הבל. ווען דיא צווייא ווערטער את איבעריג. צוא ווייזין אז חוה האט געבארין הבל מיט א שוועסטער און קין מיט א שוועסטער. און אז הבל איז געהרגת געווארין שטייט אין פסוק חוה האט געזאגט גאט האט מיר געגעבין איין אנדער קינד פאר הבל וואס קין האט אים גיהרגת. זעהן מיר אז מען מוז האבען צווייא זכרים און צווייא נקבות. ווארום אז הבל איז געהרגת געווארין האט זיא באלד גיהאט איין אנדער זוהן אויף זיין ארט. און דיא רבנן זאגין איין זכר און איין נקבה איז אויך גינוג. נאר חוה האט גילויבט גאט פאר וואס ער האט איר געגעבין נאך א זוהן. אבער ניט ווייל מען מוז האבען צווייא זיהן:

ו איתמר. מיר האבען געלערנט אז ער האט געהאט קינדער און זייא זענין געשטארבין. רב הונא זאגט ער האט מקיים געוועזן די מצוה פרו ורבו. רבי יוחנן זאגט ער האט ניט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. רב הונא זאגט יא ער האט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. ווארום דיא מצוה וואס אמענטש דארף האבען קינדער איז אזוי ווי רב אסי האט געזאגט. אז משיח וועט אנדערש ניט קומען ביז עס וועט ארויס גינומען ווערין אלע נשמות וואס זענין אין דעם אוצר וואס הייסט גוף. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועט דיין אגוטער ווילען פון מיר צוא ברייגען משיח אז עס וועלין געבארין ווערין אלע נשמות וואס איך האב בשאפען גיט פריער. און אז ער האט געהאט קינדער זענין דאך דורך זיא ארויס גינומען געווארין נשמות פון אוצר. האט ער דאך געהאלפען צוא דער געענטערין משיח זאל קומען. און רבי יוחנן זאגט ער האט ניט מקיים געוועזן דיא מצוה פרו ורבו. ווארום דיא מצוה וואס אמענטש דארף האבען קינדער איז דיא וועלט זאל בזעצין ווערין. און אז די קינדר זענין געשטארבען ווען זיי זענין געוועזן יונג און האבען ניט גילאזין קיין קינדער. ווי אזוי וועט דיא וועלט בזעצין ווערין:

ז אמר. רבה האט געזאגט צוא רבא בר מארי פון וואנען ווייסען מיר וואס דיא רבנן האבען געזאגט אז דיא זיהן פון זיין טאכטער איז גליך ווייא זייא וואלטין געוועזן זיינע זיהן. זאלין מיר זאגען ווייל לבן האט געזאגט דיא טעכטער זענין מיינע טעכטער און דיא זיהן זענין מיינע זיהן: האט דאך לבן גירופען זיינע טעכטערס זיהן. מיינע זיהן. וועלין מיר פרעגין וויא האט לבן גימיינט דיא שעפסין זענין מיינע שעפסין. זייא זענין פון מיר געבארין געווארין: נאר ער האט גימיינט יעקב האט דיא שעפסין בעקומען פון אים. אזוי בייא דיא קינדער האט אויך לבן אזוי גימיינט. דיא האסט דיא קינדער בעקומען פון מיר. אבער לבן האט נאר ניט גימיינט צוא



זאגין

אל בת מכיר אבי גלעד ותלד לו את שגוב וכתיב (שופטים ה) מני מכיר ירדו מחוקקים וכתיב (תהלים ס) יהודה מחוקקי:

**ח תניא** ר' יהושע אומר נשא אדם אשה בילדותו ישא אשה בזקנותו היו לו בנים בילדותו יהיו לו בנים בזקנותו שנאמר (קהלת יא) בבקר זרע את זרעך ולערב אל תנח ידך כי אינך יודע אי זה יכשר הזה או זה ואם שניהם כאחד טובים. רבי עקיבא אומר למד תורה בילדותו ילמוד תורה בזקנותו היו לו תלמידים בילדותו יהיו לו תלמידים בזקנותו שנאמר בבקר זרע את זרעך וגו' אמרו שנים עשר אלף זוגים תלמידים היו לו לר' עקיבא מגבת עד אנטיפרס וכולן מתו בפרק אחד מפני שלא נהגו כבוד זה בזה והיה העולם שמם עד שבא ר' עקיבא אצל רבותינו שבדרום ושנאה לר' מאיר ור' יהודה ור' יוסי ור' שמעון ור"א בן שמוע והם הם העמידו תורה באותה שעה. תנא כולם מתו מפסח ועד עצרת אמר רב חמא בר אבא ואיתימא ר' חייא בר אבין וכלם מתו מיתה רעה מאי היא א"ר נחמן אסכרה:

פסוקא לן: מני מכיר ירדו מחוקקים. ולא אלינו למימר מבני בניו אלא מבני בהו דהא כתיב קרא אחרינא יהודה מחוקקי ולא מבכורתא להו דניתו מהדרויהו אלא סבי דנפקו מחוקקים מהאי מבתו של מכיר אלמא כי בהו בניו:
נמרב. לעת זקנתו: אי זה יכשר אותו זרע יהיה כגון הרבה שמים ומתקיים: מגבת ועד לאנטיפרס. שם מקומות:

---

דאגין אז דיינע טעכטערס קינדער זענין דייניע. נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר: דער נאך איז געקומען חצרון צוא דיא טאכטער פון מכיר וואס מכיר איז דער פאטער פון גלעד אונ זי האט געבארין צו אים דעם שגוב. אונ עס שטייט אין פסוק פון מכיר האבען גענידערט געזעץ געבערס אונ עס שטייט אין פסוק יהודה איז מיין געזעץ געבער. פר וואס רופט מען דיא געזעץ געבערס אויף דעם נאמען פון מכיר וואס ער איז פון שבט יוסף. דר געזעץ געבער איז פון שבט יהודה. נאר ווייל דיא טאכטער פון מכיר האט געבארין דעם געזעץ געבער פון חצרון וואס ער איז פון שבט יהודה: אונ דער זוהן פון מכירס טאכטער ווערט גירופען מכירס זוהן.

**ח תניא.** מיר האבען גילערונט רבי יהושע זאגט אז אמענטש האט גיהאט אווייב אין זיין יוגענד און איז גישטארבין. זאל ער נעמען אווייב אויף זיין עלטער. אז ער האט גיהאט קינדער אין זיין יוגענד. זאל ער זעהן צוא האבען קינדער אויף זיין עלטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דער פריא (אין דיין יוגענד) זאלסטו זייען דיין זייהונג וואלסטו האבען קינדער. אונ פארין נאכט (אין דיין עלטער) זאלסטו ניט אפ לאזין דיין האנט וואלסטו ווייטער האבען קינדער: ווארום דוא ווייסט ניט וועלכע קינדער עס וועלין גוט זיין. פון דער יוגענד. אדער פון דער עלטער. אדער ביידע וועלין זיין גוט. רבי עקיבא זאגט אז ער האט גילערונט תורה אין דיין יוגענד. זאל ער לערנען תורה אין זיין עלטער. אז ער האט גיהאט תלמידים אין זיין יוגענד. זאל ער האבען תלמידים אויף זיין עלטער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אין דער פריא (אין דיין יוגענד) זאלסטו פאר זייען דיין זייהונג וואלסטו פאר שפרייטען דיין תורה צוא תלמידים) אונ פארין נאכט (אין דיין עלטער) זאלסטו ניט אפ לאזין דיין האנט פון דיינע תלמידים. מען האט גיזאגט אז רבי עקיבא האט גיהאט צוועלף טויזענד פאר תלמידים. זייא האבען גיוואוינט פון גבת ביז אנטיפרס. אונ אלע זענין גישטארבען אין איין צייט. ווייל זייא האבען ניט גיגעבען כבוד איינער צום אנדערין: איז דיא וועלט גיוועזען וויסט ביז רבי עקיבא איז גיקומען צוא דיא רבנן וואס אין דרום אונ ער האט מיט זייא גילערונט. דיא רבנן זענין גיוועזן רבי מאיר אונ רבי יהודה אונ רבי יוסי אונ רבי שמעון אונ רבי אלעזר בן שמוע. די רבנן האבען אויף גישטעלט דיא תורה אין דער צייט. מיר האבען גילערונט אלע תלמידים פון רבי עקיבא זענין גישטארבען פון פסח ביז שבועות: רב חמא בר אבא האט גיזאגט. אנדערע זאגען רבי חייא בר אבין האט גיזאגט אלע זענין גישטארבען מיט אשלעכטין טויט. מיט וועלכין טויט. האט רב נחמן גיזאגט מיט אסכרה. דאס איז אזוי אקראנקהייט ביזם עס דער שטיקט דעם מענטשן:

אמר

ט א״ר הנרום א״ר חנילאי כל יהודי שאין לו אשה שרוי בלא שמחה בלא ברכה בלא טובה. בלא שמחה דכתיב (דברים יד) ושמחת אתה וביתך. בלא ברכה דכתיב (יחזקאל מד) להניח ברכה אל ביתך. בלא טובה דכתיב (בראשית ב) לא טוב היות האדם לבדו. במערבא אמרי בלא תורה ובלא חומה. בלא תורה דכתיב (איוב ו) האם אין עזרתי בי [ותושיה נדחה ממני]. בלא חומה דכתיב (ירמיה לא) נקבה תסובב גבר. רבא בר עולא אמר אף בלא שלום דכתיב (איוב ה) וידעת כי שלום אהלך וגו׳. [אמר ריב״ל כל היודע באשתו שהיא יראת שמים ואינו פוקדה נקרא חוטא שנאמר וידעת כי שלום וגו׳. וארוב״ל חייב אדם לפקוד את אשתו בשעה שהוא יוצא לדרך שנא׳ וידעת כי שלום אהלך וגו׳]. ת״ר האוהב אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו והמדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה והמשיאן סמוך לפרקן עליו הכתוב אומר וידעת כי שלום אהלך. ת״ר האוהב את שכניו והמקרב את קרוביו והנושא את בת אחותו (דף כג) והמלוה סלע לעני בשעת דחקו עליו הכתוב
אומר

ביתך. חכה: האם אין עזרתי בי. אשתי דכתיב עזר כנגדו מידי הושיה נדחה ממנו שצריך לעסוק בצרכי ביתו ותלמודו משתכח: וידעת כי שלום אהלך. בזמן שיש לך אהל ואין אהלו אלא אשתו שנאמר שובו לכם לאהליכם: [ואינו פוקדה בתשמיש בעת עונתה: כי שלום אהלך שלמה ביראת שמים: בשעה שיוצא לדרך. מצ. שמתאוה לו באותה שעה יו״ר]: יותר מגופו. דזילותא דאיתתא קשיא מדגברא: והנושא את בת אחותו. געגועי אדם רבים על אחותו יותר מן אחיו ומתוך כך נמנה

---

ט אָמַר. רַבִּי תַּנְחוּם האט געזאגט פון רַבִּי חֲנִילָאִים וועגן דער יוד וואס האט ניט קיין ווייב לעבט ער אן שִׂמְחָה אן בְּרָכָה אן גוטס: אן שִׂמְחָה. ווארום עס שטייט אין פָּסוּק דוא זאלסט דיך פרייען מיט דיין ווייב. אן בְּרָכָה: ווארום עס שטייט אין פָּסוּק דוא זאלסט לאזין ברכה צוא דיין ווייב: אן גוטס. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז ניט גוט אמענטש זאל זיין אליין אן אווייב. אין ארץ ישראל האט מען געזאגט דער וואס לעבט אן אווייב. איז ער אן תורה אונ אן אמאהער. אן תורה: ווארום עס שטייט אין פסוק אויב מיין הילף [מיין ווייב] איז ניטא מיט מיר. איז דיא תורה אפ געשטויסען געווארין פון מיר. ווייל ער דארף אליין אליין מאכן: האט ער ניט צייט צוא לערנען. אן אמאהער. ווארום עס שטייט אין פסוק די נקבה רינגעלט ארום דעם מאן: זיא פאר שטעלט אים אונ בשיצט אים פון אלע שלעכטס. אזוי וויא אמאהער. רבא בר עולא זאגט דער וואס לעבט אן אווייב. לעבט ער ניט מיט פרידען. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא וועסט וויסען אז דיין געצעלט [דיין ווייב] איז שלום. אז דו האסט אין דיין געצעלט אווייב. וועסטו וויסען פון פרידען. אונ אויב דוא האסט ניט קיין ווייב אין דיין געצעלט. וועסטו ניט האבען פרידען: רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס ווייס אז זיין ווייב איז אפרומע: אונ ער דער ווייטערט זיך פון איר: הייסט ער אזינדיגער: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דוא ווייסט דיין געצעלט [דיין ווייב] איז גאנץ אין פרומקייט. זאלסטו געדיינקען דיין וואוהנונג [דיין ווייב]: וועסטו ניט זינדיגען. אבער אז דוא וועסט איר ניט געדיינקען. וועסטו זינדיגען. נאך האט רבי יהושע בן לוי געזאגט אמענטש דארף געדיינקען זיין ווייב מיט תשמיש איידער ער פארט אין וועג: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (אז דוא גייסט אין וועג אונ) דוא וועסט וויסען אז דיין געצעלט [דיין ווייב] איז שלום מיט דיר (ווארום פאר דיין אוועק פארין האסטו מיט איר משמש המטה געוועזען). אז דוא וועסט קומען צוריק פון וועג אין דיין וואהנונג וועסטו געפינען דיין געצעלט גאנץ. עס וועט אין אים גאר ניט פעלין: דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס האט ליב זיין ווייב אזוי וויא זיך אליין. אונ ער האלט איר מיט מער כבוד וויא ער האלט זיך אליין. אונ ער פירט זיינע זיהן מיט זיינע טעכטער אין פרומען וועג. אונ ער מאכט זייא חתונה נאנט צוא דער צייט וואס זייא דארפין חתונה האבען. אויף אים זאגט דער פסוק דוא וועסט וויסען אז אין דיין געצעלט איז פרידען. דיא רבנן האבען געלערנט דער וואס האט ליב זיינע שכנים. אונ ער איז נאנט צוא זיינע פריינד צוא העלפין זייא ווען זייא דארפין הילף: אונ ער גיט פאר אווייב זיין שוועסטערס טאכטער. אונ ער פאר בארגט געלט דעם ארעם מאן ווען
איהם

אומר (ישעיה נח) אז תקרא וה' יענה תשוע ויאמר הנני:
א"ר אלעזר כל יהודי שאין לו אשה אינו אדם שנא' (בראשית ה) זכר ונקבה בראם ויקרא את שמם אדם. ואמר ר' אלעזר כל [אדם] שאין לו קרקע אינו אדם שנאמר (תהלים קטו) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם. וא"ר אלעזר מאי דכתיב (בראשית ב) אעשה לו עזר כנגדו זכה עוזרתו לא זכה כנגדו. ואיכא דאמרי רבי אלעזר רמי כתיב כנגדו וקרינן (כנגדו) [כניגדו] זכה כנגדו לא זכה מנגדתו. אשכחיה ר' יוסי לאליהו א"ל כתיב אעשה לו עזר במה אשה עוזרתו לאדם א"ל אדם מביא חטין חטין כוסס פשתן פשתן לובש לא נמצאת מאירה עיניו ומעמידתו על רגליו. ואמר ר' אלעזר מאי דכתיב (שם) זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי מלמד שלא נתקררה דעתו עד שבא על חוה. ואמר ר"א מאי דכתיב (שם יב) ונברכו בך כל משפחות האדמה אמר לו הקדוש ברוך הוא לאברהם שתי בריכות טובות יש לי להבריך בך רות המואביה ונעמה

והנושא את אחותו: אז תקרא. לעיל מיניה כתיב כי תראה ערום וכסיתו הייט רחוק עני ומבשרך לא תתעלם היינו אוהב את שכניו שהם כקרוביו ומקרב את קרוביו ונושא את בת אחותו:

כנגדו. חלוקה עליו וסותרת דבריו: (כתיב כנגדו) [מנגדתו] מדלא כתיב יו"ד לשון נגידה דמלקות: חטים כוסס. בתמיה: זאת הפעם. מכלל דפעמים אחרים שימש ולא עלו בדעתו: שתי בריכות. כמו מבריך את הגפן: רות המואביה ונעמה העמונית. יצאו מהן מלכים ונביאים נעמה אמו של רחבעם ויצא ממנו חזקיה ואסא ויהושפט צדיקים גמורים וישעיה הנביא דאמר מר אמוץ ואמציה אחי הוו:

---

אים איז איינג. ווען ער דארף נייטיג. אויף אים זאגט דער פסוק ווען דוא וועסט רופען צוא גאט וועט דיר גאט ענטפערין. דוא וועסט שרייען צוא גאט וועט גאט זאגין איך בין אן גיברייט צוא דיר:

י' אמר. רבי אלעזר האט גיזאגט דער יוד וואס לעבט אן אווייב איז ער ניט קיין מענטש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט זייא בשאפען אזכר מיט אנקבה אונ ער האט גירופען זייער נאמען מענטש. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט דער מענטש וואס האט ניט קיין פעלד. איז ער ניט קיין מענטש. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא הימלען זענין צוא גאט אונ דיא ערד האט ער גיגעבין צוא מענטשין. נאך האט רבי אלעזר גיזאגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אים מאכען אהילף גענין אים. אויב דער מענטש איז זוכה איז דיא ווייב זיינע אהילף: אויב ער איז ניט זוכה איז דיא ווייב אים אנטקעגין. וואס ער וויל מאכן שטערט זיא אים: אונ עס איז קריג צווישען זייא. אנדערע זאגין רבי אלעזר האט גיפרעגט עס שטייט אין פסוק כנגדו אונ מיר לייענען כניגדו. אויב ער איז זוכה שטייט דאס ווייב גענין אים צו העלפין אים אין יעדער נאך. אונ אויב ער איז ניט זוכה האט ער אזוי אווייב וואס זי קריגט מיט אים אונ שלאגט אים. רבי יוסי האט אמאהל בגעגינט אליהו הנביא האט ער אים גיפרעגט עס שטייט אין פסוק איך וועל אים מאכען אהילף. מיט וואס העלפט דיא ווייב דעם מאן. האט אליהו גיזאגט צוא רבי יוסי אז אמענטש ברייגגט פון גאס ווייץ: וועט ער קייען דיא ווייץ. ער ברייננט פלאקס: וועט ער דיא פלאקס אן קליידן. נאר דאס ווייב מאלט דיא ווייץ אונ מאכט מעל אונ באקט ברויט אונ גיט דעם מאן ברויט צוא עסין. זיא שפינט דיא פלאקס אונ מאכט פאדים אונ וועבט אקאפאטע. אונ גיט דעם מאן אפערטיגע קאפאטע אן צוא קליידען. מאכט זיא דאך לייכטען זיינע אויגען. אונ שטעלט אים אויף זיינע פיס: נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס שטייט אין פסוק דאס מאהל איז דיא אשה אביין פון מיינע ביינער אונ פלייש פון מיין פלייש. דער פסוק זאגט אונז אז אדם הראשון האט בועל גיוועז בהמות אונ חיות אונ ער איז ניט געקיהלט גיווארין ביז ער האט בועל גיוועז זיין ווייב חוה. נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס שטייט אין פסוק ונברכו בך כל משפחות האדמה. טייטשט רבי אלעזר דעם ווארט ונברכו צוייא טייטשין: פלאנצען אונ בענטשין גאט האט גיזאגט צו אברהם אבינו צוויא גוטע פלאנצונג האב איך צוא פלאנצען אין דיר. רות פון מואב: אונ נעמה


נעמה

ונעמה העמונית כל משפחות האדמה אפילו משפחות הדרות באדמה אין מתברכות אלא בשביל ישראל (בראשית יח) כל גויי הארץ אפילו ספינות הבאות מגליא לאספמיא אינן מתברכות אלא בשביל ישראל:

**יא וא"ר** אלעזר עתידין כל בעלי אומניות שיעמדו על הקרקע שנאמר (יחזקאל כז) וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט מלחים כל חובלי הים על הארץ יעמדו. וא"ר אלעזר אין לך אומנות פחותה מן הקרקע שנאמר וירדו. ר' אלעזר חזייה להדיא ארעא דשדי ביה כרבא לפותיה א"ל אי תשדייה לאורכך הפוכי בעיסקא טב מינך. רב על לביני שבילי חזנהו דקא נייפין אמר להו אי תנופו איתניפן הפוכי בעיסקא טב מינך. אמר רבא מאה זוזי בעיסקא כל יומא בשרא וחמרא מאה זוזי בארעא מילחא והפורה ולא עוד אלא מגניא ליה אארעא ומרמא ליה תיגרא אמר רב פפא זרע ולא תזבין אע"ג דכי הדדי נינהו הני

בעמדו על הקרקע. יניחו אומנותם לעסוק בחרישה וקצירה: וירדו מאניותיהם כל תופשי משוט על הארץ יעמדו. וירדו לשון ירידה מניות: דשדי ביה כרבא. זרע כרוב לא כרבא חרישה כמו כרוב וחפי כמה דמסיק העלא מבי כרבא: לפותיה. לרוחב הערוגה. אי תשדייה לאורך. כלו' אפי' ההזור ותחרישנה לא יועיל כלום לפי העסקא הפוכי בעסקא. טוב להרוית יותר: דקא נייפין. כרות מכבן זו בזו: אי תניפו. כמה שתרצו תנופפו אין הועלת בכם לפי פרקמטיא: תניפו לשון הניפי לי בנפה: הפורה. שתא שנכרה מועט ואוכל עבבים והזית במלת הפורה ירק מן התבואה עד שאגא כבילה עלים: מגניא ליה אארעא [משכבת אותו על הארץ] לשמור כל הלילה: [ומרמא ליה תגרא. בשבילה מתקוטט עם בני אדם]: זרע. תאכלה לאכילת ביתך: ולא תזבין. לא תקנה תבואה מן השוק: ואע"ג דכי הדדי נינהו. אפילו תמין כאל וקרקען אינו חשוב ואין לך שכר לפי (השכר) [השעה] אפילו הכי הני מתברכין ברכה מאויה כדבר שאין לוקח בדמים ואין כלה מהר: ברכה. סיום"ד

---

נעמה פון עמון. און עס וועלין גבענשט ווערין מיט דיר אלע משפחות פון דער ערד. אפילו די משפחות וואס וואוינען נאר אויף דער ערד וואס מיינט מען אלע פעלקער. ווארום יודין וואוינען אויף דער ערד און אויף דעם הימעל. די נשמות זייערע זענען פון הימעל. דריף וועלין אויך גיבענשט ווערין נאר פון דעם זכות פון די יודין. נאך שטייט אין פסוק עס וועלין גיבענשט ווערין מיט אים אלע פעלקער פון דער וועלט. אפילו די שיפען וואס קומען פון גליא צוא אספמיא ווערין נאר גיבענשט דורך דעם זכות פון יודין:

יא ואמר. נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט אוועק לייגען אלע ארבעט. און מען וועט נאר ארבעטין די ערד זייען שניידין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא וועלין אראפ נידערין פון זייערע שיפען אלע וואס האלטען לאפעטעס צו שטויסען די שיף. און אלע מאטראזין און די וואס ציהען מיט שטריק די שיף אויף דעם ים. און זיא וועלין שטיין אויף די ערד. זיא וועלין ארבעטין די ערד. נאך האט רבי אלעזר גזאגט עס איז ניטא קיין ערגערע ארבעט וויא צוא ארבעטין די ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק וירדו. זיא וועלין אראפ נידערין פון די שיף ארבעט צוא די ערד ארבעט. רבי אלעזר האט גיזעהן אפעלד וואס ווען מיר אז די ערד ארבעט הייסט אדער נידערונג. רבי אלעזר האט גיזעהן אפעלד וואס אין איר איז גיוועזן פאר זייט קרויט אין די ברייט פון די זאנגעס. האט רבי אלעזר גיזאגט אפילו מען וועט אין דיר פאר זייען די קרויט אין די לענג פון די זאנגעס. פון דעסטוועגין איז אהאנדיל בעסער וויא דוא ביסט. רב איז אמאהל אריין גינאנגען אין אפעלד צווישען די זאנגען. האט ער גיזעהן וויא דער ווינט בלאזט די זאנגען איינעם אויף דעם אנדערין. האט רב גזאגט צוא די זאנגען אפילו איר וועט אייך נאך מער בלאזין. פון דעסטוועגין איז אהאנדיל בעסער פון אייך. רבא האט גזאגט אז איינער האט הונדערט גילדין אין האנדיל קען ער עסין אלע טאג פלייש און טרינקען וויין. און דער וואס האט הונדערט גילדין אין ערד קען ער נאר האבען פון איר זאלץ און אביסעל אומצייטיגע תבואה. און ער מוז שלאפן אין פעלד אויף די ערד צוא היטען די תבואה. און ער מוז זיך אלע מאהל קריגען מיט מענטשין. רב פפא זאגט דוא זאלסט זייען אין פעלד פאר דיין הויז גענוג צום עסין. דוא זאלסט ניט דארפען קויפען עסין פון גאס. אפילו עס וועט דיך אלץ איינס קאסטין. ווארים די

הני מברכן זבן ולא תידול ה"מ ביסתרקי אבל גלימא לא מתרמי ליה כדבעי. טום ולא תשפיץ שפיץ ולא תבני שמל העוסק בבנין מתמסכן קפוץ זבין א־עא טהון נסיב אתתא נחות דרגא ונסיב אתתא סק דרגא ובחר שושבינא:

יב א"ר אלעזר בן אבינאי אין פורענות בא לעולם אלא בשביל ישראל שנאמר (צפניה ג) הכרתי גוים נשמו פנותם החרבתי חוצותם וכתיב (שם) אמרתי אך תיראי אותי תקחי מוסר. רב הוה מיפטר מר' חייא א"ל רחמנא ליצלך ממידי דקשי ממותא. ומי איכא מידי דקשי ממותא נפק דק ואשכח (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה. רב הוה קא מצערא ליה דביתהו כי אמר לה עבידי לי טלופחי עבדה ליה חימצי חימצי עבדה ליה טלופחי כי גדל חייא בריה אפיך

ומין ולא תידול. תמכור כלי תשמישך והשתא נדמיה בפרקמטיא קודם שתבא לידי עניות: ביסתרקי. כלי הבית מאפיי"ר בלע"ז: אבל גלימא. שהוא עשוי להתכסות בלבישתו לא ימכור דלמא כי הדרי בעי לה לא מתרמי ליה כגונה כמותה: טום. הרגול של סתום כמו שתמוס פלאסי"ם טומיכון פלאסאי: טום ולא תשפין. אם יש לך חור קטן בכותל רעוע סתום אותו מיד ולא תרחיב נקב לשפן בו טיט ולבנים סרכה ליפותו: שפין פלאסטי"ר בלע"ז ואם בעל נפש אתה להמלות בניק הרחב הנקב ושפאהו להיות יפה: ולא תבני. לא תפיל את הכותל ותבנהו: מהון נסיב אתתא. המתן עד שתבדוק מעשיה שלא תהא רעה וקנטרנית: נחות דרגא ונסיב אתתא. שלא תקח אשה החשובה ממך שמא לא תתקבל עליה: שושבינא. אוהב טוב בחר לך אדם חשוב לדבק אחריו:

בשביל ישראל. ליראם כדי שיחזרו בתשובה: חימצי. מין קטניות: אפיך לה. היא אומר הא: לבמ אומר שמך לעשות עדשים והוא אומר [illegible] עשה חימצי

---

תבואה וואס מען האט פון אייגענע פעלד איז אין דעם דא אברכה. אונ דאס וואס מען קויפט אין גאס איז ניטא קיין ברכה. אמענטש זאל פאר קויפען אלין וואס ער האט אונ זאל מאכען אהאנדיל. אונ דאס זאל ער טאן נאך איידער ער ווערט ארעם. אבער נאר ווערטשאפט זאל ער פאר קויפען: נאר ניט קליידער. ווארום קליידער גיבען כבוד צום מענטשין. אונ אז ער וועט וועלין צוריק אפ קויפען קליידער. טאמער וועט ער ניט בעקומען צוא קויפען אזעלכע קליידער וויא אים פאסט: אז דוא זעסט אלאך אין דיא וואנט פון שטוב זאלסטו דיא לאך באלד בעקלעבין מיט ליים אונ וואפנע. אונ דוא זאלסט ניט אויס האקען די לאך ברייטער ארויין צוא זעצין איין איר ציגעל אונ וואפנע צוא פאר שענערין. אונ אויב דוא ווילסט דיא וואנט זאל זיין שיין. בעגעסטו דיא לאך פאר גרעסערין אונ אריין זעצין ציגול מיט וואפנע. נאר זאלסט ניט איין ווארפען דיא וואנט אונ אויף באהען אנייע. ווארום דער וואס בשעפטיגט זיך מיט קיינער באהען וועט ער ארעם ווערין. אפעלד מעגסטו קויפען אין דיא געשווינדיגקייט. נאר אווייב נעמען זאלסטו דיך גוט ארומקוקין ווען דוא נעמסט זיא זאל ניט זיין קיין שלעכטע קיין קריגעריין. זאלסט אראפ נידעריין אביסול פון דיין יחוס אונ נעמען אווייב. אונ דוא זאלסט ניט נעמען אווייב וואס איז אגרעסערע יחסנטע וויא דוא ביסט. זיא זאל זיך ניט גרוים האלטען געגין דיר. אונ אגוטען פריינד זאלסטו נעמין אזעלכין וואס ער איז אגרעסערער יחסן וויא דוא. דוא זאלסט דיך אפ לערנען פון אים גוטס צוא טאן:

יב אמר. רבי אלעזר בן אבינאי האט גזאגט אלע צרות קומט אויף דער וועלט נאר פון ישראלס וועגין: צוא מאכען אויף זייא אמורא זייא זאלין תשובה טאהן. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב פאר שניטען דיא פעלקער עס איז פאר וויסט געווארין זייערע ווינקלין (זייערע גרענעצין) איך האב וויסט גימאכט זייערע גאסען. איך האב גימיינט איר זאלט אייך דער שרעקין וועט איר פאר מיר מורא האבען. אונ איר וועט אייך נעמען אמוסר איר זאלט פרימער ווערין. ווען רב איז אוועק גיגאנגען פון רבי חייא. האט ער גזאגט צוא אים גאט זאל דיך היטען פון דיא זאך וואס איז ערגער וויא דער טויט. האט רבי חייא גיקלערט אין דען דא אזאך וואס איז ערגער וויא דער טויט. האט רבי חייא גיפונען אפסוק שלמה המלך האט גזאגט איך געפין אז אשלעכטע ווייב איז ביטער וויא דער טויט. רב פלעגט האבען צרות פון זיין ווייב. אז ער פלעגט זאגין צוא איר זיא זאל קאכען לינדזען: פלעגט זיא קאכען ארבעס פלעגט ער זאגין זיא זאל קאכען ארבעס. פלעגט זיא קאכען לינדזען. אז זיין זוהן

הייא

אפיך לה א"ל איעליא אמך א"ל אנא הוא דקא אפיכנא
לה א"ל היינו דקאמרי אינשי דנפיק מינך טעמא מלפך
מיהו את לא תעביד הכי שנאמר (ירמיה ט) למדו לשונם
דבר שקר העוה נלאו ר' חייא הוה קא מצערא ליה
דביתהו כי הוה משכח מידי צייר ליה בסודריה ומייתי
לה א"ל רב והא קא מצערא ליה למר א"ל דיינו שמגדלות
בנינו ומצילות אותנו (ע"ב) מן החטא . מקרי ליה רב
יהודה לרב יצחק בריה ומוצא אני מר ממות את האשה א"ל כגון מאן א"ל כגון אמך איני
והא מתנה לה רב יהודה לרב יצחק בריה אין אדם מוצא קורת רוח אלא באשתו
ראשונה שנאמר (משלי ה) יהי מקורך ברוך ושמח באשת נעוריך וא"ל כגון מאן כגון אמך
מתקיף תקיפה ועבורי מיעברא במלה ה"ד אשה רעה אמר אביי מקשטא ליה תכא
ומקשטה ליה פומא . רבא אמר מקשטה ליה תכא ומהדרה ליה גבה :

אמר

הימלי והיא עושה עדשים: טעמא מלפך . טעמיך
שהבן מהכים את אביו אני היה לי לעשות כן : את
לא תעביד הכי . דבר שקר הוא וכתיב למדו לשונם
דבר שקר: כי הוה משכח מידי : דבר הראוי לה:
מן החטא . הרהור עבירה: ועבורי מיעברא במלה .
נוחה לרצות ומעברת על מדותיה: פומא . מקלל
ומגדף עד זמן סעודה כדי לצערו: מהדרה ליה גבה:
שלא לאכול עמו ומצערתו:

מתפקין

---

חייא איז אויף געוואקסען. פלעגט ער זאגין פאר_קערט למשל אז רב האט געוואלט ארבעס
האט ער געזאגט צוא זיין זוהן גייא זאג דיין מוטער זיא זאל קאכען ארבעס. האט חייא געזאגט
צוא זיא מוטער דער פאטער וויל דוא זאלסט קאכען לינדזען. פלעגט זיא קאכען ארבעס. ווא
רב האט געזעהן אז מען האט אים געגעבין ארבעס אזוי וויא ער האט געוואלט. האט ער
געזאגט צום זוהן דיין מוטער איז שוין בעסער געווארין. האט דער זוהן געזאגט איך האב איר
געזאגט פאר_קערט. האט רב געזאגט דאס איז וואס מענטשין זאגין דער וואס ווערט געבארין
ווערין פון דיר ווערט דיך לערנען א עצה. איך בין ניט אזוי קלוג געוועזן צוא זאגין איר פאר
_קערט. נאר פון דעסטוועגין זאלסטו אויך גיט אזוי טאהן. ווארום דאס איז דאך אליגען.
אונ עס שטייט אין פסוק זייא לערנען זייער צונג צוא רעדען פאלשקייט זייא ווערין מיד צו
פאר_קרימען דעם אמת אויף פאלש. רבי חייא האט אויך גיהאט צרות פון זיין ווייב. פון
דעסטוועגין אז ער פלעגט עפעס געפינען אזוי אזאך וואס איז גוט פאר איר: פלעגט ער דאס
איין בינדין אין זיין טאנטיל אונ פלעגט איר ברייענגען. האט רב געזאגט צו רבי חייא דו האסט
דאך צרות פון איר צוא וואס ברייענגסטו איר דייא זאך. האט רבי חייא געזאגט צוא רב גינוג
פאר אונז וואס זייא ערציהען אונזערע קינדער אונ בעהיטען אונז פון עבירה. רב יהודה האט
גילערנט מיט זיין זוהן רב יצחק דעם פסוק איך געפין אז אשלעכטע ווייב איז ביטערער
וויא דער טויט. האט רב יצחק געזאגט צום פאטער וועלכע אשה איז אזוי שלעכט. האט רב
יהודה געזאגט אזוי וויא דיין מוטער. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. רב יהודה
האט דאך גילערנט מיט זיין זוהן רב יצחק אז א מענטש געפינט גיט_קיין פערגעניגען נאר
פון דיין ערשטע ווייב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיין קוואל ווערט זיין געבענטשט אונ
וועסט דיך פרייען מיט דיין ווייב וואס דוא האסט גינומען אין דיין יוגענד. האט רב יצחק
געזאגט צום פאטער וועלכע אשה איז אזוי גוט. האט רב יהודה געזאגט אזוי וויא דיין מוטער.
ענטפערט דיא גמרא וויא איז געוועזן אשלעכטע (אבייזע) נאר מען האט איר גיקענט געשווייגט
מאכען. וואס הייסט אשלעכטע ווייב. האט אביי געזאגט זיא צירט אים דעם טיש אונ
צירט אויס דאס מויל. זיא שטעלט פאר אים עסין אויף דעם טיש. אונ ווענט זיך געבין אים
אונ פלוכט אים אונ זידולט אים אונ רעט אים שלעכטע רייד עס זאל אים ניט בעקומען דיין
עסין. רבא זאגט דאס הייסט אויך אשלעכטע ווייב זיא שטעלט פאר אים עסין אויף דעם טיש
אונ זיא קערט זיך אים מיט דיא פלייצעס צוא אים אונ וויל ניט עסין מיט אים. עס זאל אים ניט
בעקומען דאס עסין:

אמר

מתפקקין. נסתמין לשון ויפק כמו פיקה הנקבין : לא הס בנדה. יצא חתרת תנג : כתברתא. מקבלת ופכתם יותר : בסילתא. קוץ : סגריר. יום טרד ודוח : דלף טורד וגו'. ואשת מדנים נשתוה

**יג אמר** ר' חמא בר חנינא כיון שנשא אדם אשה עונותיו מתפקקין שנאמר (משלי יח) מצא אשה מצא טוב ויפק רצון מה'. במערבא כי נסיב איניש אתתא אמרי ליה הכי מצא או מוצא. מצא דכתיב מצא אשה מצא טוב. מוצא דכתיב (קהלת ז) ומוצא אני מר ממות את האשה. אמר רבא אשה רעה מצוה לגרשה דכתיב (משלי כב) גרש לץ ויצא מדון וישבות דין וקלון ואמר רבא אשה רעה וכתובתה מרובה צרתה בצדה דאמרי אינשי בחבריתה ול"א בסילתא ואמר רבא קשה אשה רעה כיום סגריר שנאמר (שם כז) דלף טורד ביום סגריר ואשת מדנים נשתוה. ואמר רבא בא וראה כמה טובה אשה טובה וכמה רעה אשה רעה כמה טובה אשה טובה דכתיב מצא אשה מצא טוב אי בגוה משתעי קרא כמה טובה אשה טובה שהכתוב משבחה אי בתורה משתעי קרא כמה טובה אשה טובה שהתורה נמשלה בה כמה רעה אשה רעה דכתיב ומוצא אני מר ממות את האשה אי בגוה משתעי קרא כמה רעה אשה רעה שהכתוב מגנה אי בגיהנם משתעי קרא כמה רעה אשה רעה שגיהנם נמשלה בה. (ירמיה ח) הנני מביא רעה אשר לא יוכלו לצאת ממנה אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה

---

**יג אמר.** רבי חמא בר חנינא האט געזאגט אז אמענטש נעמט אווייב ווערן פאר מאכט זיינע עבירות. גאט קוקט ניט אויף זיינע עבירות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס און ער וועט ארויס ציהען זיין ווילען פון גאט. גאט וועט איהם טאהן זיין ווילען. אין ארץ ישראל אז איינער האט גענומען אווייב. פרעגט מען איהם מצא אדער מוצא. מצא מיינט מען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מצא אשה מצא טוב. אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס. אויב זי איז אגוטע ווייב. מוצא מיינט מען אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מוצא אני מר ממות את האשה. איך געפין אז אווייב איז ביטערער ווי דער טויט. אויב זי איז אשלעכטע ווייב. רבא זאגט אז איינער האט אשלעכטע ווייב איז אמצוה ער זאל איהר גטין. ווי עס שטייט אין פסוק טרייב ארויס דעם שלעכטין וועט ארויס גיין דיא קריג און עס וועט געשטערט ווערין שפיטט אין שאנד. נאך האט רבא געזאגט אז איינער האט אשלעכטע ווייב און ער קען איהר ניט געבין ווייל זי האט אגרויסע כתובה. זאל ער נעמען צו איהר נאך אווייב. ווארום מענטשין זאגין ער זאל שלאגין די שלעכטע ווייב מיט דעם וואס ער וועט נעמען נאך אווייב. און ער זאל איהר ניט שלאגין מיט אשטעקן. זי וועט דורך די אנדערע ווייב בעסער ווערין נאך מער ווי זי וואלט בעסער געווארין דורך שלאגין. נאך האט רבא געזאגט אשלעכטע ווייב איז אזוי שלעכט ווי אטאג וואס רעגינט מיט אשטורעם ווינט אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז עס רעגינט מיט אשטורעם ווינט וואס עס איז שלעכט צו גיין אין גאס מען דארף זיין איין געשלאסין אגאנצין טאג אין שטוב און אז מען האט אשלעכטע ווייב. די ביידע זאכין זענין גלייך שלעכט: אז עס רעגינט קען מען ניט זיין אין גאס: און אז מען האט אשלעכטע ווייב קען מען ניט זיין אין שטוב. נאך האט רבא געזאגט קום זעה ווי גוט איז אגוטע ווייב און ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב. וויא גוט איז אגוטע ווייב ווארים עס שטייט אין פסוק אז ער האט געפונען אווייב האט ער געפונען גוטס. אויב דער פסוק שמועסט מאקי פון אווייב. ווי גוט איז אגוטע ווייב אז דער פסוק לויבט איהר. אויב דער פסוק שמועסט פון די תורה. ווי גוט איז אגוטע ווייב אז מען גלייכט די תורה צו אגוטע ווייב. ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב ווארים עס שטייט אין פסוק איך געפין אז אשלעכטע ווייב איז ביטערער ווי דער טויט. אויב דער פסוק שמועסט מאקי פון אווייב. וויא שלעכט איז אשלעכטע ווייב אז דער פסוק שעלט איהר. אויב דער פסוק שמועסט פון גיהנם. ווי שלעכט איז אשלעכטע ווייב אז מען גלייכט דעם גיהנם צו אשלעכטע ווייב. אין פסוק שטייט איך וועל ברייגין אשלעכץ וואס זיי וועלין ניט קענין ארויס גיין פון איהר. האט רב נחמן געזאגט

אבוה זו אשת רעה וכתובתה מרובה . (איכה א) נתנני ה' בידי לא אוכל קום אמר רב חסדא אמר מר עוקבא [בר חייא] זו אשה רעה וכתובתה מרובה במערבא אמרי זו שמזונותיו תלויין בכספו :

יד (דברים כח) בניך ובנותיך נתונים לעם אחר אמר רב חנן בר רבא אמר רב זו אשת האב (שם לב) בגוי נבל אכעיסם אמר רב חנן בר רבא א אשה רעה וכתובתה מרובה ר' אליעזר אומר אלו הצדוקין וכה"א (תהלים יד) אמר נבל בלבו אין אלהים במתניתא תנא אלו אנשי ברבריאה ואנשי מסטנאי שמהלכין ערומין בשוק שאין לך משוקץ ומתועב לפני המקום יותר כמי שמהלך בשוק ערום ר' יוחנן אומר אלו חברייא אמרו ליה לר' יוחנן אתי חברי לבבל שגא נפל אמרי ליה מקבלי שוחדא תריץ יתיב . גזרו על ג' מפני ג' גזרו על הבשר מפני המתנות גזרו על המרחצאות מפני הטבילה. קא מהטמי שכבי מפני ששמחים ביום

שין סס : תלוין בכספו . שאין לו וריעה בקרקע דכל שעה מילר ודואג שמא תתייקר התבואה . יד יעגלו סעורי שבר : אין אלהים . מי שאמר אין אלהים קרי נבל : חברייא . פרסיים רשעים ומבוזין ואינן מכירין כבודן של ישראל : שגא . כסף : ונפל . מרוב לער שהיו בני הישיבה מסורין בידם : אמרי ליה מקבלי שוחדא . לבטל גזירתא : תריץ יתיב ושמח : אמרו ליה על ג' גזרו . אמר להם מפני ג' עבירות שהיו ביד בני בבל : גזרו על הבשר . שלא יאכלו בשר שהוטה אמר להם מפני עבירה שבידם שהיו גוזלים מתנות כהונה [זרוע ולחיים וקיבה : ועל המרחצאות מפני הטבילה . שלא היו זהירין בה] : מהטמי שכבי . מוציאין המתים מקבריהם : ששמחים ביום אידם . בעבור שהיו ישראל שמחים ביום אידם שמשחקין עמהם בא עליהם זאת הגזרה

פון רבה בר אבהו'ס וועגן דאס מיינט מען אשלעכטע ווייב וואס האט אגרויסע כתובה . וואס ער קען איהר ניט געבן : אין פסוק שטייט גאט האט מיך געגעבן אין אזעלכע הענט וואס איך קען ניט אויף שטיין האט רב חסדא געזאגט פון מר עוקבאס וועגן דאס מיינט מען אשלעכטע ווייב וואס האט אגרויסע כתובה . אין ארץ ישראל זאגט מען דאס מיינט מען דעם מענטש וואס דאס ניט קיין תבואה פון זיינע פעלדער . ער דארף אלץ קויפן אין גאס פאר געלט . דער מענטש זארגט שטענדיג . טאמער וועט טייער ווערין . טאמער וועט ער ניט בעקומען צו קויפן. אונ טאמער וועט ער ניט האבין קיין געלט ווען ער וועט דארפין קויפין :

יד בניך . דיינע זיהן אונ דיינע טעכטער וועלין געגעבין ווערין צו איין אנדער פאלק . רב חנן בר רבא האט געזאגט פון רבס וועגן דאס מיינט מען זייער מוטער וועט שטארבין: אונ די קינדער וועלין דארפין קומען צו אשטיפמוטער . אין פסוק שטייט איך וועל זיי דער צערינן מיט אשלעכטע פאלק . האט רב חנן בר רבא געזאגט דאס מיינט מען אשלעכטע ווייב וואס האט אגרויסע כתובה. רבי אליעזר זאגט דאס מיינט מען אפיקורסים . די אפיקורסים ווערין גירופין נבל . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער נבל זאגט אין הארצין עס איז ניטא קיין גאט . דער וואס זאגט עס איז ניטא קיין גאט ווערט ער גירופין נבל : די אפיקורסים וועלין דער צערינן די יודין . אין אברייתא האבין מיר גילערינט נ' נבל . די פאר מיאוסטע פאלק דאס מיינט מען די מענטשין פון ברבריא אונ די מענטשין פון מכטנאי וואס זיי גייען נאקעט אין גאס : ווארום עס איז ניטא קיין זאך וואס עס זאל זיין אזוי מיאוס פאר גאט ווי דער וואס גייט נאקיט אין גאס . רבי יוחנן זאגט גוי נבל דיא פאר מיאוסטע פאלק דאס מיינט מען די פערסיאנער . ווייל זיי זענין גרויסע רשעים דריבער זענען זייא פאר מיאוסט ביי גאט . ווען מען האט געזאגט צו רבי יוחנן פרסיים זענין גיקומען אין בבל : האט ער זיך איין גיבויגען אונ איז גיפאלען פאר שרעק . דער נאך האט מען גיזאגט צוא רבי יוחנן זייא נעמען געלט אונ זענין מבטל דיא גזרות : האט ער זיך גלייך גיזעצט . מען האט מאגט צוא רבי יוחנן דיא פרסיים האבען גזר גיווען דרייא גזרות . האט רבי יוחנן געזאגט ווייל דיא יודין אין בבל האבען דרייא עבירות . דיא פרסיים האבען גוזר גיווען מען זאל ניט עסין קיין גישאכטענע פלייש . האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז פאר דיא עבירה וואס זייא האבען ניט גיגעבין צום כהן דיא מתנות פון זייערע בהמות וואס זייא פלעגין שעכטין ודיא מתנות זענין דיא פאר דערשטע פוס אונ דיא באקין אונ דעם מאגען . זייא האבען גוזר גיווען עס זאל ניט זיין קיין באדער . האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז ווייל דיא ווייבער זענין ניט גיגאנגען טבילה . זייא האבען

ביום אידם שנא' (ש"א יב) והיתה יד ה' בכם ובאבותיכם ואמר רבה בר שמואל זו הטוטי שבבי דאמר מר בעון היים מתים מתהמטין:

טו א"ל רבא לרבה בר מרי כתיב (ירמיה ח) לא יאספו ולא יקברו לדומן על פני האדמה יהיו וכתיב (שם) ונבחר מות מחיים א"ל נבחר מות לרשעים שלא יהיו בעולם הזה ויחטאו ויפלו בגיהנם. כתיב בספר בן סירא אשה טובה מתנה טובה לבעלה וכתיב אשה טובה בחיק ירא אלהים תנתן. אשה רעה צרעת לבעלה מאי תקנתיה יגרשנה ויתרפא מצרעתו. אשה יפה אשרי בעלה מספר ימיו כפלים. העלם עיניך מאשת חן פן תלכד במצודתה. אל תט אצל בעלה למסוך עמו יין ושכר כי בתואר אשה יפה רבים הושחתו ועצומים כל הרוגיה. רבים היו פצעי רוכל המרגילים לדבר עבירה כניצוץ מבעיר גחלת ככלוב מלא עוף כן בתיהם מלאים מרמה. אל תצר צרת מחר כי לא תדע מה ילד יום שמא מחר

רב אחא בר: בכם ובאבותיכם. ואבותם כבר מתו ומה מכה יש בהם [אלא] הטוטי שבבי: נשיא ונבחר מות מחיים. בקברים דהוא קרא דלעיל והיינו ניוונים לקבורה שילך יבחרו מחיים למות: א"ל. הא נבחר לא קאי על שיהיו בן מוזרין מות מחיים אלא גביא הוא דקאמר לפו מוטב להם לרשעים שימותו ממה שיחטאו ויחיו: ממספר ימיו כפלים. כלומר שמח בחלקו ודומה לו כאלו ימיו כפלים: מאשת חן. של אחרים: רוכל. המוכר בשמים לנשים להתקשט בהם ומצוי בו ניאוף זנה בעלה ופוגעו: כניצוץ. אש המבעיר גחלת כן יצרו מבעירו: ככלוב. קן עופות: מחר מת ואיננו. בעולם ולא ידאג אותו דאגה שהוא מילר ויהא ידואג עליו ונמצא שמצטער תחמול על עולם שאינו שלו:

---

האבען גוזר געוועזן מען זאל אויס גראבען די טויטע פון זייערע קברים. האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז ווייל זיי פלעגען זיך פרייען צו זאמען מיט די גוים אין די גוישע ימים טובים דריבער האט מען זיי געמאכט אטרויערקייט מיט די מתים אויס גראבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא האנט פון גאט וועט זיין אין אייך אונ אין אייערע עלטערין. די עלטערין זענין דאך שוין געשטארבען מיט וואס קען זיי גאט שטראפין. האט רבה בר שמואל געזאגט דאס מיינט מען מען וועט זיי אויס גראבין פון די קברים. ווארום דער תנא האט געזאגט דורך די זינד פון די לעבעדיגע גראבט מען אויס די טויטע:

טו אמר. רבא האט געזאגט צוא רבה בר מרי עס שטייט אין פסוק די טויטע וועלין נית איין געזאמעלט ווערין אונ וועלין נית בגראבין ווערין זיי וועלין זיין אזוי וויא מיסט אויף דער ערד. אונ עס שטייט אין פסוק זיי וועלין בעסער וועלין שטארבין וויא לעבין. אז זיי וועלין נית בגראבין ווערין פאר וואס זאלין די לעבעדיגע וועלין שטארבין. האט רבה געזאגט מען מיינט נית זיי וועלין בעסער וועלין שטארבין וויא לעבין. נאר דער נביא זאגט עס וואלט בעסער געוועזן די רשעים זאלין שטארבען אונ זאלין נית זיין אויף דער וועלט. איידער זיי זאלין לעבין אונ זינדיגען אונ פאלען אין גיהנם. עס שטייט אין ספר בן סירא א גוטע ווייב איז א גוטע מתנה צוא איר מאן. זיא ווערט געגעבין אין דעם שויס פון דעם פרומען וואס האט מורא פאר גאט. א שלעכטע ווייב איז וויא קרעץ צוא איר מאן. וואס זאל ער טאהן. ער זאל איר געבין וועט ער געהיילט ווערין פון די קרעץ. א שיינע ווייב וואויל צוא איר מאן. די צאהל פון זיינע טעג זענין טאפיל גלייך וויא ער וואלט געלעבט צוויא מאהל אזוי פיל יאהרין. זאלסט נית קוקען אויף א שיינע ווייב א פרעמדע וואס זיא האט א מאן. טאמער וועסטו געפאנגען ווערין אין איר נעץ. זאלסט נית גיין צוא איר מאן צוא טרינקען מיט אים וויין. ווארום דורך א שיינע ווייב זענן שוין פיל מענשין פאר דארבין געווארין. אונ זיא האט שוין פיל שטארקע מענטשין גיהרגט. דער קראמער וואס טראגט שמעקעדיגע בוימאייל אונ געווירץ אין די הייזער ווייבער זאלען דאס קויפען צום צירען זיך מיט דעם. דער ווייל רעט ער זיי אן זיי זאלין מיט אים מזנה זיין. זיינע וואונדען זענין פיל. ווארום די מאנען טרעפין אים אונ שלאגין אים. אזוי וויא א פונק פייער ברענט אויף דעם קויל. אזוי וויא א נעסט איז פול מיט פייגעלאך. אזוי זענין זייערע הייזער פול מיט פאלשקייט. עס זאל דיר נית באנק טאהן היינט די צרה וואס וועט קומען מארגין. ווארום דוא ווייסט נית וואס היינט וועט געבארין ווערין

מחר בא ואיננו נמצא מצטער על עולם שאינו שלו. מנע רבים מתוך ביתך ולא (רוכל) [הכל] תביא ביתך. רבים יהיו דורשי שלומך גלה סודך לאחד מאלף:

**מז אמר** ר' אסי אין בן דוד בא עד שיכלו כל הנשמות שבגוף שנאמר (ישעיה נז) כי רוח מלפני יעטוף ונשמות אני עשיתי. תניא ר' אליעזר אומר כל יהודי שאינו עוסק בפריה ורביה כאלו שופך דמים שנאמר (בראשית ט) שופך דם האדם באדם דמו ישפך וכתיב בתריה ואתם פרו ורבו. ר' (עקיבא) [יעקב] אומר כאלו ממעט את הדמות שנאמר (שם) כי בצלם אלהים עשה את האדם וסמיך ליה ואתם פרו ורבו. בן עזאי אומר כאלו שופך דמים וממעט את הדמות שנאמר ואתם פרו ורבו. אמרו לו לבן עזאי יש נאה דורש ונאה מקיים נאה מקיים ואין נאה דורש ואתה נאה דורש ואין נאה מקיים. אמר להם ומה אעשה שנפשי חשקה בתורה אפשר לעולם שיתקיים ע"י

פירוש

גוף. פרגוד שחולץ בין מהנה שכינה למלאכים ושם רוחות ונשמות נתונות שנבראו מששת ימי בראשית העתידות ליהנתן בגופים העתידים להבראות: שנאמר כי רוח מלפני יעטוף. הנשמות אשר אני עשיתי: יעטוף. לשון עכבה כדכתיב והיו העטופים ללבן ורישא דקרא משמעי בגלותא כי לא לעולם אריב: ואתם פרו ורבו. בתריה דקרוייהו כתיב כלכך כמי שעשה שתיהן שם:

---

ווערן. טאמער ווען דער מארגין קומען אונ דוא וועסט שוין ניט זיין אויף דער וועלט, האסטו דאך גענומען געהאט צער אומזיסט דוא האסט גזארגט אויף אפרעמדע וועלט וואס ניט דיינע איז. פאר מייד פיל מענטשין פון דיין שטוב. ניט אלע מענטשין זאלסטו אריין ברייבגען אין דיין שטוב. פיל מענטשין זאלין זארגין פאר דיין פרידען. אונ דיינע סודות זאלסטו ניט זאגן אפילו צוא איינעם פון טויזענד:

**מז אמר.** רבי אסי האט גזאגט משיח וועט אנדערש ניט קומען סיידין עס וועט ארויס גינומען ווערין אלע נשמות פון דעם אוצר וואס הייסט גוף. וואורום עס שטייט אין פסוק גאט האט עס ווען די אנגטער ווילען פון מיר וצוא ברייגען משיחו אז עס וועלין גיבארין ווערין אלע נשמות וואס איך האב בשאפען ניט פריער. מיר האבען גילערענט רבי אליעזר זאגט דער יוד וואס זעהט ניט ער זאל האבען קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט גיהרגית מענטשין. וויארום עס שטייט אין פסוק דער וואס פאר גיסט דיא בלוט פון אמענטשין. וועט זיין בלוט פאר גאסין ווערין דורך מענטשין. זאל אים בית דין הרגנן. אויב עס איז דא עדות. אונ אז עדות איז ניטא. וועט אים גאט שטראפין. באלד נאך דעם פסוק שטייט איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין: איר זאלט האבען קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפט זיך ניט צוא האבען קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט מענטשין גיהרגית. רבי יעקב זאגט עס איז גלייך וויא ער וואלט ווייניגער גימאכט דעם גישטאלט פון גאט. וואורום עס שטייט אין פסוק אין דעם גישטאלט פון גאט האט גאט בשאפען דעם מענטש. באלד נאך דעם פסוק שטייט איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. איר זאלט האבען קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צוא האבען קינדער. מאכט ער דאך ווייניגער דעם גישטאלט פון גאט אויף דער וועלט. בן עזאי זאגט דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צוא האבין קינדער איז גלייך וויא ער וואלט גיהרגית מענטשין. אונ וויא ער וואלט ווייניגער גימאכט דעם גישטאלט פון גאט. וואורום אין פסוק שטייט דער וואס פאר גיסט די בלוט פון אמענטשין וועט זיין בלוט פאר גאסין ווערין. נאך שטייט אין דעם גישטאלט פון גאט האט גאט בשאפען דעם מענטש באלד נאך דעם פסוק שטיים איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. איר זאלט האבין קינדער. צוא ווייזין אז דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט צו האבין קינדער. איז גלייך וויא ער וואלט מענטשין גיהרגית. אונ ער מאכט ווייניגער דעם גישטאלט פון גאט אויף דער וועלט. מען האט גיזאגט צוא בן עזאי. עס איז דא איינער וואס דרשת שיין אונ איז שיין מקיים אזוי וויא ער דרשת. איינער איז שיין מקיים אונ דרשת ניט שיין: אונ' דוא דרשה'ת שיין אונ ביזט ניט שיין מקיים

פאר

מקץ י׳ שנים: מה על הגר ולא דלה נסיב לה בכסך בני קמחי עד שלא בא לארץ כנען כהיה שנים מחכנות בסכן אלם ללמדך שאין ישיבת ח״ל כולה לו דילמא משום עון ח״ל הם עקורים: לפיכך. כלל וקתדמא שאין ישיבת ח״ל מן המנין דהלינן בכל דבר כמוממן מן הכריון חלם אלו או חלהם

ע״י אחרים. תניא אידך ר׳ אליעזר אומר כל מי שאינו עוסק בפריה ורביה כאלו שופך דמים שנאמר שופך דם האדם וסמיך ליה ואתם פרו ורבו. ר׳ אלעזר בן עזריה אומר כאלו ממעט הדמות בן עזאי אומר וכו׳ א״ל לבן עזאי יש נאה דורש וכו׳. ת״ר (במדבר י) ובנחה יאמר שובה ה׳ רבבות אלפי ישראל (דף סד) מלמד שאין השכינה שורה על פחות משני אלפים ושני רבבות מישראל הרי שהיו ישראל שני אלפים ושני רבבות חסר אחד וזה לא עסק בפריה ורביה לא נמצא זה גורם לשכינה שתסתלק מישראל. אבא חנן אמר משום רבי אליעזר חייב מיתה שנאמר (שם ג) ובנים לא היו להם הא אם היו להם בנים לא מתו. אחרים אומרים גורם לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (בראשית יז) להיות לך לאלהים ולזרעך אחריך בזמן שזרעך אחריך שכינה שורה אין זרעך אחריך על מי שורה על העצים ועל האבנים:

ין ת״ר נשא אשה ושהה עמה עשר שנים ולא ילדה יוציא ויתן כתובה שמא לא זכה להבנות ממנה אע״פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר (בראשית טז) מקץ עשר שנים לשבת אברם בארץ כנען ללמדך שאין ישיבת ח״ל עולה לו מן המנין לפיכך חלה הוא או שחלתה

---

פאר וואס נעמסטו ניט קיין ווייב דוא זאלסט האבין קינדער. האט בן עזאי געזאגט וואס זאל איך טאן אז איך גלוסט צוא לערנען תורה. אונ אז איך וועל נעמען א ווייב וועל איך ניט קענען אזוי פיל לערנען וויא איך לערין איצט. וועט דיא וועלט געמערט ווערין אן מיינע קינדער. תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ווען דער ארון האט גירוהט האט משה רבינו געזאגט קער צוריק דיא צוויא מאהל צעהן טויזענד אונ דיא צוויא טויזענד יודין. דער פסוק לערנט אונז אז דיא שכינה רוהט ניט אויף דיא יודין אויב זייא זענין ווייניגער וויא צוויא אונ צוואנציג טויזענד: אויב דיא יודין זענין געוועזען צוויא אונ צוואנציג טויזענד ווייניגער איינער. אונ איין מענטש האט זיך ניט בשעפטיגט ער זאל האבען קינדער. האט דאך דער מענטש גיבראכט דער צוא אז דיא שכינה זאל ניט רוהען אויף דיא יודין. אבא חנן זאגט פון רבי אליעזרס וועגין דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט ער זאל האבען קינדער. קומט אים מיתה. ווארום עס שטייט אין פסוק ביא נדב ואביהוא זיי האבען ניט געהאט קיין קינדער דריבער זענין זייא געשטארבען. אבער אז זייא וואלטין געהאט קינדער וואלטין זייא ניט געשטארבען. אנדערע זאגין דער מענטש וואס בשעפטיגט זיך ניט ער זאל האבען קינדער ברייגגט ער דער צוא אז דיא שכינה זאל אפ גיטאהן ווערין פון דיא יודין: ווארום עס שטייט אין פסוק צוא זיין צוא דיר גאט אונ צוא דיינע קינדער נאך דיר. אז עס איז דא קינדער נאך דיר רוהט אויף זייא דיא שכינה: אבער אז עס איז ניטא קיין קינדער נאך דיר. אויף וועמען וועט רוהען דיא שכינה אויף האלץ אדער אויף שטיינער:

ין תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט אז אייגער האט גינומען א ווייב אונ ער האט גיוואוינט מיט איר צעהן יאהר אונ זיא האט ניט גיהאט קיין קינד. זאל ער דיא געטין אונ זאל איר געבין דיא כתובה. טאמער איז ער ניט זוכה צוא האבען קינדער פון איר. אפילו עס איז ניטא קיין בעווייזונג צוא דעם דין. פון דעסטוועגין עפעס אצייכען איז דא אז דער דין דארף אזוי זיין. ווארום עס שטייט אין פסוק צום סוף צעהן יאהר וויא אברהם איז געזעסין אין ארץ כנען. אונ שרה האט נאך ניט גיהאט קיין קינדער. האט אברהם גינומען זיין דינסט הגר. איז דאך א קשיא פאר וואס האט אברהם פריער ניט גינומען זיין דינסט הגר: אין חוץ לארץ האט דאך אברהם גיוואוינט מיט שרה מער וויא צעהן יאהר אונ זיא האט ניט גיהאט קיין קינדער. נאר דיא צייט וואס זייא האבען גיוואוינט אין חוץ לארץ רעכענט מען

שחלתה היא או שניהם חבושים בבית האסורים אין גו יש לו בן המנין א"ל רבא לר"נ ולילף מיצחק דכתיב (בס כה) ויהי יצחק בן ארבעים שנה בקחתו את רבקה וגו' וכתיב (שם) ויצחק בן ששים שנה בלדת אותם א"ל יצחק עקור היה אי הכי אברהם נמי עקור היה ההוא מיבעיא ליה לכדר' חייא בר אבא דא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן למה נמנו שנותיו של ישמעאל כדי ליחס בהן שנותיו של יעקב :

**יח א"ר** יצחק יצחק אבינו עקר היה שנא' (בראשית כה) ויעתר יצחק לה' לנכח אשתו על אשתו לא נאמר אלא לנכח מלמד ששניהם עקורים היו אי הכי ויעתר

סיא וכו' : ולילף מיצחק ששהה כ' שנים ולא נשא אחרת : עקור הוה . וידע שמתחלה עקור היה וקרא נסבה לן דעקור הוה : אברהם נמי עקור הוה . כדאמרינן לקמן והכי ילפת מיניה : ההוא מבעי' ליה וכו' . כלומר יצחק עקור הוה פ"ה לא נסיב אחריתי וקרא דיצחק בן ששים שנה לא יתירה הוא דהימא להכי כתביה רחמנא למיגמר מיניה ששהה כ' שנה דהוה מיבעיא ליה וכו' אבל מקץ י' שנים דאברהם אע"ג דעקור הוה ילפינן מיניה דאי לאו לדרשא למאי כיכתבא קא משמיע קרא מקץ י' שנים : ליחס בהן . לידע שנותיו של יעקב בן כמה שנים היה כשהלך לבית עבר וכשעמד על הבאר כדלהי גמ' דמגילה מפרש לה והאי קרא דיצחק בן כ' שנה מייתי לה התם דילפינן מיניה דגדול ה"ת מכיבוד אב ואם דכל אותם שנים שהיה יעקב בבית עבר לא נענש עליהם :
ויעתר להם מיבעיא ליה . בשלמא אי אמרת תפלה יצחק על אשתו היינו דכתיב ויעתר לו כמו שהיה מתפלל עליה ונתעברה רבקה אשתו אלא

---

נים . עס קען זיין דורך דיא עבירה וואס זיא האבען געוואוהנט אין חוץ לארץ דריבער האבען זיא ניט געהאט קיין קינדער . דריבער אויב ער איז קראנק געוועזן אדער זיא איז קראנק געוועזן אדער זיא זענען ביידע געזעסין אין אסטראג . דיא יאהרין רעכנט מען ניט . האט רבא גזאגט צוא רב נחמן זאלען מיר אפ לערנען פון יצחק . עס שטייט אין פסוק יצחק איז אלט געוועזן פערציג יאהר ווען ער האט גינומען זיין ווייב רבקה . אונ זעכציג יאהר איז ער אלט געוועזן ווען יעקב אונ עשו זענין געבארין געווארין . האט דאך יצחק געווארט צוואנציג יאהר . האט רב נחמן גזאגט יצחק האט געוואוסט אז ער איז אעקר ער קען ניט האבען קיין קינדער . צוא וואס זאל ער נעמען איין אנדער ווייב . פרעגט דיא גמרא אברהם איז דאך אויך געוועזן אעקר . דריבער האט ער געווארט צעהן יאהר . אבער איין אנדערער בארף ניט ווארטען קיין צעהן יאהר . נאר מיר לערנען אפ פון אברהם וויל דער פסוק איז איבעריג . צוא וואס דער ציילט אונז דער פסוק ווען אברהם האט גינומען זיין דינסט הגר . געוויס מיר זאלען אפ לערנען אויף אנדערע מענטשין זיא זאלין אויך ווארטען צעהן יאהר אונ ניט לייגגער . וועלין מיר פרעגין צוא וואס דער ציילט אונז דער פסוק וויא פיל יצחק איז אלט געוועזן ווען ער האט גינומען רבקה . אונ וויא פיל ער איז אלט געוועזן ווען יעקב אונ עשו זענין געבארען געווארין . דאס האט גידוערט צוואנציג יאהר . זאלין מיר אפ לערנען אז מען דארף ווארטען צוואנציג יאהר : ווערין מיר אפ לערנען פון יצחק ניט פון אברהם . ענטפערט דיא גמרא דעם פסוק דארפין מיר אויף איין אנדער זאך . אזוי וויא רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין . צוא וואס דער ציילט דיא תורה וויא פיל יאהרין ישמעאל האט גילעבט . דורך דעם וועלין מיר וויסען צוא ברעכענען דיא יאהרין פון יעקב ווא פיל ער איז אלט געוועזן ווען ער איז גיגאנגען צו לבן . מיזין מיר דאך וויסען דיא יאהרין פון יצחק אויך . וויא פיל ער איז אלט גיוועזן ווען ער האט חתונה גיהאט מיט רבקה . אונ וויא פיל ער איז אלט געוועזן ווען יעקב אונ עשו זענין געבארין געווארין אזוי וויא עס שטייט אין סוף ערשטין פרק פון מגלה :

**יח אמר** : רבי יצחק האט גזאגט יצחק אבינו איז געוועזן אעקר . ווארום עס שטייט אין פסוק יצחק האט געבעטין צוא גאט געגין זיין ווייב . עס שטייט ניט ער האט געבעטין אויף זיין ווייב . נאר געגין זיין ווייב . ואז עס וואלט געשטאנען אויף זיין ווייב . וואלט מען מיינען יצחק האט געבעטין אויף זיין ווייב . וויל זיא האט ניט געקענט האבען קינדער . אבער יצחק אליין האט ניט געבעטין . וויל יצחק האט געקענט האבען קינדער . אבער אז עס שטייט יצחק האט געבעטין געגין זיין ווייב . מיינט מען יצחק האט געבעטין אויף זיך . און רבקה האט געבעטין אויף זיך . וויל יצחק האט אויך ניט געקענט האבען קינדער לערנט אונז דער פסוק

ויעתר לו ויעתר להם מיבעיא ליה לפי שאינו דומה תפלת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע. א"ר יצחק מפני מה היו אבותינו עקורים מפני שהקב"ה מתאוה לתפלתן של צדיקים. א"ר יצחק למה נמשלו תפלתן של צדיקים כעתר מה עתר זה שמהפך התבואה בגורן ממקום למקום כך תפלתן של צדיקים מהפכת מדותיו של הקב"ה ממדת רגזנות למדת רחמנות. א"ר אמי אברהם ושרה טומטומין היו שנאמר (ישעיה נא) הביטו אל צור (ע"ב) חצבתם ואל מקבת בור נקרתם וכתיב (שם) הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם. אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה שרה אמנו אילונית היתה שנאמר (בראשית יא) ותהי שרי עקרה אין לה ולד אפילו בית ולד אין לה:

אי אמרת על עצמו היה מתפלל ולגבה אשתו מאמע שאמרה שניהם עוקרים זה מול זה ויעתר להם מיבעיא לי: ושי שאינו דומה. תפלתו שהוא היה צדיק בן צדיק ותפלתה שהיתה צדקת בת רשע לפיכך הלה גו כתיב: עתר. פתל"ה בלע"ז: תבואה. נעשה לו זכרות: נקרתם. נעשה לה נקבות כמו אני קרתי ושתיתי מים: אין לה ולד. קרא יתירא הוא דהא כתיב עקרה:

בימי וכו'. לאמתויי פירך דקתני מי שאין לו בנים וכו'. ישא אשה אחרת שמא לא זכה לבנות

יט בימי דוד איםעוטי שני דכתיב (תהלים צ) ימי שנותינו בהם שבעים שנה:

כ איני והא אמרו ליה רבנן לר' אבא בר זבדא נסיב אתתא ואוליד בני ואמר להו אי זכאי הוו לי מקמייתא התם דחויי קא מדחי להו לרבנן דר' אבא בר

---

אז ביידע האבען נים גיקענט האבען קיין קינדער. פרעגט די גמרא אז ביידע האבען גיבעטין. פאר וואס שטייט אין פסוק גאט איז איבער גיבעטין געווארין צוא אים. האט דאך גידארפט שטיין גאט איז איבער געבעטין געווארין צוא ביידע. ענטפערט די גמרא ווייל עס איז נים גלייך די תפלה פון אצדיק וואס זיין פאטער איז אויך געוועזען אצדיק. צוא די תפלה פון אצדיק וואס זיין פאטער איז געוועזען ארשע. דריבער שטעלט די תורה מען האט געענפערט צו אים. אויף זיא ביידע: רבי יצחק האט געזאגט פאר וואס זענין אונזערע עלטערין געוועזען עקרים האבען נים גיהאט קיין קינדער באלד אין אנהייבו. ווייל גאט האט גיגלוסט די צדיקים זאלין בעטין ביא אים אויף קינדער. רבי יצחק האט געזאגט פאר וואס איז געגליכען די תפלה פון די צדיקים צוא אעתר וצוא אשופלע וואס מען שופלעוועט מיט איר תבואהו. אזוי ווי דער עתר קערט אום די תבואה אין שייער פון איין ארט צום אנדערין ארט. אזוי די תפלות פון די צדיקים קערין אום די מדות פון גאט פון כעס צוא רחמנות. רבי אמי האט געזאגט אברהם אונ שרה זענין געוועזען טומטומין. זיא זענין געוועזען נים קיין זכרים אונ נים קיין נקבותו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הביטו אל צור חצבתם: איר זאלט קוקען צוא דעם שטיין וואס איד זענט אויס גיהאקט געווארין פון אים; וואס ער איז געווארין אזכר. ואל מקבת בור נקרתם. אונ איר זאלט קוקען צוא די לאך פון די גרוב וואס איר זענט אויס גיגראבען געווארין פון איר. וואס זיא איז געווארין אנקבה: ווערמען מיינט מען. זאגט דער פסוק איר זאלט קוקען צוא אייער פאטער אברהם אונ צוא אייער געווינערין שרה. רב נחמן האט געזאגט פון רבה בר אבוהו וועגין אונזער מוטער שרה איז געוועזען אאילונית. אזוי (וויא צוכרו. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שרי איז געוועזען אעקרה זיא האט נים גיהאט קיין קינד. אפילו אארט צו אקינד האט זיא אויך נים גיהאט:

יט בימי. אין די צייט פון דוד איז ווייניגער געווארין די יאהרין פון מענשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די טעג פון אונזערע יאהרין זענין זיבעציג יאהר:

כ איני. די גמרא פרעגט עס איז דאך נים אזוי וויא אין דער משנה שטייט אז איינער האט נים קיין קינדער פון זיין ערשטע ווייב. זאל ער נעמען איין אנדער ווייב: מאמער האט ער נים חכה געוועזען צוא האבין קינדער פון די ערשטע ווייב. אונ פון די אנדערע ווייב וועט ער יא חכה זיין צוא האבין קינדער. ווארום די רבנן האבין געזאגט צוא רבי אבא בר זבדא נעם אווייב אונ האב מיט איר קינדער. האט רבי אבא צוא זיא געזאגט ווען איך

וואלט

[בר יבדא] איעקר מפרקיה דרב הונא רב גידל איעקר מפרקיה דרב הונא ר' הלבו איעקר מפרקיה דרב הונא רב ששת איעקר מפרקיה דרב הונא רב אחא בר יעקב אחזתיה סוסכינתא תליוה בארזא דבי רב ונפק סיניה כהוצא ירקא אמר רב אחא בר יעקב שתין סבי הוינא וכולהו איעקר מפרקיה דרב הונא לבר מאנא דקיימי בנפשאי (קהלת ז) החכמה תחיה את בעליה :

לסכנה ממנה ויוכל לגבמת מן כשניס : סוסכינתא. חולי מעגל כשמן ולדס מעקר ממנו : כהולא ירקא. ירוק כקף תמר :

לגאכיה

**כא** (דף סה ע"ב) **מתני'** האיש מצווה על פריה ורביה אבל לא האשה ר' יוחנן בן ברוקא אומר על שניהם הוא אומר (בראשית א) ויברך אותם אלהים ויאמר להם אלהים פרו ורבו : **גמ'** מה"מ א"ר אלעאי משום ר' אלעזר בן שמעון אמר קרא (שם) ומלאו את הארץ וכבשוה איש דרכו לכבש ואין אשה דרכה לכבש אדרבה וכבשוה ב' משמע א"ר נחמן בר יצחק וכבשה כתיב. רב יוסף אמר מהכא (שם לה) אני אל שדי פרה ורבה ולא קאמר פרו ורבו :

ואי"ד

---

וואלט חוה געוועזן צוא האבין קינדער וואלט איך געהאט קינדער פון מיין ערשטע ווייב. זאגט דיא גמרא רבי אבא האט נאר אפ געשטויסן דיא רבנן: ער האט ניט געוואלט נעמען קיין ווייב ווייל ער איז געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. ווען רב הונא האט געלערנט מיט דיא תלמידים. אונ אז זיא האבין געוואלט משתין זיין. פלעגין זיא אויף האלטין דיא השתנה. אונ פלעגין ניט ארויס גיין אין מיטען לערנען. אונ אז מען האלט אויף דיא השתנה. ווערט מען אעקר מען זאל ניט קענען קינדער האבין. רב גידל איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רבי חלבו איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רב ששת איז אויך געווארין אעקר פון רב הונא'ס ישיבה. רב אחא בר יעקב איז קראנק געווארין פון רב הונא'ס ישיבה ווייל ער האט אויף געהאלטין דיא השתנה. האט מען אים אויף געהאנגען אויף דעם בוים וואס איז געשטאנען נעבין בית המדרש. איז פון אים ארויס געגאנגען אזוי וויא א גרינע בלאט פון אלולב. איז ער געזונד געווארין: רב אחא בר יעקב האט געזאגט מיר זענען געוועזן זעכציג אלטע לייט אונ אלע זענען געווארין עקרים פון רב הונא'ס ישיבה. נאר איך ניט. ווייל איך האב מקיים געוועזן אויף זיך דעם פסוק די חכמה מאכט לעבעדיג איר בעל הבית וויא פריער שטייט.

**כא** מתניתין. האיש. א מאן איז געבאטין געווארין אויף קינדער האבין. אבער א ווייב ניט. רבי יוחנן בן ברוקא זאגט אויף ביידע ואויף דעם מאן אונ אויף דיא ווייב איז געזאגט געווארין דער פסוק גאט האט זיא געבענטש. אונ גאט האט געזאגט צוא זיא איר זאלט אייך פרוכטבארין אונ מערין. פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז נאר דער מאן איז געבאטין געווארין קינדער צוא האבין אונ ניט דיא ווייב. האט רבי אלעאי געזאגט פון רבי אלעזר בן שמעון ווייל עס שטייט אין פסוק ומלאו את הארץ וכבשוה: איר זאלט פול מאכין דיא וועלט אונ זאלט איר איין נעמען. דער שטייגער איז א מאן נעמט איין ואוועק גייט אין דער מלחמה. ועיין מהרש"א. דארף ער פול מאכין דיא וועלט מיט קינדער. אבער אשה איז ניט דער שטייגער זיא זאל איין נעמען: איז זיא ניט געבאטין געווארין פול צוא מאכין דיא וועלט מיט קינדער. פרעגט דיא גמרא וכבשוה איז דאך דער טייטש איר זאלט איין נעמען. שטועסט מען דאך צוא צוויא מענטשין: צוא אדם אונ צוא חוה. אונ ביידע האט מען געבאטין זיא זאלין פול מאכין דיא וועלט מיט קינדער: האט רב נחמן בר יצחק געזאגט עס שטייט וכבשה. ער זאל איין נעמען. האט מען נאר גערעט צוא אדם. אונ ניט צוא חוה. אונ נאר אים האט מען געבאטין ער זאל קינדער האבין. ניט איר. רב יוסף זאגט פון דעם פסוק. גאט האט געזאגט צוא יעקב פרה ורבה פרוכטבאר דיך אונ מער

ריך

**כב וא"ר** אלעאי משום ר' אלעזר בן (שמוע) [שמעון] כשם שמצוה על אדם לומר דבר הנשמע כך מצוה על אדם שלא לומר דבר שלא נשמע . ר' אבא אמר חובה שנאמר (משלי ט) אל תוכח לץ פן ישנאך הוכח לחכם ויאהבך וא"ר אלעי משום ר' אלעזר בן שמעון מותר לו לאדם לשנות בדבר השלום שנאמר (בראשית נ) אביך צוה וגו' כה תאמרו ליוסף אנא שא נא . ר' נתן אומר מצוה שנאמר (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני וגו' דבי ר"י תנא גדול השלום שאף הקב"ה שינה בו דמעיקרא כתיב (בראשית יח) ואדוני זקן ולבסוף ואני זקנתי :

הכי גרסינן . דכתיב הוכח תוכיח שאתה לתוכיח מי שמקבל ממנו : אביך צוה . ויעקב לא צוה כלום שלא נחשד מפני דרכי שלום : איך אלך . וכתיב ויאמר ה' עגלת בקר תקח בידך ואמרת לזבוח וגו' הקב"ה שנה לבנות : ואדני זקן . שרה אמרה לשון גנאי וכשגלה הקב"ה הדבר לאברהם [פסיק] לאמר זה לאמר שרה וגו' ואני זקנתי ושינה הדבר מפני השלום :

**כג דביתהו** דר' חייא הוה לה צער לידה שנאי מנא ואתת לקמיה דרבי חייא אמרה אתתא מפקדא אפריה ורביה א"ל לא אזלת אישתיא סמא דעקרתא לסוף איגלאי

---

ייך . און ער האט ניט געזאגט צו יעקב מיט זיינע ווייבער איר זאלט אייך פרוכטבארי און איר זאלט אייך מערין . ווארום די ווייבער זענען ניט געבאטין צו האבין קינדער :

**כב ואמר** : נאך האט געזאגט רבי אלעאי פון רבי אלעזר בן שמעונס וועגין אזוי ווי עס איז א מצוה צו שטראפין דעם מענטש וואס וויל הערין די שטראף רייד . אזוי איז א מצוה מען זאל ניט שטראפין דעם וואס וויל ניט הערין די שטראף רייד : רבי אבא זאגט דער וואס וויל הערין שטראף רייד : מוז מען אים שטראפין . און דער וואס וויל ניט הערין שטראף רייד . טאר מען אים ניט שטראפין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט שטראפען דעם וואס לאכט פון מוסר . טאמער וועט ער דיך פיינט האבען . דוא זאלסט שטראפען דעם חכם וועט ער דיך ליב האבען . נאך האט רבי אלעאי געזאגט פון רבי אלעזר בן שמעונס וועגין א מענטש מעג זאגין א ליגען אויב דורך דעם ליגען וועט זיין שלום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די ברידער האבען געזאגט צו יוסף דיין פאטער האט געבאטען פאר זיין טויט אזוי זאלט איר זאגין צו יוסף איך בעט דיך זייא מוחל צו דיינע ברידער וואס זייא האבען געגין דיר געזינדיגט . און יעקב האט דאס גאר ניט געזאגט . נאר פון וועגין שלום האבען זייא געזאגט אליגען . רבי נתן זאגט עס איז א מצוה צו זאגין א ליגען נאר עס זאל זיין שלום . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל האט געזאגט וויא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנען . האט גאט געזאגט דוא זאלסט נעמען א קאלב און זאלסט זאגין איך בין גקומען שעכטין א קרבן : האט גאט געהייסען זאגען אליגען נאר עס זאל זיין שלום . דבי רבי ישמעאל האט גילערנט שלום איז א גרויסע מצוה אפילו גאט אליין האט משנה געוועזן נאר עס זאל זיין שלום . ווארום שרה האט געזאגט אויף אברהם מיין הער איז אלט . און גאט האט געזאגט פאר אברהם אז שרה האט געזאגט אויף זיך אז איך בין אלט כדי אברהם זאל ניט אין כעס ווערין אויף שרה :

**כג דביתהו** . די ווייב פון רבי חייא פלעגט האבען שווער קינדער האט זיא גיגעבען א קליידער דער מאן זאל איר ניט דער קענען : און זיא איז געקומען פאר איר מאן רבי חייא . און האט איהם גיפרעגט א אשה איז גיבאטען אז זי קינדער האבען אדער ניין . האט רבי חייא צו איר געזאגט ניין : איז זי גיגאנגען און האט געטרונקען אזוי א מעדיצין זיא זאל שוין ניט האבען קיין קינדער . דער נאך איז דער ווארט געווארין צו רבי חייא וואס זיין ווייב האט גיטאהן . האט רבי חייא געזאגט צו זיין ווייב אז דוא וואלסט ניט אזוי גיטאן וואלסטו דאך מיר גיבארין נאך איין בויך . נאך א צווילינג ואזעלכע צוויא זיהן וויא די וואס מיר האבען ווארום דער כב

אינגלאי מולתא א"ל איכו ילדת לי חדא כרסא אחריתי דאמר מר יהודה וחזקיה אחי פזי וטבי אחותא:

# אלמנה לכהן גדול פרק שביעי

א (דף ע) **תנו** רבנן (ויקרא כב) וזרע אין לה אין לי אלא זרעה זרע זרעה ואפילו פסול מנין ת"ל וזרע אין לה מכל מקום. ת"ר הריני כפרת בן בתי כוזא שמאכילני בתרומה ואיני כפרת בן בתי כדא שפוסלני מן התרומה:

# הערל פרק שמיני

א (דף עא ע"ב) **אמר** רבה בר יצחק אמר רב לא ניתנה פריעת מילה לאברהם

פירוש: איכו ילדת לי חדא כרסא. ועוי יתן שלא תמתי וחלדי עוד כרס אחד שני בנים: אחי. תאומים: אחוותא. תאומות ובנותיו היו: כוזא. כלי קטן כלומר ממזר שהוא גרוע. כדא: כלי חשוב כלו' כהן גדול: (להבנת זה המאמר צריך הקדמות הכרוח במשנה שלמעלה והם כי בת ישראל שנשאת לכהן ונתאלמנה אם ישאר לה שום זרע ממנו אפילו בן הבן או בת אוכלת בתרומה בעבור אותו זרע ולכן אם ילדה בת ואותה בת הלכה ונשאת לעבד או לנכרי וילדה בן הרי זה ממזר ואפ"ה נקרא זרע כהן כיון שהוא בן בתו ובעבורו האכל תרומה אם אמו והוא מחזיק לו טובה והאמר הריני כפרת בן בתי הגרוע שהוא ממזר ואפ"ה מאכילני בתרומה משא"כ בבת כהן הנשואה לישראל ונתאלמנה ונשאר לה בן בתה שנשאת לכהן והרי הוא ראוי להיות כ"ג ובעבורו היא פסולה לשוב אחרי אלמנותה לאכול בתרומה בית אביה ואם לא נשאר שום זרע היתה אוכלת):

---

דאס אונז געזאגט יהודה און חזקיה זענען ברידער (אצווילינג). פזי און טבי זענען שוועסטער (אצווילינג). דיא קינדער פון רבי חייא:

## פרק שביעי

א תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק אז א טאכטער פון א כהן איז גנומען געווארען צוא א מאן א ישראל. טאר זיא ניט עסין קיין תרומה. און אז דער מאן איז געשטארבען און זיא האט ניט קיין קינדער פון אים; מעג זיא עסין תרומה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וזרע אין לה. אז זיא האט ניט קיין קינדער; זאל זיא גיין צוריק צום פאטער און זאל עסין פון דעם פאטערס ברויט. פון תרומה; אבער אז זיא האט קינדער פון איר מאן טאר זיא ניט עסין קיין תרומה. פון וואנען ווייסען מיר אז זיא האט ניט קיין קינדער די קינדער זענין געשטארבען) נאר דיא קינדערס קינדער; דיא איניקלאך זענען דא: טאר זיא אויך ניט עסין קיין תרומה. און אפילו דער איניקול איז א פסול ער איז א ממזר. טאר זי אויך ניט עסין קיין תרומה: שטייט אין פסוק וזרע אין לה: אז זיא האט גאר ניט קיין קינדער מעג זיא עסין תרומה. אבער אז עס איז דא קינדער. וועלכע קינדער עס איז טאר זיא ניט עסין קיין תרומה דורך זייא; און אפילו זיא האט געהאט א טאכטער פון איר מאן; און די טאכטער האט גינומען א מאן א כהן; און זיא איז געשטארבען און האט גילאזין א זוהן; וואס דער זוהן מעג זיין א כהן גדול: דורך דעם זוהן טאר ניט דיא באבע עסין תרומה. און אז א טאכטער פון א ישראל האט גנומען א מאן א כהן. עסט זיא תרומה. און אז דר מאן איז געשטארבען. טאר זיא ניט עסין תרומה. און אז זיא האט א קינד פון דעם מאן עסט זיא תרומה; און אויב זיא האט געהאט א טאכטער פון דעם מאן. און דיא טאכטער האט גנומען א מאן אפילו א גוי; און זיא האט פון דעם גוי א זוהן וואס ער איז א ממזר. און דיא מוטער זיינע איז געשטארבען; מעג דיא באבע עסין תרומה דורך דעם איניקול. האבען דיא רבנן געלערנט; דיא טאכטער פון ישראל וואס האט געהאט א מאן א כהן. בעדאנקט זיך בייא איר איניקול דעם ממזר. און דיא זאגט איך זאל זיין א כפרה פאר דעם זוהן פון מיין טאכטער וואס ער איז גאר קליין וויא א קריגעלע; ער איז א ממזר. ווייל דורך אים מעג איך עסין תרומה. אבער דיא טאכטער פון כהן וואס האט גהאט א מאן א ישראל. זיא זאגט איך וויל ניט זיין א כפרה פאר דעם זוהן פון מיין טאכטער. אפילו ער איז א גרויסער קרוג; ער מעג זיין א כהן גדול. ווארום דורך אים טאר איך ניט עסין קיין תרומה:

## פרק שמיני

א אמר. רבה בר יצחק האט גזאגט פון רבס וועגן דער דין פירע צו זיין די מילה ואוין

אם כן מאי שוב . דמשמע דמאה אחריתי אלא לאו ש"מ לפריעה : ומאי שנית . כשאה דדרשת שוב שנית מאי דרים ביה : סוף מילה . ציצין שמעכביין אלא תוך כל הערלה : (סוף מילה . ציצין שמעכבייז שלא התכן יפה) : רוח צפונית . שהם לא חמה ולא מטר והמה זורחת : לא נשבה להם רוח צפונית . כדיס ולא זרחה חמה עליהם : אבע"א משום דנזופי הוו . ממעשה העגל ולא היו כראויין לאור מגה : ולבע"א . משום הכי לא נשבה כי היכי דלא נגדרי ענני כבוד שהיו מקיפין ולא סיתה חמה יכולה נכנסם : יומא דעיבא . יום מעונן : יומא דשותא . יום דרומית מכסכת וכיה קשה מכל כרוחות מכוכריק . מקיזין :

דעת

אבינו שנאמר (יהושע ה) בעת ההיא אמר ה' אל יהושע עשה לך חרבות צורים ודלמא הנך דלא מהול כלל דכתיב (שם) כי מולים היו כל העם היוצאים וכל העם הילודים במדבר בדרך בצאתם ממצרים לא מלו אם כן מאי שוב אלא לאו לפריעה ומאי שנית לאקושי סוף מילה לתחלת מילה מה תחלת מילה מעכבת אף סוף מילה מעכבת דתנן אלו הן ציצין המעכבין את המילה בשר החופה וכו' ובמדבר מ"ט לא מהול אי בעית אימא משום חולשא דאורחא ואבע"א (דף עב) דלא נשבה להו רוח צפונית דתניא כל אותן ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר לא נשבה להם רוח צפונית מ"ט אבע"א משום דנזופי הוו ואבע"א דלא נבדרי ענני כבוד . אמר רב פפא הלכך יומא דעיבא ויומא דשותא לא מהלינן ביה ולא מסוכרינן ביה והאידנא דדש. בה רבים (תהלים קטז) שומר פתאים ה' :

ת"ר

---

צו ביישן די הויט פון דער מילה איז ניט געבאטין געווארין צו אברהם אבינו . נאר פון אברהם אבינו ביז יהושע בן נון האט מען מל געוועזן אן פריעה . ווארום עס שטייט אין פסוק אין דער צייט האט גאט געזאגט צו יהושע דו זאלסט דיר מאכין שארפע מעסערס ואויף צו שניידין די הויט פון דער מילה . פרעגט די גמרא טאמער מיינט מען יהושע זאל מל זיין דיא מענטשין וואס זענין נאך גאר ניט נימלת געווארין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס גאנצע פאלק וואס זענין ארויס געגאנגן פון מצרים זענין געוועזן גימלת . אונ דס גאנצע פאלק וואס זענין געבארן געווארן אין דר מדבר אין וועג ווען זיי זענען ארויס געגאנגן פון מצרים זענין ניט געוועזן גמלת . ענפערט די גמרא וואס שטייט דר ווארט שוב מען זאל נאך אמאהל מל זיין . מען האט דאך יעדער מענטש נאר איין מאהל מל געוועזן . נאר געוויס מיינט מען אפילו די מענטשין וואס זענין שוין געוועזן גימלת . האט זיי יהושע נאך אמאהל גימלת . ער האט אויף געריסען די הויט וואס ארום דער מילה . פרעגט די גמרא וואס דרשת מען מיט דעם ווארט שנית . נאך אמאהל . ענפערט די גמרא מען זאל גלייכין דעם סוף מילה צום אנהייב מילה . אזוי ווי דער אנהייב מילה פאר האלט . ער הייסט אנדערש ניט אויד סיידין ער איז נימלת . אזוי דער סוף מילה (די שטיקלאך הויט וואס בלייבט ארום די מילה נאך דעם מל זיין . ער האט ניט גוט אפ געשניטען די הויט) . פאר האלט אויך . ער הייסט אנדערש ניט אויד סיידין מען שניידט ארום די שטיקלאך הויט . פרעגט די גמרא פאר וואס האט מען ניט גימלת די יודין אין דער מדבר . אנדערע זאגין ווייל זיי זענין געוועזן שוואך פון וועג . אנדערע זאגין ווייל עס האט ניט געבלאזין קיין צפון ווינט . האבין זיי ניט געהאט קיין גוטע וועטערונג . ווארום די בעסטע וועטערונג איז ווען עס בלאזט דער צפון ווינט . ווארום מיר האבין גילערונט די גאנצע פערציג יאהר וואס די יודין זענין געוועזן אין דער מדבר האט ניט געבלאזין קיין צפון ווינט . פאר וואס . אנדערע זאגין ווייל דיא יודין זענין געוועזן דער ווייטעט פון גאט פון דער צייט וואס זייא האבען געמאכט דם עגל : אנדערע זאגען דריבער האט ניט געבלאזין דער צפון ווינט דיא וואלקינס וואס האבען ארומגערינגעלט דיא יודין זאלין ניט פאר שפרייט ווערין דורך דעם ווינט . רב פפא זאגט דריבער דער טאג וואס דער הימעל איז פאר וואלקינט . אונ דער טאג וואס בלאזט אדרום ווינט . זאל מען דעם טאג ניט מל זיין : אונ מען זאל ניט עפענען דעם אדער צום בלוט לאזין : נאר היינט וואס מענטשין זענין געוואונט מל צו זיין אונ אדער עפענען אפילו אין אוואלקענדיגען טאג אויך : אונ אין דעם טאג וואס עס איז אשטורעם ווינט פון דרום זייט אויך . היט גאט דיא נארין עס זאל זייא קיין בייז ניט גישעהן :

תנו

**ב ת"ר** כל אותן ארבעים שנה שהיו ישראל במדבר לא היה יום שלא נשבה בו רוח צפונית בחצי הלילה שנאמר (שמות יב) ויהי בחצי הלילה וה' הכה כל בכור. מאי תלמודא הא קמ"ל דעת רצון מלתא היא. אמר רב הונא דבר תורה משוך אוכל בתרומה ומדבריהם גזרו עליו מפני שנראה כערל. והביאו בגמרא על זה ר' יהודה אומר משוך לא ימול מפני שסכנה היא לו: מרו לו והלא הרבה מלו בימי בן כוזיבא והולידו בנים ובנות:

**ג** (דף עו) **מתיב** רב יוסף (מ"א ג) ויתחתן שלמה את בת פרעה מלך מצרים גיורי גיירה והא לא קבלו גרים בימי דוד ולא בימי שלמה מידי הוא טעמא אלא לשלחן מלכים (ע"ב) הא לא צריכא ליה והא כצרית ראשונה היא וכו' אמר רב פפא אנן משלמה ליקו ונתיב שלמה לא נסיב מידי דכתיב ביה (שם יא) מן הגוים אשר אמר ה' אל בני ישראל לא תבואו בהם והם לא יבואו בכם אכן יטו את לבבכם אחרי אלהיהם בהם דבק שלמה לאהבה אלא קשיא ויתחתן מתוך

דעת רצון מלתא היא. וכיון דחצות לילה עת רצון היא למכת בכורות היא נמי עת רצון לרוח צפונית ואין לך יום שרוח צפונית אין מנשבת בו בחצי הלילה וזה היה סימן לדוד כנור תלוי לו למעלה ממטתו וכיון כלפי צפון כיון שהגיע חצות לילה רוח צפונית מנשבת בו ומנגן מאליו והיה נעור וכולי דקתני הכא מ' שנה לומר לך שאפילו אותם מ' שנה דנזופים היו ולא נשבה לא בימים נשבה לא בחצות לילה משום דעת רצון היא: משוך. מהול שמשכה ערלתו וכסתה את העטרה: בימי בן כוזיבא. שמשכום נכרים בתוך בכרך ביתר וגברה יד בן כוזיבא ונלחם בהם ונעשה מלך על ישראל ב' שנים ומחצה וחזרו ומלו בימיו:

אמרו בגמרא דלא שייך חתנות בגוים כשהם בגיותם ומה שאמר בכתוב לא תתחתן בם הוא לאחר שנתגיירו וע"ז הקשה רב יוסף והכתיב ויתחתן שלמה וגו': שלמה לא נסיב מידי. אלא לזנות היה מתכוין דכתיב לאהבה ולא לאישות:

---

**ב** תנו רבנן: דיא רבנן האבען געלערנט דיא גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען געוועזען אין דער מדבר. האט אלע האלבע נאכט געבלאזען אצפון ווינט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזען אין האלבע נאכט האט גאט געשלאגען אלע בכורים: וואס לערנען מיר פון דעם פסוק אז האלבע נאכט איז אגוטע צייט פאר יודענס וועגין. אונ אצפון ווינט איז גוט פאר דער וועלט. דריבער האט אלע האלבע נאכט געבלאזען פאר יודענס וועגין אצפון ווינט. רב הונא זאגט איוד וואס מען האט אים מל געוועזען. אונ דיא הויט האט צוריק ארויף געוואקסען. אונ ער זעהט אויס וויא ניט גימלת. דיא תורה זאגט ער מעג עסין תרומה. אונ די רבנן זאגין ער מאר ניט עסין תרומה ווייל ער זעהט אויס אזוי וויא ניט גימלת. רבי יהודה זאגט איוד וואס מען האט אים גימלת. אונ דיא הויט האט צוריק ארויף געוואקסען. טאר מען אים ניט מל זיין נאך אמאהל. ווייל עס איז אסכנה. האבען דיא חכמים צוא אים געזאגט פיל מענשין אזעלכע וואס דיא גוים האבען געהאפט דיא יודען אונ האבען ארויף געצויגען דיא הויט פון זייערע מילות אונ זייא האבען זיך נאך אמאהל מל געוועזען אין דיא צייטען פון בן כוזיבא. פון דעסטוועגין האבען זייא געבארין זיהן אונ טעכטער אונ עס איז ניט געוועזען קיין סכנה:

**ג** מתיב. רב יוסף האט געפרעגט עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גינומען אווייב דיא טאכטער פון פרעה דער מלך פון מצרים. זאגט דיא גמרא ער האט איר מגייר געוועזען. פרעגט דיא גמרא אין דיא צייטען פון דוד אונ פון שלמה האט מען דאך ניט אן גנומען קיין גרים. ענטפערט דיא גמרא פאר וואס האט מען אין דיא צייט פון דוד אונ שלמה ניט אן גנומען קיין גרים. ווייל זייא האבען זיך ניט מגייר געוועזען פון גאטס וועגין. נאר זיי זאלין גליקליך זיין. ווייל דיא יודען האבען אין דער צייט גילעבט ווי די מלכים. אבער דיא טאכטער פון פרעה האט דאך ניט גידארפט דאס יודישע גליק. געווים האט זיא זיך מגייר געוועזען פון גאטס וועגין רב פפא זאגט מיר קענען ניט אפ לערנען פון שלמה. ווארום שלמה האט ניט חתונה געהאט מיט דיא ווייבער. ווארום עס שטייט אין פסוק פון דיא פעלקער וואס גאט האט גזאגט צוא דיא יודין איר זאלט ניט קומען אין זייא אונ זייא זאלין ניט קומען אין אייך ווארום זייא וועלין אפ גייגין אייער הארץ נאך זייערע געטער אין זייא האט זיך שלמה בהעפט

ולא ידע ליה. שאול לדוד: באוכלוסא. בני של שנים רבות: בסמוך פורץ. גדרות של אחרים לעשות לו דרך ק״ס מכיתו לפרדסו או לכרמו: חשיבא בעלמא הוי. כדמפרש דהאי ביה סימני מלכות כלפי לא תפסר דלא הוי רישא: מ״ט ס״ל שאל

מתוך אהבה יתירה שאהבה מעלה עליו הכתוב כאלו נתחתן בה:

ד **משנה** עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם אבל נקבותיהן מותרות מיד: **גמ'** מנא הני מילי א״ר יוחנן דאמר קרא (ש״א יז) וכראות שאול את דוד יוצא לקראת הפלשתי אמר אל אבנר שר הצבא בן מי זה הנער אבנר ויאמר אבנר חי נפשך המלך אם ידעתי. ולא ידע ליה והא כתיב (שם טז) ויאהבהו מאד ויהי לו נושא כלים אאבוה קא משאיל ואביו לא ידע ליה והכתיב (שם יז) והאיש בימי שאול זקן בא באנשים ואמר רב ואיתימא ר' אבא זה ישי אבי דוד שנכנס באוכלוסא ויצא באוכלוסא ה״ק זיל שאיל אי מפרץ אתי אי מזרח אתי אי מפרץ אתי מלכא הוי שהמלך פורץ לעשות דרך ואין ממחין בידו אי מזרח אתי חשיבא בעלמא הוי מ״ט א״ל שאל עליה משום מאניה דכתיב (שם) וילבש שאול את דוד מדיו. מאי מדיו כמדתו וכתיב ביה בשאול (שם) משכמו ומעלה גבוה מכל העם (מאי האי דאיתרמי ליה מאנאי ש״ם מלכא הוי) א״ל דואג האדומי

---

לִיבּ צוּא הָאבֶּען זִייא. עֶר הָאט זִייא נָאר לִיבּ גִיהַאט צוּא מְזַנֶה זַיין מִיט זִייא. אָבֶּער נִיט חַתוּנָה צוּא הָאבֶּען מִיט זִייא. פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא עֶס שְׁטֵייט דָאךְ וַיִתְחַתֵּן. הָאט עֶר דָאךְ מִיט זִייא חַתוּנָה גִיהַאט. עֶנְפֶּערְט דִיא גְמָרָא עֶר הָאט זִייא אַזוֹי לִיבּ גִיהַאט גְלֵייךְ וִויא עֶר וָואלְט מִיט זִייא חַתוּנָה גִיהַאט:

ד מִשְׁנָה. עַמוֹנִי. עַמוֹן אוּנ מוֹאָב זֶענֶען אָסוּר אוֹיף אֵייבִּיג צוּא נֶעמֶען יוּדִישֶׁע וַוייבֶּער. אָבֶּער דִיא נְקֵבוֹת זֵייעֶרֶע מֶעגֶען בַּאלְד נֶעמֶען יוּדִישֶׁע מַאנֶען. פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר דֶעם דִין. הָאט רַבִּי יוֹחָנָן גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז שָׁאוּל הָאט גִיזֶעהֶן דָוִד גֵייט אַרוֹיס גֶעגֶען דֶעם פְּלִשְׁתִּי: הָאט שָׁאוּל גְזָאגְט צוּא זַיין גֶענֶערַאל אַבְנֵר. וֶועמֶעס זוּהְן אִיז דֶער יוּנְגֶער מַאן. הָאט אַבְנֵר גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ אִיךְ שְׁוֶוער בַּייא דַיין לֶעבֶּען אַז אִיךְ וֵוייס נִיט וֶוער עֶר אִיז: פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא הָאט שָׁאוּל נִיט גִיקֶענְט דָוִד. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק שָׁאוּל הָאט לִיבּ גִיהַאט דָוִד. אוּנ דָוִד הָאט גִיטְרָאגֶען זַיינֶע כֵּלִים. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא שָׁאוּל הָאט גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז דֶער פָאטֶער פוּן דָוִד. פְּרֶעגְט דִיא גְמָרָא הָאט דֶען שָׁאוּל נִיט גִיוָואסְט וֶוער אִיז דֶער פָאטֶער פוּן דָוִד. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק דֶער מֶענְטשׁ אִיז גִיוֶועזֶען אִין דִיא צַייט פוּן שָׁאוּל אַיין אַלְטֶער מַאן. עֶר אִיז גִיקוּמֶען מִיט מֶענְטשֶׁען. הָאט רַב גְזָאגְט. אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַבִּי אַבָּא הָאט גִיזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען יִשַׁי דֶער פָאטֶער פוּן דָוִד וָואס עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אוּנ אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען מִיט זֶעקְס מָאהל הוּנְדֶערְט טוֹיזֶענְד יוּדֶען. עֶר אִיז גִיוֶועזֶען אַשֶׁר אוֹיף זִייא. צְווֵיי אַשֶׁר הָאט דָאךְ אִים שָׁאוּל גֶעווִיס גִיקֶענְט. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא אַזוֹי הָאט שָׁאוּל גְזָאגְט צוּא אַבְנֵר. גֵייא פְרֶעג פוּן וֶועמֶען דָוִד אִיז גִיבָּארֶען. אוֹיבּ עֶר אִיז גִיבָּארֶען פוּן פֶּרֶץ אָדֶער פוּן זֶרַח. אוֹיבּ עֶר אִיז גִיבָּארֶען פוּן פֶּרֶץ וֶועט עֶר זַיין אַמֶלֶךְ. וָוארוּם פֶּרֶץ אִיז טַייטְשׁ אוּם בְּרֶעכֶען. אוּנ אַמֶלֶךְ מֶעג צוּא בְּרֶעכֶען דִיא וֶוענְט פוּן פְרֶעמְדֶע פֶעלְדֶער אוּנ וַויין גֶערְטְנֶער צוּא מַאכֶען פַר זִיךְ אַוֶועג דוּרְךְ צוּא גֵיין אוּנ מֶען טָאר אִים נִיט שְׁטֶערֶען. אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז גִיבָּארֶען פוּן זֶרַח וֶועט עֶר נָאר זַיין אַגְרוֹיסֶער מַאן. פַאר וָואס הָאט שָׁאוּל גְזָאגְט צוּא אַבְנֵר עֶר זָאל פְרֶעגֶען אוֹיף דָוִד. פוּן דִיא קְלֵיידֶער הָאט שָׁאוּל גִיזֶעהֶן אַז דָוִד וֶועט זַיין אַמֶלֶךְ. וָוארוּם עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק שָׁאוּל הָאט אָן גִיקְלֵיידְט צוּא דָוִד מַדָיו. זַיינֶע קְלֵיידֶער. פַאר וָואס שְׁטֵייט נִיט בְּגָדָיו. בֶּגֶד אִיז טַייטְשׁ אַקְלֵייד. אָבֶּער מַדָיו אִיז דָאךְ נִיט דֶער טַייטְשׁ קְלֵיידֶער. עֶנְפֶערְט דִיא גְמָרָא מַדָיו מֵיינְט מֶען דִיא קְלֵיידֶער פוּן שָׁאוּל אִיז גִיוֶוען וִויא דֶער מָאס פוּן דָוִד. אוּנ בַּייא שָׁאוּל שְׁטֵייט אַז עֶר אִיז גִיוֶוען הֶעכֶּער וִויא אַלֶע יוּדֶען. אוּנ דִיא קְלֵיידֶער פוּן שָׁאוּל אִיז גִיוֶוען וִויא דִיא מָאס פוּן דָוִד. אִיז גִיוֶוען דִיא זַאךְ צוּוואוּנְדֶער בַּייא שָׁאוּל. הָאט שָׁאוּל גְזָאגְט דָאס וַוייזְט גֶעווִיס אַז דָוִד וֶועט

זיין

האדומי עד שאתה שואל עליו אם הגון הוא למלכות אם לאו שאל עליו אם ראוי לבא בקהל אם לאו משום דקא אתי מרות המואביה אמר ליה אבנר תנינא עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית אלא מעתה ממזר ולא ממזרת ממזר כתיב מום זר מצרי ולא מצרית שאני הכא דמפרש טעמא דקרא (דברים כג) על דבר אשר לא קדמו אתכם בלחם ובמים דרכו של איש לקדם ולא דרכה של אשה לקדם היה להם לקדם אנשים לקראת אנשים ונשים לקראת נשים אישתיק מיד ויאמר המלך שאל אתה בן מי זה העלם התם קרי ליה נער והכא קרי ליה עלם ה"ק ליה הלכה זו נתעלמה מכך צא ושאל בבית המדרש שאל אמרו ליה עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית (דף עז) אקשי להו [דואג] כל הני ק"ש יתא אישתיקו בעי לאברוזי עליה מיד (ש"ב יז) ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר

פאי הוא דמסתפי מיניה מגלותא : מגמר כתיב

זיין אמלק. האט דואג האדומי געזאגט צוא שאול איידער דוא פרעגסט אויף דוד אויב ער איז ווערט צו זיין צו זיין אמלך אדער ניין. פרעג אויף אים אויב ער מעג קומען אין די יודישע פארזאמלונג אדער ניין. ווייל ער איז געבארין פון רות המואביה. האט אבנר געזאגט צוא דואג מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק עמוני אונ מואבי זאלין ניט קומען צווישען יודין. עמוני איז אסור אבער עמונית איז מותר. מואבי איז אסור אבער מואבית איז מותר. די זכרים פון עמון אונ מואב זענין אסור צוא קומען צווישען יודין אבער די נקבות פון עמון אונ מואב מעגין קומען צווישען יודין. פרעגט דואג. עס שטייט אין פסוק ממזר זאל ניט קומען צווישען יודין זאלען מיר אויך זאגען ממזר איז אסור. אבער ממזרת איז מותר. זאגט אבנר ממזר איז טייטש מום זר. דער וואס האט א פעלר ער איז געבארין געווארין פון אפרעמדע מוטער. וואס דער פאטער טאר ניט נעמען די מוטער פאר א ווייב. טאר ניט דאס קינד קומען צווישען יודין סיי א זכר סיי א נקבה. פרעגט דואג עס שטייט אין פסוק אמצרי זאל ניט קומען צווישען יודין. זאלין מיר אויך זאגין אמצרי איז אסור אבער אמצרית איז מותר. ענפערט אבנר ביי עמון אונ מואב איז א נדרש. דא דארפין נקבות מותר זיין. ווארום די תורה זאגט א טעם פאר וואס עמון אונ מואב זענין אסור. ווייל זיי זענין ניט ארויס גיגאנגען מיט ברויט אונ וואסער געגין די יודין ווען זיי זענין גיגאנגען אין דער מדבר. דער שטייגער איז זכרים דארפין ארויס גיין מיט ברויט אונ וואסער. אבער נקבות דארפין ניט ארויס גיין מיט ברויט אונ וואסער. דריבער דארפין ניט די נקבות אסור זיין. זאגט דואג זיין אלע האבען גידארפט ארויס גיין מיט ברויט אונ וואסער. זכרים האבען גידארפט ברייגען ברויט מיט וואסער פאר זכרים. אונ נקבות האבען גידארפט ברייגען ברויט מיט וואסער פאר נקבות. אז זייא האבען ניט אזוי גיטאהן. דארפין אלע אסור זיין. האט אבנר געשוויגען. האט שאול גיזאגט צוא אבנר פרעג בן מי זה העלם. וועמעס זוהן איז דער יונגער מאן. פרעגט די גמרא פריער רופט שאול אויף דוד נער. יונג. אונ איצט רופט ער אים עלם. דאס איז טייטש פאר הוילין. נאר אזוי האט גיזאגט שאול צוא אבנר דער דין איז פאר הוילין פון דיר. דוא ווייסט אים ניט. גייא פרעג אין בית המדרש. האט אבנר גיפרעגט אין בית המדרש. האט מען אים גיענפערט עס שטייט אין פסוק עמוני אונ מואבי זאל ניט קומען צווישען יודין. עמוני איז אסור אונ עמונית איז מותר. מואבי איז אסור אונ מואבית איז מותר. האט דואג זייא גיפרעגט די אלע קשיות אזוי וויא פריער שטייט. האבען זייא געשוויגען. אונ זייא האבען ניט געוואוסט וואס צוא ענפערין. האט מען גיוואלט אויס רופען אויף דוד אז ער טאר ניט נעמען קיין יודישע ווייב. איז באלד גיקומען עמשא דער זוהן פון אמענש וואס זיין נאמען איז יתרא הישראלי וואס ער האט תתוגה גיהאט מיט אביגיל די טאכטער פון נחש. אונ

גאר

אשר בא אל אביגיל בת נחש וכתיב (ד"ה א' ב) יתר הישמעאלי אמר רבא מלמד שחגר חרבו כישמעאל ואמר כל מי שאינו שומע הלכה זו ידקר בחרב כך מקובלני מבית דינו של שמואל הרמתי עמוני ולא עמונית מואבי ולא מואבית ומי מהימן והא"ר אבא אמר רב כל תלמיד חכם שמורה הלכה ובא אם קודם מעשה אמרה שומעין לו ואם לאו אין שומעין לו שאני הכא דהא שמואל ובית דינו קיים מ"מ קשיא הכא תרגימו (תהלים מה) כל כבודה בת מלך פנימה במערבא אמרי ואיתימא ר' יצחק אמר קרא (בראשית יח) ויאמרו אליו איה שרה אשתך וגו':

פסוק אחר. כל שיש בו מום זרות: אם קודם מעשה. שבאתה הוראה לידו אמרה ונאמרה לתלמידים בבהמ"ד בשם רבו: שומעין לו. בשעת הוראה ואם לאו אין שומעין לו. שמתחלת מעשה באה לידו אמרה: דהא שמואל ובית דינו קיים. ומלתא דעבידא לגלויי היא ולא משקר בה: הכא בהכל. דאין דרך אשה לצאת מביתה: מוסרות. הם רצועות שקושרים בהם העול: פתחת. שהתרת את סכנות: מעמה. כמו של רחבעם ומעמה יצאו מלכי בית דוד: נפלאותיך ומחשבותיך אלינו. עלי ועל רחבעם בן

**הדרש** רבא מאי דכתיב (תהלים קט"ז) פתחת למוסרי אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע ב' מוסרות שהיו עלי פתחת רות המואביה ונעמה העמונית. דרש רבא מ"ד (שם מ) רבות עשית אתה ה' אלהי נפלאותיך ומחשבותיך אלינו אלי לא נאמר אלא אלינו מלמד שהיה רחבעם יושב בחיקו של דוד ואמר לו עלי ועליך נאמרו שתי מקראות הללו

---

נאך א פסוק שטייט אז דין נאמען איז געוועזן יתר הישמעאלי. האט רבא געזאגט דער פסוק לערנט אונז אז ער האט אן גורט זיין שווערד אזוי וויא א מערק און ער האט געזאגט ווער עס וועט ניט צוא הערין דעם דין וועט ער געשטאכען ווערין מיט דעם שווערד. אזוי האב איך געהערט פון דעם בית דין פון שמואל הרמתי אז זכרים פון עמון און מואב זענען אסור און נקבות זענען מותר. פרעגט דיא גמרא איז דען עמשא בגלויבט געוועזן אזוי צו זאגין. רבי אבא האט דאך געזאגט פון רבס ווענין אז א תלמיד חכם זאגט א דין. אויב ער האט דעם דין געלערנט מיט זיינע תלמידים אין בית המדרש איידער דיא זאך האט געטראפין. דער נאך אז דיא זאך טרעפט. פסקת מען אזוי וויא ער האט פריער געלערנט. און אויב ער האט דעם דין נאך קיין מאהל ניט געלערנט. נאר ווען עס האט געטראפין אזאך האט ער געפסקת אנייעס דין. פאלגט מען אים ניט. און עמשא האט דאך אויך דעם דין קיין מאהל ניט געלערנט אין בית המדרש. זאגט דיא גמרא דא איז אנדערש שמואל מיט זיין בית דין האבין נאך געלעבט. קען מען דאך ביי זיא פרעגין. און זיא האבין דאך געלערנט דעם דין איידער דיא זאך איז געקומען. פרעגט דיא גמרא איז דאך אבער דיא קשיא וואס דואג האט געפרעגט. זאגט דיא גמרא אין בבל האט מען געענטפערט עס שטייט אין פסוק כל כבודה בת מלך פנימה דער כבוד פון אשה איז זיא זאל זיין אין שטוב. דריבער האבין דיא ווייבער פון מואב ניט געדארפט ארויס גיין מיט ברויט און וואסער אפילו געגין ווייבער אויך ניט. אין ארץ ישראל האט מען געזאגט. אנדערע זאגין רבי יצחק האט געזאגט פון דעם פסוק. דיא מלאכים האבין געזאגט צוא אברהם ווא איז דיין ווייב שרה. ווען מיר אז דער כבוד פון אשה איז זיא זאל זיין אין שטוב:

הדרש. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק פתחת למוסרי. דו האסט אויף געבונדען מיינע פארבינדונג. דוד האט געזאגט פאר גאט רבונו של עולם צוויא פארבינדונגען וואס זענין געווען אויף מיר האסטו זיי אויף געבונדען. רות וואס איז געבארין פון מואב. און נעמה וואס איז געבארין פון עמון. רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק פיל האסטו געטאהן גאט מיין גאט. דיינע וואנדער און דיינע טראכטונג איז פאר אונז. עס שטייט ניט אין פסוק פאר מיר. נאר פאר אונז. דער פסוק לערנט אונז אז רחבעם איז געזעסין אין דיא שויס פון דוד. און דוד האט געזאגט צוא רחבעם אויף מיר און אויף דיר זענען געזאגט געווארין דיא צוויא פסוקים. אויף מיר וואס איך בין געבארין פון רות: און אויף דיר וואס דו ביזט געבארין פון נעמה.

הללו . דרש רבא מ"ד (שם) אז אמ־רתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי אמר דוד אני אמרתי עתה באתי ולא ידעתי שבמגלת ספר כתיב עלי התם כתיב (בראשית יט) הנמצאות הכא כתיב (תהלים פט) מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי וגו' :

ו (דף עח ע"ב) אמר רב הונא ממזרא לא חיי והא אנן תנן ממזרים אסורין ואיסורן איסור עולם . א"ר זירא לדידי מפרשא לה מיניה דרב יהודה דידיע חיי דלא ידיע לא חיי דידיע ולא ידיע עד תלתא דרי חיי טפי לא חיי ההוא דהוה בשבבותיה דר' אמי אכריז עליה דממזרא הוא הוה אזיל ובכי אמר לו חיים נתתי לך :

ז אמר רב חנא בר אדא נתינים דוד גזר עליהם שנא' (ש"ב כא) ויקרא המלך לגבעונים ויאמר

כמו השגת לטובה כשהכרת את העקבים : אני אמרתי . בשעה שאמרתי עתה באתי לגדולה ומקרוב פסקו לי גדולה זו ולא ידעתי שמימי אבותם נכתב עלי במגלת ספר :
ממזר דידיע . בכרוז לכל : חיי . הוא וזרעו דלא מסמסי ביה : דלא ידיע כלל . לא חיי אפי' הוא שלא יצא כשרה : דידיע ולא ידיע עד תלת דרי . דחסרי אינשי חיי טפי לא הוי דכיון דלאו דבר ברור הוא משתכחא מלתא :
דוד גזר עליהם. כדכתיב והגבעונים לא מבני ישראל המה

---

רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דענסט מאהל האב איך גיזאגט איך בין גיקומען מיט דער מגלה וואס שטייט געשריבען אויף מיר . אזוי האט דוד גיזאגט איך האב גימיינט אז איך בין איצט גיקומען צוא מיין גרויסקייט איך זאל ווערין א מלך . אונ איך האב ניט גיוואוסט אז אין דער תורה שטייט שוין געשריבען אז איך וועל ווערין א מלך . דארטין שטייט ביי די צווייא טעכטער פון לוט הנמצאות . וואס זענען גיפונען גיווארין . אונ דא שטייט מצאתי דוד עבדי בשמן קדשי משחתיו . איך האב גיפונען מיין קנעכט דוד איך האב אים גיזאלבט מיט די הייליגע בוימאייל . ווא האט מען גיפונען דוד אין סדום פון די טעכטער פון לוט :

ו אמר . רב הונא האט גיזאגט א ממזר קען ניט לעבין . פרעגט די גמרא מיר האבין דאך גילערנט ממזרים זענען אסור אויף אייביג . האט רבי זירא גיזאגט מיר האט מען דער ציילט פון רב יהודה'ס וועגין דער ממזר וואס מען ווייסט פון אים אז ער איז א ממזר . דער וועט לעבין ער מיט זיינע קינדער אויף אייביג ווארום קיינער וועט זיך ניט מתחתן זיין מיט אים . אונ ניט מיט זיינע קינדער ווארום מען וועט אויף אייביג גידיינקען אז זיי זענען קינדער פון א ממזר . דער ממזר וואס מען ווייסט ניט פון אים אז ער איז א ממזר . דער וועט ניט לעבין . ער אליין אויך ניט . טאמער וועט מען זיך מתחתן זיין מיט איהם . דער ממזר וואס אויף אים איז א ספק מ'קען ווייסט ניט צוא ער איז א ממזר אדער ניין . ביז דרייא דורות . ער אונ זיין זוהן אונ זיין איניקיל לעבין . ווארום ביז דער צייט וועט מען גידיינקען אז מען האט גירעט אויף דעם זיידען טאטער איז ער א ממזר . וועט מען זיך מיט זייא ניט מתחתן זיין . דער פערטער דור אונ נאך ווייטער וועלין שוין ניט לעבין . ווייל עס איז ניט קיין געוויסע זאך אז זייא זענען גיבארין פון א ממזר . וועט די זאך פארגעסין ווערין . אונ מען וועט זיך מיט זייא מחתן זיין . אין די נאם . ווא רבי אמי האט גיוואוינט איז גיווען א ממזר . אונ קיינער האט ניט גיוואוסט פון אים . האט רבי אמי אויסגערופין אויף אים אז ער איז א ממזר . איז דער ממזר גיגאנגען אונ האט גיוויינט האט רבי אמי צוא אים גיזאגט איך האב דיר גיגעבין לעבין . אז מען ווייסט פון דיר אז דוא ביזט א ממזר וועסטו לעבין ווייא פריער שטייט :

ז אמר . רב חנא בר אדא האט גיזאגט דוד המלך האט גוזר גיוועזן די יודין זאלין זיך ניט מתחתן זיין מיט די גבעונים . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גירופין צוא די גבעונים אונ האט גיזאגט צוא זייא די גבעונים זענען ניט פון יודין .

וודין

שמא כשמנו אותם ראוין לבא בקהל : אלא מפסלי במתנת שקר. בפסוק ואין נותן גירס לצדקה

ויאמר אליהם והגבעונים לא מבני ישראל המה. מ"ט גזר עלייהו דכתיב (שם) ויהי רעב בימי דוד שלש שנים שנה אחר שנה. שנה ראשונה אמר להם שמא עובדי ע"ז יש בכם דכתיב (דברים יא) ועבדתם אלהים אחרים והשתחויתם להם וחרה אף ה' בכם ועצר את השמים ולא יהיה מטר בדקו ולא מצאו. שניה אמר להם שמא עוברי עבירה יש בכם דכתיב (ירמיה ג) וימנעו רביבים ומלקוש לא היה ומצח אשה זונה היה לך בדקו ולא מצאו. שלישית א"ל שמא פוסקי צדקה ברבים יש בכם ואין נותנין דכתיב (משלי כה) נשיאים ורוח וגשם אין איש מתהלל במתת שקר בדקו ולא מצאו אמר אין הדבר תלוי אלא בי מיד (ש"ב כא) ויבקש דוד את פני ה' מאי היא אמר ר"ל ששאל באורים ותומים. מאי משמע א"ר אלעזר אתיא פני פני כתיב הכא ויבקש דוד את פני ה' וכתיב התם (במדבר כז) ושאל לו במשפט האורים לפני ה'. (ש"ב כא) ויאמר ה' אל שאול ואל בית הדמים על אשר המית את הגבעונים אל שאול שלא נספד כהלכה ואל בית הדמים על אשר המית את הגבעונים. וכי היכן מצינו בשאול שהמית את הגבעונים אלא מתוך שהרג נוב עיר

הכהנים

---

יודין זאלין זיך ניט מחתן זיין מיט זייא : פאר וואס האט דאס דוד אויף זייא גזר געוועזן, ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז געוועזן אהונגער אין דיא צייט פון דוד דרייא יאהר איין יאהר נאך איין אהר. דעם ערשטין יאהר האט דוד געזאגט צוא דיא יודין טאמער איז דא צווישען איך מענטשין וואס דינגען עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר וועט דינגען פרעמדע געטער אונ איר וועט איך בוקין צוא זייא. וועט דער הייליגער ווערין דער כעס פון גאט אויף איך אונ ער וועט אויף האלטין דיא הימלען אונ עס וועט ניט זיין קיין רעגין. האט מען געזוכט אונ מען האט ניט געפונען יודין זאלין דינגען עבודה זרה. דעם אנדערין יאהר האט דוד געזאגט צו דיא יודין טאמער איז דא צווישען איך מענטשין וואס זענען מזנה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז פארמיטען געווארין רעגין אונ דער שפעטיגער רעגין איז ניט געוועזן. ווייל דער שטערין פון אזונה איז געוועזן ביא דיר. ווייל דו ביזט מזנה. האט מען געזוכט אונ מען האט ניט געפונען יודין זאלין מזנה זיין. דעם דריטען יאהר האט דוד געזאגט צוא די יודין טאמער איז דא צווישען איך אזעלכע מענטשין וואס ווען זייא שטייען צווישען פיל מענטשין זאגין זייא צוא זייא ווערין געבין צדקה. אונ געבען נישט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס איז דא וואלקינס אונ ווינט. אונ רעגין איז נישטא. ווייל דיא מענטשין באריהמען זיך זייא ווערין געבין צדקה, אונ עס איז פאלש זייא געבין ניט. אזוי ווערט דער הימל בדעקט מיט וואלקינעס אונ ער באריהמט זיך ער וועט געבין רעגין אונ גיט ניט. האט מען געזוכט אונ מען האט ניט געפונען אזעלכע מענטשין. האט דוד געזאגט וויא איך זעה איינגט דיא זאך נאר אויף מיר. האט דוד באלד גיבעטין ביא גאט. וואס מיינט מען. האט ריש לקיש געזאגט דוד האט גיפרעגט ביא דיא אורים ותומים. פון וואנען ווייסין מיר. האט רבי אלעזר געזאגט מיר לערנען אגזירה שוה פני פני דא שטייט דוד האט גיבעטין פני ה'. אונ דארט שטייט ער זאל פרעגין ביא אים במשפט האורים לפני ה' : אזוי וויא דא שטייט אורים ותומים. אזוי דא ביא דוד האט ער אויך גיפרעגט ביא דיא אורים ותומים. האט גאט געזאגט צוא דוד דער הונגער איז פון וועגין שאול אונ פון וועגין דאס הויז וואס האט בלוט פאר נאכין ווייל ער האט גיהרגת דיא גבעונים. פון וועגין שאול וואס מען האט איהם ניט מספיד גיוועזן וויא דער דין איז. אונ ווייל שאול האט גיהרגת דיא גבעונים. וואו געפינען מיר או שאול האט גיהרגת דיא גבעונים. נאר ווייל ער האט גיהרגת דיא כהנים פון די שטאט

נוב

הכהנים שהיו מספיקין להם מים ומזון מעלה עליו הכתוב כאלו הרגן. קא תבע אל שאול שלא נספד כהלכה וקא תבע על אשר המית הגבעונים אין דאמר ר"ל מ"ד (צפניה ב) בקשו את ה' כל ענוי ארץ אשר משפטו פעלו באשר משפטו שם פעלו אמר דוד שאול נפקו להו (דף עט) תריסר ירחי שתא ולא דרביה למספדיה נתינים ניקרינהו ונפייסינהו (ש"ב כא) ויקרא המלך לגבעונים ויאמר אליהם וגו' מה אעשה לכם ובמה אכפר וברכו את נחלת ה' ויאמרו לו הגבעונים אין לנו כסף וזהב עם שאול ועם ביתו ואין לנו איש וגו' יותן לנו שבעה אנשים מבניו והוקענום לה' פייסינהו ולא מפייסו אמר דוד ג' סימנים יש באומה זו רחמנין וביישנין וגומלי חסדים רחמנין דכתיב (דברים יג) ונתן לך רחמים ורחמך והרבך ביישנין דכתיב (שמות כ) ובעבור תהיה יראתו על פניכם גומלי חסדים דכתיב (בראשית יח) למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו וגו' כל שיש בו ג' סימנין הללו ראוי להדבק בו אין בו שלשה סימנין הללו אין ראוי להדבק בו:

ויקח

גשמים: כהנים היו מספיקין להם מזון. שנעשים שהיו חוטבי עצים ושואבי מים למזבח כדכתיב ביהושע ולא יכרת מכם עבד וחוטבי עצים ושואבי מים לבית אלהי: קתבע. הקב"ה בכבוד שאול שלא נספד כהלכה והדר קתבע בפורענותיה דשאול אשר המית וכו': באשר משפטו. במקום שדנין אותם שם מזכירין פועל צדקותיו: תריסר ירחי שתא. לאו דוקא דהא קרוב להלזין שנין היה שהרי ס[פק] שניתו של דוד היה אלא לפי שאין דרך כבוד לספוד אחר י"ב חדשים א"כ בנתק לו הנהומין על המת כדאמר במ"ק: אין לנו. להגיע לשאול ולביתו לא כסף ולא זהב כי אם נפשות ואין לנו להמית [מבחר ישראל] כי אם מזרעו: והוקענום. תלייה: באומה זו: ישראל: רחמנים וכו'. והני גבעוני דלא מרחמי אינם ראוין להדבק בהם מיד גזר עליהם דוד שנאמר והגבעונים לא מבני ישראל המה:

ויאמר

---

נוב: וואס זייא פלעגין געבין ברויט אונ וואסער צוא דיא גבעונים. אונ אז דיא כהנים זענען גיהרגת געווארין האבין דיא גבעונים ניט גיהאט צוא עסין. רעכינט דער פסוק אויף שאול גלייך וויא ער וואלט זייא גיהרגת. פרעגט דיא גמרא גאט האט גימאנט דעם כבוד פון שאול פאר וואס מען האט אים ניט מספיד געוועזן וויא דער דין איז. אונ ער מאנט דעם שטראף פון שאול ווייל ער האט גיהרגת דיא גבעונים. ענטפערט דיא גמרא בייא גאט איז אזוי. ווארום ריש לקיש האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק איר זאלט בעטין ביי גאט איר אלע פרומע פון דער וועלט אשר משפטו פעלו. ווארום וואו גאט משפט דעם מענטש דארט דער מאנט ער דיא פרומקייט פון מענטש. האט דוד גיענטפערט שאול מספיד זיין איצט קען מען שוין ניט ווארום ער איז שוין מער ווי צוועלף חדשים גשטארבין. דיא גבעונים וועט מען רופען אונ מען וועט זייא איבער בעטין. האט דער מלך גירופען דיא גבעונים אונ האט גיזאגט צוא זייא וואס זאל איך טאהן צוא אייך אונ מיט וואס זאל איך אייך איבער בעטין אז דיא הארב פון גאט ואויף ישראל זאל גיבענשט ווערין. האבען דיא גבעונים גיזאגט צוא דוד מיר האבען ניט צוא מאנען בייא שאול אונ בייא זיין הויז געווינר ניט קיין זילבער אונ ניט קיין גאלד: אונ פון אלע יודין האבען מיר ניט צוא הרגנן קיין מענטש. נאר מען זאל אונז געבין זיבען מענטשין פון שאולס קינדער וועלין מיר זייא אויף איינעך פאר גאט. האט דוד זייא גיבעטין זייא זאלען דאס ניט טאהן. אונ זייא האבען ניט גיוואלט איבער גיבעטין ווערין. האט דוד גיזאגט דרייא סימנים איז דא ביי יודין: זייא האבען רחמנות. זייא שעמען זיך. אונ זייא טוהען חסד איינער מיט דעם אנדערין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא יודין האבען רחמנות, ווארום עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין רחמנות אין דיין הארץ. דוא זאלסט רחמנות האבען אויף אנדערע מענטשין: וועט גאט אויף דיר אויך רחמנות האבען אונ וועט דיך מערין. פון וואנען ווייסען מיר אז דיא יודין שעמען זיך. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מורא פון גאט זאל זיין אויף אייער פנים. איר זאלט אייך שעמען צוא זינדיגען. פון וואנען ווייסען מיר אז זייא טוהען חסד ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם וועט געבעטן זיינע קינדער אונ זיינע הויז געזינד זייא זאלען טאהן חסד. דער מענטש וואס האט דיא דרייא סימנים איז ער ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט אים. אונ דער מענטש וואס האט ניט

דיא

ח (ש"ב כא) ויקח המלך את שני בני רצפה בת איה אשר ילדה לשאול את ארמוני ואת מפיבשת ואת חמשת בני מיכל בת שאול אשר ילדה לעדריאל בן ברזלי המחולתי מאי שנא הני אמר רב הונא העבירום לפני ארון כל שארון קלטו למיתה כל שא] ארון קלטו לחיים מתיב רב (הונא) [חנא] בר קטינא (שם) ויחמול המלך על מפיבשת בן יונתן בן שאול שלא העבירו וכי מטוא פנים יש בדבר אלא שהעבירו וקלטו רון ובקש עליו רחמים ופלטו. ואכתי משוא פנים יש בדבר אלא שבקש רחמים שלא יקלטנו הארון:

ויחמול המלך. ואי בארון תליא מלתא כיון דלא קלטו ארון מאי חמלה של דוד ומפני שלא ספנית: וכי משוא פנים יש בדבר. וכי היה לו לדוד לישא פנים בדיני נפשות היה לו להעביר את כלם: ואכתי משוא פנים יש בדבר. הואיל וקלטו ארון לא היה לו להמית אחר תחתיו: ואל יתחלל שם שמים. שהיו האומות אומרים אין אומה זו ראויה להדבק בה שהרי פשטו ידיהם בגרים ליטול מזונותיהם ולא עשו נקמה בהם:

ט והכתיב (דברים כד) לא יומתו אבות על בנים א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ואל יתחלל שם שמים בפרהסיא. (ש"ב כא)

ותקח

---

דיא דרייא סימנים איז ער ניט ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט איהם. אונ דיא גבעונים הייל זייא האבען ניט רחמנות דריבער וועגען זייא ניט ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט זייא:

ח ויקח. דוד המלך האט גינומען דיא צווייא קינדער פון רצפה בת איה וואס זיא האט זייא גיבארין פון שאול. איינער האט גיהייסען ארמוני אונ דער אנדערער מפיבושת. אונ די פינף קינדער פון מיכל דיא טאכטער פון שאול. וואס זיא האט זייא גיבארין פון עדריאל בן ברזלי המחולתי. פאר וואס האט דוד גנומען דיא זיבען קינדער. ניט קיין אנדערע. האט רב הונא גיזאגט דוד האט געפירט אלע קינדער פון שאול פאר דעם ארון. דער קינד וואס דער ארון האט אים אן גנומען איז ער גיוועז צום הרגנן. אונ דער קינד וואס דער ארון האט אים ניט אן גינומען איז ער גיוועז צום לעבין. אונ דיא זיבען קינדער זענין אן גינומען גיווארין פון ארון. דריבער האט מען זייא גינומען צום הרגנן. האט רב חנא בר קטינא גיפרעגט עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט רחמנות גיהאט אויף מפיבושת בן יונתן בן שאול. עס האט זיך דאך גיווענדט אן ארון. אז דער ארון וואלט אים אן גינומען וואלט מען אים גימוזט הרגנן: אונ אז דער ארון האט אים ניט אן גינומען טאר מען אים ניט הרגנן: וויא קומט דא דיא רחמנות פון דוד. ענטפערט דיא גמרא דיא רחמנות איז גיוועז דוד האט אים גאר ניט געפירט פאר דעם ארון. טאמער וועט ער אן גינומען ווערין. פרעגט דיא גמרא האט דען דוד הערליך גיטאהן. מען האט דאך גידארפט נאר זיבען קינדער: טאמער וואלט ער אן גינומען גיווארין וואלט איין אנדערער לעבעדיג געבליבען. נאר אזוי איז גיוועז דוד האט דעם מפיבושת פון יונתן געפירט פאר דעם ארון אונ דער ארון האט אים טאקי אן גינומען. האט דוד תפלה גיטאהן האט אים דער ארון אפ גילאזט. פרעגט דיא גמרא איצט איז דאך אויך ניט הערליך גיוועזן. אז דער ארון האט אים שוין אן גינומען צום הרגנן. האט ער דעם אויס ניבעטין. מען זאל הרגנן איין אנדערין פאר אים: נאר אזוי איז גיוועזן דוד האט תפלה גיטאן דער ארון זאל אים ניט אן נעמען:

ט והכתיב. פאר וואס האט מען גיהרגת דיא זיבען קינדער עס שטייט דאך אין פסוק עלטערין ווערין ניט גיהרגת פאר דיא זינד פון דיא קינדער. אונ קינדער ווערין ניט גיהרגת פאר דיא זינד פון דיא עלטערין. האט רבי חייא בר אבא גיזאגט פון רבי יוחנן ווען עס איז בעסער עס זאל אויס גערסען ווערין איין אות פון דיא תורה. נאר עס זאל ניט פאר שעמט ווערין דער נאמען פון גאט פאר אלע מענשין. ווארום אלע פעלקער וועלין זאגין דיא יודין זענין ניט ווערט מען זאל זיך בהעפטין מיט זייא. ווארום איין פעק זאך אונז דיא

גבעונים

ותקח רצפה בת איה את השק ותטהו לה אל הצור מתחלת קציר עד נתך מים עליהם מן השמים ולא נתנה עוף השמים לנות עליהם יומם ואת חית השדה לילה והכתיב (דברים כא) לא תלין נבלתו על העץ א"ר יוחנן משום ר"ש בן יהוצדק מוטב שתעקר אות אחת מן התורה ויתקדש שם שמים בפרהסיא שהיו עוברים ושבים אומרים מה טיבן של אלו הללו בני מלכים הם ומה עשו פשטו ידיהם בגרים גרורים אמרו אין לך אומה שראויה להדבק בה כזו ומה בני מלכים כך בני הדיוטות עאכ"ו ומה גרים גרורים כך ישראל על אחת כמה וכמה מיד נתוספו על ישראל מאה וחמשים אלף שנאמר (מ"א ה) ויהי לשלמה שבעים אלף נושא סבל ושמונים אלף חוצב בהר ודלמא ישראל הוו לא ס"ד דכתיב (שם ט) ומבני ישראל לא נתן שלמה עבד ודלמא ריגנור בעלמא אלא מהכא (ד"ה ב' ב) ויספר שלמה [כל האנשים הגרים וגו'] וימצאו מאה וחמשים אלף וגו'. ונתינים דוד גזר עליהם משה גזר עליהם דכתיב (דברים כט) מחוטב

עד ניתך מים כליסס. עד יתות הגשמים לא נספו לקבורה. רומגר. סבירים: אלא מהכא ויספר שלמה. כל האנשים [הגרים וגו'] וימצאו מאה וחמשים אלף [וגו'] ויעש מהם שבעים אלף סבל: מחוטב עציך. מדקריגהו להוטבי עצים באנשים ש"מ לאו בכלל ישראל נינהו ולאו בכלל גרים אלא עבדים ועבדים פסולים נינהו וגבעונים חוטבי עצים נינהו דכתיב

---

גבעונים) האבען זיך בהעפט מיט דיא יודין. האבען מענטשין בייא דיא גבעונים צו גנומען זייער פרנסה. אונ מען טוהט גאר ניט קיין נקמה אן דיא מענטשין: אין פסוק שטייט רצפה בת איה האט גינומען דעם זאק אונ זיא האט גיטראגין דעם זאק צום שטיין וואס איז גילעגין געגין דיא גיהאנגענע. אונ זיא איז דארט גיזעסין פון אן הייב שניט ביז עס איז גיגאסען גיווארין אויף זייא וואסער רעגין פון הימעל. אונ זיא האט ניט גילאזין דיא פויגלען פון הימעל זאלין רוהען אויף זייא בייא טאג. אונ חיות פון פעלד זאלין ניט קומען צו זייא בייא נאכט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק דער טויטער קערפער זאל ניט איינגען איף דעם האלץ בייא נאכט. האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יהוצדק וועגין עס איז בעסער עס זאל אויס גערימען ווערין איין אות פון דער תורה אונ עס זאל גיהיילינט ווערין דער נאמען פון גאט פאר אלע מענטשין. דיא מענטשין וואס וועלין דורך גיין וועלין זאגין פאר וואס איינגען דיא מענטשין. זייא זענין דאך קעניגליכע קינדער. וואס האבען זייא גיטאהן: ווייל מען זעהט זייא ענפערין זייערע עלטערין האבען שלעכץ גיטאהן צוא דיא גרים. וועלין דיא מענטשין זאגין עס איז ניטא קיין בעסערע פאלק מען זאל זיך צוא זייא בהעפטין וויא דיא יודין זענין. מאראך זייא האבען אזוי גיטאן צוא קעניגליכע קינדער. וואס וואלטין זייא שוין גיטאהן צוא פראסטע מענטשין. אונ מאראך זייא האבען זיך אזוי אן גינומען פאר גרים. וויא וואלטין זייא זיך שוין אן גינומען פאר יודין. באלד נאך דער זאך איז צוא גיקומען צוא יודין הונדערט מיט פופציג טויזענד גרים אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גיהאט זיבעציג טויזענד מענטשין וואס האבען גיטראגען שטיינער ציגול אונ אלץ וואס מען האט גידארפט צום באהען. אונ אכציג טויזענד וואס האבען גיהאקט שטיינער פון בארג. פרעגט דיא גמרא טאמער זענין דיא הונדערט מיט פופציג טויזענד גיוועזן יודין. זאגט דיא גמרא עס קען ניט זיין ווארום עס שטייט אין פסוק פון יודין האט שלמה ניט גיגעבין פאר קנעכט. טאמער זענין זייא גיוועזן גידונגענע. נאר פון דעם פסוק ווייסען מיר. שלמה האט גיצ'יילט אלע מענטשין דיא גרים זענין זייא גיוועזן הונדערט מיט פופציג טויזענד. אונ פון זייא האט ער גימאכט זיבעציג טויזענד צום טראגין אונ אכציג טויזענד צוא האקין פון בארג. פרעגט די גמרא הט מען רען גידארפט אז דוד זאל גוזר זיין אויף דיא גבעונים זייא זאלין ניט קומען צווישען יודין. משה רבינו האט דאך אויף זייא גוזר גיוועזן זייא זאלין ניט קומען צווישען יודין. ווארום עס שטייט אין פסוק פרשה נצבים: דיא וואס האקין האלץ. אז ער רעכינט דיא האלץ האקער בזונדער. זעהט זייא ניט גירעכונט וויא יודין גאר בזונדער. אונ טארין ניט קומען

צווישען

מחוטב עציך וגו' משה גזר להההוא דרא ודוד גזר לכולי דרא ואבתי יהושע גזר עליהם דכתיב (יהושע ט) ויתנם יהושע ביום ההוא חוטבי עצים וגו' יהושע גזר בזמן שבית המקדש קים דוד גזר בזמן שאין בית המקדש קים:

אלמלי נתינים יהושע: התם גזר עליהם לההוא דרא. אל תוספי עליהם בימיו: ויתנם יהושע. אלמא פגדים היא ויהושע לדורות כהנים גזר דכתיב עד היום הזה תוספי עליהם: בזמן שבית המקדש קיים. דכתיב ולמזבח ה':
ובן אלא לוי. בתמיה הא והלוי קרא לוים קאמר: [בני צדוק. וצדוק כהן הוה וקרא לבניו הלוים]: ר' אלעזר בן עזריה. כהן הוה כדאמרינן בברכות עשירי לעזרא: עקיבא בתרמילו. משום דר' עקיבא כעיה דכלנא שבוע הוה: תרמילו. המת על פור בשמיליה בלע"ז ורוצה מתן נס פתו וחולם בשלמה: מפני מה קנסו לוים במעשר. לא אלעזר

## יש מותרות פרק תשיעי

א (דף פ"ו) ת"ר תרומה לכהן ומעשר ראשון ללוי דברי ר' עקיבא. ר' אלעזר בן עזריה אומר (שם ע"ב) לכהן ולא ללוי אימא אף לכהן מ"ט דר"ע דכתיב (במדבר יח) ואל הלוים תדבר ואמרת אליהם בלוים קא משתעי קרא ואידך כדר' יהושע בן לוי דא"ר יהושע ב"ל בכ"ד מקומות נקראו כהנים לוים וזה אחד מהם (יחזקאל מד) והכהנים הלוים בני צדוק ור"ע וכו'. ההיא גינתא דהוה שקיל ר' אלעזר בן עזריה מעשר ראשון מינה אזל ר' עקיבא אהדרה לפתחא לבי קברי אמר עקיבא בתרמילו ואנא חיי. אתמר מפני

מה

---

צווישען יודין: אונ ווען מיינט מען דיא האלץ האקער. דיא גבעונים. זאגט דיא גמרא משה האט נאר גוזר געווען אויף דיא האלץ האקער וואס אין זיין צייט איז געווען. אבער אויף זייערע קינדער ניט. אונ דוד האט גוזר געווען אויף אייביג. פרעגט דיא גמרא יהושע האט דאך אויף זייא גוזר געווען. וואררום עס שטייט אין פסוק יהושע האט זייא געגעבן אין דעם טאג זייא זאלין האקין האלץ אונ שעפין וואסער. דאס הייסט זייא זאלין זיין קנעכט. אונ קנעכט טארין זיך דאך ניט מתחתן זיין מיט יודין. ענטפערט דיא גמרא יהושע האט גוזר געווען אזוי לאנג וויא דער בית המקדש וועט זיין. אונ דוד האט גוזר געווען אויף אייביג אפילו ווען דער בית המקדש וועט שוין ניט זיין:

## פרק תשיעי

א תנו רבנן: דיא רבנן האבין געלערנט תרומה דארף מען געבין צום כהן: אונ מעשר ראשון דארף מען געבין צום לוי. אזוי זאגט רבי עקיבא. רבי אלעזר בן עזריה זאגט מעשר ראשון זאל מען געבין צום כהן. פרעגט דיא גמרא נאר צום כהן אונ צום לוי ניט. נאר מען מיינט צום כהן אונ צום לוי. צוא וועמען דער בעל הבית וויל גיט ער. פאר וואס זאגט רבי עקיבא אז מעשר ראשון זאל מען געבין נאר צום לוי. וואררום עס שטייט אין פסוק צוא דיא לוים זאלסטו רידין אונ זאלסט זאגין צוא זייא. איר זאלט נעמען מעשר פון דיא יודין: שמועסט דער פסוק נאר פון דיא לוים. אונ רבי אלעזר בן עזריה זאגט אזוי וויא רבי יהושע בן לוי. אין פיר אונ צוואנציג ערטער ווערין גירופען דיא כהנים לוים. דריבער אז אין דיא תורה שטייט מען זאל געבין מעשר צוא לוים מיינט מען כהנים מיט לוים: צוא וועמען מען וויל זאל מען געבין: איין ארט איז והכהנים הלוים בני צדוק. צדוק מיט זיינע קינדער זענין געוועזען כהנים אונ דער פסוק רופט זייא לוים. עס איז געווען א גארטין וואס רבי אלעזר בן עזריה האט פון איהם גינומען מעשר ראשון. רבי אלעזר בן עזריה איז געווען א כהן. איז גיגאנגען רבי עקיבא אונ האט פאר מאכט דיא טיר פון גארטין. אונ האט געעפינט דיא טיר אין דער זייט וואס צום בית הקברות. א כהן טאר דאך ניט גיין אין א בית הקברות. וועט רבי אלעזר ניט קענען אריין קומען אין גארטין נעמען מעשר: האט רבי אלעזר גיזאגט עקיבא גייט מיט זיין טארבע מיט ברויט וואררום רבי עקיבא איז געווען א פאסטוך ביי כלבא שבוע: מיט דעם וועל איך לעבין. מיר דארפען געלדונג פאר וואס האט מען גיקנסת דיא לוים זייא זאלין ניט נעמען

מעשר

מה קנסו לוים במעשר פליגי בה ר' (יוחנן) [יונתן] וסביא חד אמר שלא עלו בימי עזרא וחד אמר כדי שיסמכו כהנים עליו בימי טומאתן. ומנא לן דלא סליקו בימי עזרא דכתיב (עזרא ח) ואקבצם אל הנהר הבא אל אהוה ונחנה שם ימים שלשה ואבינה בעם ובכהנים ומבני לוי לא מצאתי שם. אמר רב חסדא בתחלה לא היו מעמידין שוטרים אלא מן הלוים שנאמר (דה"ב יט) ושוטרים הלוים לפניכם עכשיו אין מעמידין שוטרים אלא מישראל שנאמר ושוטרים הרבים בראשיכם:

קלי דטעמא דהכא לאו משום קנסא אלא משום דכהנים מהי לוים היקרו כדאמריק אלא דאמריק בכמה דוכתי בתלמוד בהר דקביעהו שנאמר: ושוטרים הרבים בראשיכם. דהיום ישראל רבים יותר מהלוים:

הפקר ב"ד הפקר. וכל מידי דממונא לאו עקירה היא: וכל אשר לא יבא וגו'. בס' עזרא:

וראשי האבות למטות. כ"ל למכהב וראשי מטות בני ישראל:

ת"ש אליו תשמעון. בא להוכיח כנגד מי שאומר אין ב"ד מתנין לעקור דבר מן התורה ומכאן ירא

# האשה רבה פרק עשירי

א (דף פ"ט ע"ב) א"ר יצחק מנין שהפקר ב"ד הפקר שנאמר (עזרא י) וכל אשר לא יבא לשלשת הימים כעצת השרים והזקנים יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה ר' אלעזר אמר מהכא (יהושע יט) אלה הנחלות אשר נחלו אלעזר הכהן ויהושע בן נון וראשי האבות למטות בני ישראל וכי מה ענין ראשים אצל אבות אלא לומר לך מה האבות מנחילין בניהם כל מה שירצו אף ראשים מנחילין את העם כל מה שירצו:

ב (דף צ) (ע"ב) ת"ש (דברים יח) אליו תשמעון אפי' אומר לך עבור על אחת מכל מצות

---

מעשר. קריגט אין דעם רבי יונתן מיט דיא אלטע לייט. איינער זאגט וייל זייא האבען ניט געוואלט אויף גיין פון בבל אין ארץ ישראל אין דיא צייטען פון עזרא. דריבער האט עזרא זייא גיקנסט מען זאל זייא ניט געבען קיין מעשר. אונ איינער זאגט עזרא האט געוואלט פאר וואהרען או דיא כהנים וועלין זיין טמא אונ וועלין ניט טארין עסין קיין תרומה. וואהרין זייא האבען צוא עסין מעשר. פון וואנען ווייסען מיר אז אין דיא צייטען פון עזרא זענען דיא לוים ניט אויף גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל. ווארום עס שטייט אין פסוק עזרא האט גיזאגט איך האב פאר זאמעלט דיא יודין צום טייך וואס קומט צוא אהוה אונ מיר האבען דארט גירוהט דרייא טעג אונ איך האב מיך פאר שטאנען איף דעם פאלק אונ אויף די כהנים. אונ לוים האב איך דארט ניט געפינען. רב חסדא זאגט אין אנהייב האט מען גימאכט שוטרים נאר פון לוים. אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק דיא שוטרים וואס זענין לוים זענין פאר אייך. איצט מאכט מען ניט קיין אנדערע שוטרים נאר פון ישראלים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיגעבין פיל שוטרים אויף אייערע קעפ. פיל שוטרים קענען נאר זיין פון ישראלים. ווארום ישראלים זענען דאך מער וויא לוים:

## פרק עשירי

א אמר. רבי יצחק זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז בית דין קענען מפקיר זיין אפגעטרין פאר מענין. ווארום עס שטייט אין פסוק דער וואס וועט ניט קומען ביז דרייא טעג אזוי וויא דיא שרים אונ דיא זקנים האבען גיהייסען זאל פר ווירט ווערין זיין גאנץ פארמעגען אונ ער זאל אפ גישיידט ווערין פון דיא יודישע פארזאמלונג. רבי אלעזר זאגט פון דעם פסוק ווייסען מיר. דאס זענין דיא טיילען וואס אלעזר הכהן אונ יהושע בן נון אונ דיא עלטסטע פאטערס צוא דיא שבטים פון דיא יודין האבען גימאכט ירשנן. וואס גיהער עלטסטע צו פאטערס. נאר דער פסוק זאגט אונז אזוי ווייא פאטערס מאכען ירשנן זייערע קינדער וואס זייא ווילען. אזוי דיא עלטסטע פון פאלק קענען מאכען ירשנן דעם פאלק וואס זייא ווילען. זייא מעגין נעמען ביי איינעם אונ געבין דעם אנדערין:

ניסלין כ"ד לעקור דבר מן התורה: דכתיב אליו תשמעון. נביא אמת כהיה: כגון אליהו בהר הכרמל. שהקריב בבמה בשעה איסור הבמות ואיכא כרת דשחוטי חוץ וכרת דהעלאה: מגדר מלתא. לעשות גדר והקנה [כי התם] שהשיבן ע"י קן מע"ז: רוכב על סוס. והוא משום שבות: וסקלוהו. שמחלל שבת גמור: צריכה לכך. שהיתה שעת השמד והיו פרוצין בעבירה: שהטית. בעל עם ליה. שהם יוסר מאמם: עלייהו. ולפי ע"ג

מצות שבתורה כגון אליהו בהר הכרמל הכל לפי שעה שמע לו. שאני התם דכתיב אליו תשמעון ולינמו מיניה מגדר מילתא שאני. ת"ש א"ר אלעזר בן יעקב שמעתי שב"ד מכין ועונשין שלא מן הדין ולא לעבור על דברי תורה אלא לעשות סייג לתורה. מעשה באדם אחד שרכב על סוס בשבת בימי יונים והביאוהו לב"ד וסקלוהו לא מפני שראוי לכך אלא שהשעה צריכה לכך. ושוב מעשה באדם אחד שהטיח באשתו תחת התאנה והביאוהו לב"ד והלקוהו לא מפני שראוי לכך אלא שהשעה צריכה לכך מגדר מלתא שאני:

ג (דף נ"ג) **רבי** ינאי ה"ל אריסא דהוה מייתי ליה כנתא דפירי כל מעלי שבתא ההוא יומא נגה ליה ולא אתא שקל עשר מפירי דביתיה עלייהו אתא

---

ב תא שמע: איך וועל דיך פרעגין עס שטייט אין פסוק צו דעם נביא זאלסטו הערין: אפילו דער נביא וועט דיר זאגין ד: זאלסט ניט מקיים זיין א מצוה פון דער תורה: אזוי ווי אליהו הנביא האט גיטאהן ביים בארג כרמל ווער הט דארט מקריב גיוועזן קרבנות ווס ער האט ניט גיטארט אלין נאך די צייט נאך. זאלסטו הערין אונ פאלגין וואס דער נביא וועט דיר זאגין: זאגט די גמרא דארטין איז אנדערש. ווארום עס שטייט אין פסוק מען זאל הערין וואס דער נביא וועט זאגין. פרעגט די גמרא זאלין מיר אפ לערנען פון דעם פסוק אויף אלע מאהל: וואס א נביא וועט זאגין אפילו ניט צו מקיים זיין א מצוה. זאל מען אידם פאלגין זאגט דיא גמרא דאס איז גאר אז מען בארף פאר היטען פון עבירות. אזוי ווי ביי אליהו הנביא איז גיוועזן. ער האט גיטאהן איין עבירה. אבער מיט דער עבירה האט ער אפ גשיידט יודין פון צו דינען עבודה זרה. דאס מעג מען. אבער אז ניט צו פאר היטען פון אנדערע גרעסערע עבירות. טאר מען ניט פאלגין א נביא צוא טאהן אנדערש ווי אין די תורה שטייט (ועיין בגמרא). איך וועל דיך פרעגין רבי אלעזר בן יעקב האט גיזאגט איך האב גיהערט אז בית דין מעגין שלאגין אונ שטראפין אפילו דער דין איז ניט אזוי. אונ ניט נאר אז דער מענטש האט גיטאהן אנדערש ווי אין דער תורה שטייט. מעג מען אידם שלאגין. נאהר אז מיט דעם שלאגין וועט מען מאכין א פארצאמונג צוא דיא תורה. מעג מען אויך שלאגין. עס האט אמאהל גיטראפין אז א מענטש האט גיריטען אויף א פערד אום שבת. אין דיא צייט ווען די גריכען האבין גיוועלטיגט. האט מען גיבראכט דעם מענטש צו בית דין אונ מען האט אידם פארשטיינגט. נים ווייל ער איז ווערט גיוועזן מען זאהל אידם פערשטיינען. נאהר די צייט האט גידארפט מען זאהל אידם פארשטיינען. ווייל פיל מענטשין האבין מחלל שבת גיוועזן. אין דער צייט איז ביי זיי דער שבת גרינג גיוועזן. דריבער האט מען אידם גיהרגעט אויף איין עבירה דרבנן אויך. צו מאכין א מורא. נאך האט גיטראפין א מענטש האט בועל גיוועזן זיין ווייב אונטער א פייגין בוים. האט מען אידם גיבראכט צוא בית דין אונ מען האט אידם גישלאגין מלקות. נים ווייל ער איז ווערט גיוועזן מען זאהל אידם שלאגין מלקות. נאהר די צייט האט גידארפט מען זאל אידם שלאגין מלקות. ווייל מען האט גידארפט פארצאמען דיא יודין דיא זאלין ניט מגונה זיין:

ג רבי ינאי האט גיהאט א ארים וואס ארבעטער אין זיין פעלד. אלע ערב שבת פלעגט דער ארים ברענגען צוא רבי ינאי א קארב פירות. אמאהל איז גיוועזן ערב שבת שפעט אונ דער ארים האט נאך ניט גיבראכט דיא פירות צו רבי ינאי. האט רבי ינאי גיהאט מורא טאמער וועט דער ארים קומען מיט דיא פירות צוא שפעט נאנט צוא שבת וואס מען וועט שוין ניט קענען געבין מעשר פון דיא פירות. וועט מען דאך ניט קענען עסין דיא פירות אום שבת. האט רבי ינאי גינומען פירות פון זיין שטוב אונ האט גיזאגט

אתא לקמיה דרבי חייא אמר ליה שפיר עבדת דתניא (דברים יד) למען תלמד ליראה את ה' אלהיך כל הימים אלו שבתות ויו"ט למאי הלכתא אילימא לעשורי ומיכל איצטריך קרא לטישרי טלטול דרבנן (שם פ"ג) אלא לאו כי האי גוונא א"ל והא אקריין בחלמא קנה רצוץ מאי לאו הכי קאמרי (לך) [לי] (מ"ב יח) הנה בטחת לך על משענת הקנה הרצוץ הזה לא הכי קאמרי לך (ישעיה מב) קנה רצוץ לא ישבור ופשתה כהה לא יכבנה:

ד תניא (דברים כג) לא תסגיר עבד אל אדוניו רבי אומר בלוקח עבד על מנת לשחררו הכתוב מדבר ה"ד אמר רב נחמן בר יצחק דכתב ליה לכשאקחך הרי עצמך קנוי לך מעכשיו:

הניא

דהלכתי לא אזי: למען תלמד. גבי תרומה ומעשרות כתיב ואכלת לפני ה' וגו': כל הימים אלו שבתות וימים טובים. כוי למוד ליזהר שלא יבטל עונג [שבת] בשביל תקון הטבל: למאי הלכתא. ומה הוא קרא לאשמועי: אי נימא עשורי בשבת ומיכל. והא מצריך לאשמועינן דהע"ג דשבת הוא מתקן פשיטא וכי אצטריך קרא למישרי טלטול דרבנן כפרשת מעשרות בשבת איכא אלא משום שבות דהכן אלא הן משום שבות לא מגביהין תרומות ומעשרות במסכת ביצה והיכא אסר לה קרא טלטול (דעלמא) [בעלמא] דאיצטריך למשרייה בהא. אלא לאו כה"ג. דמותר לעשר על מה שלא בא לעולם ועתיד לבא לצורך עונג שבת: והא אקריין בחלמא. ליל שבת זה: קנה רצוץ. מקרא אחר ושמו קנה רצוץ: מאי לאו הנה בטחת וכו'. ולא שפיר עבדת: לא. קרא אחרינא אקריוך: קנה רצוץ לא ישבור. סיפיה דקרא (כי) לאמת יוציא משפט דשפיר עבדת:

על מנת לשחררו. ומוזכר שלא להשתעבד בו:

געזאגט זייא זאלין זיין מעשר אויף דיא פירות וואס דער ארים וועט ברייננען. איז רבי ינאי געקומען פאר רבי חייא אונ האט איהם דער ציילט וויא אזוי ער האט געמעשרת: האט רבי חייא געזאגט צו רבי ינאי דו האסט גוט געטאהן. ווארום מיר האבן געלערנט עס שטייט אין פסוק פון וועגן דוא זאלסט לערנען מורא צוא האבין פאר גאט אזוי לאנג וויא דו וועסט לעבין. דאס מיינט מען שבת אונ יום טוב. וואס פאר אדין זאגט דער פסוק זאל מען היטען שבת אונ יום טוב. איך זאל זאגין דער פסוק זאגט מען זאל ניט עסין שבת אונ יום טוב אומגעמעשרת. נאר אויב ער האט ניט געמעשרת פאר שבת אדער פאר יום טוב. זאל ער מעשרין אום שבת אדער אום יום טוב: געוויס מעג ער אזוי טאהן. האט דען דיא תורה אמאהל געזאגט אז מען טאר ניט מעשרין שבת אונ יום טוב וואס זיא זאל איצט קומען מתיר זיין. דיא רבנן האבין דאך געאסרת צו מעשרין שבת אונ יום טוב. אבער ניט דיא תורה: נאר געוויס קומט דיא תורה מתיר זיין אזוי וויא דוא האסט געטאהן. אום דער וואבין מוז מען מעשרין פון דיא פירות וואס ווענק געבין איהם אויף דיא פירות וואס וועלין געבין איהם. אבער פון וועגין שבת האט דיא תורה מתיר געווען צו געבין מעשר פון דיא פירות וואס וועלין געבין איהם אויף דיא פירות וואס זענין נאך נאר ניט געקומען צו איהם. האט רבי ינאי געזאגט צו רבי חייא דיא נאכט שבת האט מען מיר געוויזען אין חלום דעם פסוק קנה רצוץ. אצובראכענער שטעקין. געוויס האט מען געמיינט מיר צוא זאגין אז איך האב מיך פאר זינדיגט אויף דיא אן לעהנונג פון אצובראכענעם שטעקין עס איז ניט גוט געמעשרת געווארין. האט רבי חייא געזאגט מען האט דיר ניט געוויזען דעם פסוק וואס דו מיינסט. נאר איין אנדער פסוק. דער צובראכענער שטעקין וועט ניט צוא בראכין ווערין אונ דיא טונקעלע אונ שוואכע פלאקס וועט ניט פארלאשין ווערין. ווייטער שטייט אין פסוק לאמת יוציא משפט. דער דין וואס ער האט געזאגט איז ער אמת. צוא ווייזין אז דוא האסט גוט געטאהן מיט דיין מעשר געבין אונ דוא מעגסט עסין דיא פירות:

ד תניא. מיר האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט איבער געבין אקנעכט צו זיין הער. רבי זאגט דאס מיינט מען אז איינער האט געקויפט אקנעכט אויף דעם תנאי ער זאל איהם פרייא לאזין. טאר ער ניט ארבעטין מיט איהם. וויא אזוי איז געווען דער תנאי. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט ער האט געשריבען דעם קנעכט אז איך וועל דיך קויפין זאלסטו זיין פרייא פון איצט:

תניא

ה (דף לד) תניא (ויקרא כא) ואשה גרושה מאישה אפילו לא נתגרשה אלא מאישה פסולה לכהונה והיינו ריח הגט שפוסל בכהונה :

ו (דף ט ע"ב) אזל ר' אלעזר אמר לשמעתא בי מדרשא ולא אמרה משמיה דר' יוחנן שמע ר' יוחנן איקפד עול לגביה ר' אמי ור' אסי א"ל לא כך היה המעשה בבית הכנסת של טבריא בנגר שיש בראשו גלוסטרא שנחלקו בו ר' אלעזר ור' יוסי עד שקרעו ספר תורה בחמתן . קרעו ס"ת אלא אימא שנקרע ס"ת בחמתן והיה שם ר' יוסי בן קיסמא אמר תמה אני אם לא יהיה בית הכנסת זו בית ע"ז וכן הוה הדר איקפד טפי אמר חברותא נמי על לגביה ר' יעקב בר אידי אמר [לו] כתיב (יהושע יא) כאשר צוה ה' את משה [עבדו] כן צוה משה את יהושע וכן עשה יהושע לא הסיר דבר מכל אשר צוה ה' את משה וכי כל

לא נתגרשה אלא מאישה . סוף הכתוב לא גט ואמר לה הרי את מגורשת ממני ואי את מותרת לכל אדם בלא נתגרשה לגמרי אלא מאישה נפסלה: פסולה לכהונה . אם מת יבמה ליבמה :
נגר שיש בראשו גלוסטרא . בראשו עב ורחב בהיקף שתים ולבאר תשמיש ונחלקו בו למנין תפילת דלת ר' אלעזר אוסר לנעול בו ור' יוסי מתיר לפי שיש תורת כלי עליו ומותר לטלטלו: חברותא נמי . את תלמידי חכם שעשיתם חברי בלתם מביאים לי ראיה מר' אלעזר ור' יוסי שהיו חברים: וכן עשה יהושע. העיד עליו המקרא שכל מה שעשה מפי משה עשה ואפילו מה שלמד כתב שהרי אין כל דבר ודבר שיאמר יהושע כך אמר משה ואפילו ככי

---

ה תניא . מיר האבין געלערנט עס שטייט אין פסוק אשה וואס איז גיגט געווארין פון איר מאן . אפילו זיא איז נאר ניט געווארין פון איר מאן . ער האט געשריבען אין גט זיא זאלט גיגט פון מיר אונ דו טארסט ניט גינומען ווערין צו קיין מענטש אין דער וועלט. איז דער גט גאר ניט. זיא איז נאר אפ גישיידט פון מאן . אויב דער מאן איז גישטארבין. טאר זיא ניט גינומען ווערין צו אכהן . דאס ווערט גירופין אריח פון אגט . אונ דאס מאכט איר פסול זיא זאל ניט גינומען ווערין צוא אכהן :

ו אזל . רבי אלעזר איז גיגאנגען אונ האט גיזאגט דעם דין אין בית המדרש . אונ ער האט ניט גיזאגט אז דעם דין האט ער גיהערט פון רבי יוחנן : איז רבי יוחנן אין כעס גיוועזן אויף רבי אלעזר . איז רבי אמי אונ רבי אסי אריין גיגאנגען צו רבי יוחנן אונ האבין גיזאגט צוא אים איז דען נישט אזוי גיוועזן דיא מעשה אין דיא שוהל פון טבריא ביים ארינגיל וואס האט הויבין אקאפ וואס אין דעם דין האבין גיקריגט רבי אלעזר מיט רבי יוסי . ביז זיא האבין צוריסען אספר תורה מיט זייער כעס . פרעגט דיא גמרא וויא קען דאס זיין זיא זאלין נעמען אספר תורה אונ צוא רייסין . נאר דיא ספר תורה איז אליין צוריסען גיווארין דורך זייער כעס . איז רבי יוסי בן קיסמא דארט גיוועזן אין דיא שוהל ווען דיא ספר תורה איז צוריסען גיווארין . האט ער גיזאגט אויב פון דיא שוהל וועט ניט ווערין אשטוב צו דיא עבודה זרה וועל איך מיך וואנדערין . אונ אזוי איז גיוועזן . פון דיא שוהל איז גיווארין אשטוב צו דיא עבודה זרה . ווען מיר אז קריג איז ניט גוט . איז רבי יוחנן נאך מעהר אין כעס גיווארין אונ האט גיזאגט איר מאכט שוין מיין תלמיד רבי אלעזר פאר אחבר צו מיר . אז איר גלייכט דיא קריג פון מיר מיט רבי אלעזר צו דיא קריג פון רבי אלעזר מיט רבי יוסי וואס זייא זענין גיוועזן חברים . וויל זייא זענין גיוועזן חברים האבען זייא ניט גידארפט זיין אין כעס איינער אויף דעם אנדערין . אבער איך אויף רבי אלעזר וואס ער איז מיינער אתלמיד מעג זיין אין כעס . איז רבי יעקב בר אידי אריין גיגאנגען צוא רבי יוחנן אונ האט גיזאגט צוא אים עס שטייט אין פסוק אזוי ווי גאט האט גיבאטין זיין קנעכט משה . אזוי האט משה גיבאטין צוא יהושע . אונ אזוי האט יהושע גיטאן . ער האט ניט גיפעלט איין זאך פון אלין וואס גאט האט גיבאטין צוא משה . ווען מיר אז דיא גאנצע תורה וואס יהושע האט גיוואוסט האט ער נאר גיוואוסט פון משה. דער נאך אז יהושע האט גילערנט תורה צוא דען יעדער זאך וואס יהושע האט גיזאגט האט ער גיזאגט אזוי האט מיר גיזאגט משה . נאר יהושע האט גילערנט תורה אונ ער האט ניט גיזאגט פון

וועמען

כל דבר שאמר יהושע היה אומר להם כך אמר לי משה אלא יהושע יושב ודורש סתם והכל יודעין שתורתו של משה היא אף ר"א תלמידך יושב ודורש סתם והכל יודעין שהתורה שלך היא א"ל כפני מה אין אתם יודעין לפיים כבן אידי חברנו ור' יותנן מאי טעמא כפיד כולי האי דאמר רב יהודה אמר רב מ"ד (תהלים סא) אגורה באהלך עולמים וכי אפשר לו לאדם לדור בב' עולמים אלא אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע יהי רצון שיאמרו דבר שמועה מפי בעולם הזה דא"ר יוחנן משום ר' שמעון בן יוחאי כל ת"ח שאומרים דבר שמועה מפיו בעולם הזה שפתותיו דובבות בקבר א"ר יצחק בן זעירא ואי תימא שמעון נזירא מאי קראה (ש"ה ז) וחכך כיין הטוב הולך לדודי למישרים דובב שפתי ישנים ככומר של ענבים מה כומר של ענבים כיון שמניח אדם אצבעו עליו מיד דובב אף ת"ח כיון שאומרים דבר שמועה מפיהם בעולם הזה שפתותיהם דובבות בקבר:

הכי אסהיד קרא דמפי משה היה: שיאמרו דבר שמועה מפי בעוה"ז. שיהיו שפתי נעות בקבר כאלו אני חי: דובבות. נעות לשון דבור (כ"א דובב) שמרחית ומכלכן: כומר. כלי שמניחין בו ענבים עד שמתחממים ויינו מת נאת כמו מכמר בשרא דשמיד כשהם דובב. היין רוחש ונע ויוצא למעלה: כוס הטיב. ירבעם בן יואש: על עסקי מסכ קאמר. דלא דברה עמו על עסקי נינוה אלא כ"פ: מאי

## נושאין על האנוסה פרק אחד עשר

**א** (דף צח) (יונה ג) ויהי דבר ה' אל יונה שנית לאמר שנית דברה עמו שכינה שלישית לא דברה עמו והא כתיב (מלכים ב יד) הוא השיב גבול ישראל

---

נעמען ער האט דיא תורה געהערט. נאר אלע האבן געוואוסט אז דיא תורה האט יהושע געלערנט פון משה. אזוי דיין תלמיד רבי אלעזר זיצט אין בית המדרש אונ לערנט. אונ ער זאגט ניט פון וועמען ער האט דיא תורה געהערט: נאר אלע ווייסען אז דיא תורה איז דיינע. פון דיר האט דאס רבי אלעזר געלערנט. האט רבי יוחנן צוא זייא געזאגט פאר וואס ווייסט איר ניט אזוי איבער צוא בעטין וויא דער זוהן פון אידי אונזער חבר: פרעגט דיא גמרא פאר וואס איז רבי יוחנן אזוי שטארק אין כעס געוועזען אויף רבי אלעזר. ווארום רב יהודה האט געזאגט פון רבם וועגין עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט געזאגט איך וויל וואוגען אין דיין געצעלט אין צווייא וועלטין מיט איין מאהל. קען דען אמענטש וואוגען אין צווייא וועלטין מיט איין מאל. נאר אזוי האט דוד געזאגט פאר גאט רבונו של עולם עס זאל זיין דער ווילען דער נאך ווען איך וועל שטארבין זאל מען זאגין אויף דער וועלט דיא תורה וואס מען האט פון מיר געלערנט אין מיין נאמען. מען זאל זאגין דעם דין האט געזאגט דוד המלך. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין דער תלמיד חכם וואס איז געשטארבין אונ מען זאגט אויף דער וועלט דיא תורה וואס מען האט פון אים געלערנט. אין זיין נאמען. ריידען זיינע לעפצין אין קבר. האט רבי יצחק בן זעירא געזאגט. אנדערע זאגין שמעון נזירא האט געזאגט עס שטייט אין פסוק דיין גומען איז וויא גוטער וויין ער גייט צוא מיין פריינד גלייך עס טוהט ריידין דיא לעפצין פון דיא שלאפעריגע. אזוי וויא דיא כלי וואס אין איר ליגט ווינטרויבין זייא זאלין דער היצט ווערין. אז אמענטש לייגט זיין פינגער אויף דיא ווינטרויבין. הייבן די ווינטרויבין באלד אן צו ברומען. אזוי א תלמיד חכם וואס איז געשטארבין אז מען זאגט אויף דער וועלט די תורה וואס זייא האבען געלערנט. אין זייער נאמען. ריידין זייערע לעפצין אין קבר:

## פרק אחד עשר

**א** ויהי. עס שטייט אין פסוק דיא רייד פון גאט איז געוועזען צוא יונה נאך אמאהל צוא זאגין אים. אצווייטין מאהל האט גאט מיט אים גערעט. אונ אדריטען מאהל האט גאט ניט גערעט מיט אים. עס שטייט דאך אין פסוק ער האט צוריק געקערט דעם גרענעץ פון יודין פון ווי

מען

ישראל כלבוא חמת עד ים הערבה כדבר ה' וגו אשר דבר ביד עבדו יונה בן אמתי הנביא אמר רבינא על עסקי נינוה קאמר. רב נחמן בר יצחק אמר הכי קאמר כדבר ה' אשר דבר ביד עבדו יונה בן אמתי כשם שנהפך נינוה מרעה לטובה כך בימי ירבעם בן יואש נהפך להם לישראל מרעה לטובה:

ב (דף ק) ת"ר העבד והאשה אין חולקין להם תרומה בבית הגרנות ובמקום שחולקין נותנין לאשה תחלה ופוטרין אותה מיד מאי קאמר ה"ק במקום שחולקין מעשר עני נותנין לאשה תחלה מ"ט משום זילותא. אמר רבא מרישא כי הוו אתו גברא ואתתא לדינא קמאי הוה שרינא תיגרא דגברא ברישא אמינא דמחייב במצות כיון דשמעא להא שרינא תיגרא דאתתא ברישא מ"ט משום זילותא:

ג (שם ע"ב) אמר שמואל י' כהנים עומדים ופירש א' מהם ובעל הולד שתוקי מאי שתוקי אילימא שמשתקין אותו מנכסי אביו פשיטא מי ידעינן אבוה מנו אלא שמשתקין

אלא קתני. קתני אין חולקין והדר קתני במקום שחולקין: ה"ק. הלי במקום שחולקין לא תרומה קאי וה"ק ודבר שחולקין נמי לנשים כגון מעשר עני שהוא מתחלק בתוך הבית בעיר ואין כאן משום יחוד דבכיהי איבשי נוהגים לאשה תחלה משום חילנא כה מילתא למיקם: [מעשר עני אין מתחלק בגורן אלא בתוך הבית כדכתיב לגר ליתום ולאלמנה וגו' ועוד משום דלא ליכספו עניים: גברא ואתתא. ם סוכע בעל דינו וזו תובעת בעל דינה ואין הדין בין שניהם: ברישא תגרא דגברא ברישא. הייתי נזקק לשמוע את דינו ולאח"כ הייתי מזקק לדון בין אשה ובין בעל דינה]:

כל י שתוקי. וככל כולה דכלה שבינה לן דבן כהן כנה

מען קומט אין חמת ביז דעם ים הערבה אזוי וויא דיא רייד פון גאט וואס ער האט גירעט דורך זיין קנעכט יונה בן אמתי הנביא. האט דאך גאט גירעט מיט יונה אדריטען מאהל. האט רבינא גיזאגט פון וועגין נינוה האט גאט גירעט מיט יונה נאר צווייא מאהל. אבער אויסער נינוה האט גאט אויך גירעט מיט יונה. רב נחמן בר יצחק זאגט אזוי מיינט מען אזוי וויא דיא רייד פון גאט וואס ער הט גירעט דורך זיין קנעכט יונה בן אמתי. אזוי וויא ביי נינוה איז פר קערט גיווארין פון שלעכטין צוא גוטען. אזוי אין דיא צייט פון ירבעם בן יואש איז פאר קערט גיווארין צו די יודין פון שלעכטין צו גוטען:

ב תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אקנעכט אקנעני פון אכהן אדער אווייב אדער אטאכטער פון אכהן אז זיי קומען צום שייער מען זאל זייא געבין תרומה. גיט מען זיי ניט. אונ ווא מען גיט יא גיט מען פריער צוא דיא אשה אונ מען פערטיגט איר אפ באלד. פרעגט דיא גמרא פריער זאגט מען גיט ניט תרומה צוא ווייבער אונ קנעכט. דער נאך זאגט מען מען גיט יא. נאר אזוי מיינט מען וואו מען גיט מעשר צוא ארעמע לייט וואס דאס ווערט גיגעבין אין שטוב ניט אין שייערן. גיט מען פריער צו דיא אשה. ווייל פאר אאשה איז ניט שיין צוא שטיין צווישען פיל מענטשין אונ ווארטען מען זאל איר עפעס געבין. רבא הט גיזאגט אין אהייב אז עס פלעגין קומען פאר מיר צווייא דין תורות. איין דין תורה. צווייא זכרים. אונ דיא אנדערע דין תורה צווי נקבות. אדער אנקבה מיט אזכר. פלעג איך פריער משפטין דיא דין תורה פון דיא צווייא זכרים. איך האב גיזאגט ווייל זכרים זענין גיבאטען אויף מצות אונ ווייבער ניט. דארף מען פריער פסקנן זייער דין. וויא איך האב גיהערט דעם דין וואס שטייט פריער. האב איך שוין געמשפט דעם דין פון דיא אשה פריער. ווייל עס איז ניט שיין אז אאשה זאל שטיין ביי בית דין:

ג אמר. שמואל האט גיזאגט אז צעהן כהנים זענין גישטאנען אונ איינער פון זייא הט זיך אפ גישיידט אונ האט בועל גיוועזן אאשה וואס האט ניט קיין מאן. אונ מען ווייס ניט וועלכער כהן דאס האט גיטאהן. אונ דיא אשה האט גיהאט אקינד. איז דם קינד אשתוקי. זאגט דיא גמרא פאר וואס רופט מען דעם קינד שתוקי משווייגין. זאלין מיר זאגין ווייל מען מאכט אים שטיל פון זיין פאטערס פאר מעגין. אז ער וויל ירשנן זיין פאטער הייסט מען אים ער זאל שווייגין. געוויס אז ער מוז שווייגין. וואדום ווייס מען דען ווער זיין פאטער

איז

שמשתקין אותו כדין כהונה מאי טעמא אמר קרא (במדבר כה) והיתה לו ולזרעו אחריו בעינא זרעו מיוחס אחריו וליכא מתקיף לה רב פפא אלא מעתה גבי אברהם דכתיב (בראשית יז) להיות לך לאלהים ולזרעך אחריך התם מאי קמזהר ליה רחמנא הכי קאמר ליה לא תינסב נכרית ושפחה דלא ליזיל זרעך בתרה:

# מצות חליצה פרק שנים עשר

א (דף ק"ב) **אמר** רבא גר דן את חבירו דבר תורה שנא (דברים יז) שום תשים עליך מלך אשר יבחר ה' אלהיך בו מקרב אחיך תשים עליך מלך עליך הוא דבעינא מקרב אחיך אבל גר דן את חברו גר ואם היתה אמו מישראל דן אפילו ישראל ולענין חליצה עד שיהא אביו ואמו מישראל שנאמר (רות ד) ויקרא שמו בישראל:

ב (שם ע"ב) **והכתיב** (איוב לו) יחלץ עני בעניו בשכר (עני) [עניו] יחלצנו מדינה של גיהנם

פסח על הפסיקה הוא : מדין כהונה . מלפסול עבודה ולפ"ג דלענין יוחסין ליכא למם כשר הוא פסול לעבודה : אחריו . שיהיה זרעו [שהוא שלו] : מאי קמזהר ליה רחמנא. הואיל והכא אחריו קדרשה ליה לענין פסול כהונה הכא מאי פסול קדרשה ביה כא ודאי גבי ישראל כשר הוא כגון עבדים כשרים עומדים ופירש אחד מהם ובעל : זרעך בתרה : כדאמרינן בפ"ג דקידושין שפחה הולד כמוה דכתיב האשה וילדיה וגו' נכרית דכתיב כי יסיר את בנך בנך הבא מישראלית קרוי בנך ואין בנך הבא מן הנכרית קרוי בנך אלא בנה :

גר דן את חבירו . דיני נפשות דאילו דיני ממונות אפי' לכל ישראל דהנך הכל כשרים לדון דיני ממונות ואמרינן הכל לאתויי מאי לאתויי גר : עליך הוא דבעינא מקרב אחיך . אבל על הגר אפי' חבנו אתה מקים עליו דיין בכלל מלך דכתיב מלך במשפט יעמיד ארץ אם דומה דיין למלך שאין צריך כלום יעמיד ארץ ועוד בימות הרבה כתיב כאן כל משימות שאתה משים לא יהו אלא מקרב אחיך : בישראל. משמע שיהא ישראל מכל צדדין :

בעל התלמוד בא להקשות ולהוכיח כי פירוש ותלמוד נעלו אינו הליצה ממש אלא לשון זכוז כמו כתלנו נאהכם ולז"א והכתיב יחלץ עני בעניו.

איז . נאר מען מיינט אז ער קומט אין בית המקדש אונ וויל מקריב זיין קרבנות הייסט מען אים ער זאל שווייגן . פאר וואס ער איז דאך אכשר קינד . ווארום דער פסוק זאגט דיא כהונה זאל זיין צוא אים אונ צוא זיינע קינדער נאך אים . אזעלכע קינדער וואס זייא קענען זיך מיחס זיין נאך זייער פאטער . זייא וויסן ווער זייער פאטער איז . מעגן מקריב זיין קרבנות . אבער דיא קינדער וואס וויסן נאר אז זייא זענען כהנים אבער ווער זייער פאטער איז וויסן זייא ניט . דיא קינדער טארין ניט טאהן דיא עבודה . האט רב פפא גיפרעגט בייא אברהם אבינו שטייט אין פסוק איך זאל זיין צו דיר גאט אונ צו דיינע קינדער נאך דיר . וואס זאגט דיא תורה צו אברהם . אזוי האט גאט גיזאגט צו אברהם . זאלסט ניט נעמען קיין גויה קיין שפחה כנענית . ווארום דיא קינדער וואס דוא וועסט האבין מיט איר וועלין ניט גערעכנט ווערין צוא דיר נאר צוא איר . אויף אזעלכע קינדער וועט ניט רוהען דיא שכינה :

## פרק שנים עשר

א אמר . רבא האט גיזאגט דיא תורה הייסט אז אגר מעג זיין אדיין צוא משפטין זיין חבר וואס ער איז אויך אגר . אויב מען דארף איהם הרגנן . אדער גיין . ווארום עס שטייט אין פסוק דו זאלסט טאהן אויף דיר אמלך וועלכין גאט וועט אים אויס דער ווילין . פון דיינע ברידער זאלסטו טאהן אויף דיר אמלך . דער מלך וואס דארף זיין אויף דיר . מוז ער זיין פון דיינע ברידער . איוד וויא דו ביזט . אבער אגר מעג משפטין זיין חבר וואס ער איז אויך אגר . אונ אויב דיא מוטער פון מלך איז גיוועזן אידישע (אפילו דער פאטער ניט) מעג ער משפטין אפילו אידין אויך . אונ צו חליצה מוז זיין אדיין וואס זיין פאטער אונ זיין מוטער זענען יודין : ווארום עס שטייט אין פסוק עס זאל גירופין ווערין זיין נאמען צווישען יודין . מוזן דיא דיינים זוין אמהה יודין .

ב והכתיב . עס שטייט דאך אין פסוק יחלץ עני בעניו . ער שטארקט דעם ארעם מאן ער זאל

**פירוש**

**בשכר יראיו** ויתן לו כח והיינו כמתרגם שלמולם **הוא** לבין הליצה (ומבני) דהכא נמי בלופי הוא **ה"ק** בשכר עניו שכיפי לו נהיין יחלצנו ויצילם **מדינה** של גיהנם : ויחלצם . קמ"ד זרוזי הוא מיתליפו כח :

**ר"ג** שוטה מי כתיב ול: ל:ב הלץ מהם כתיב . הוא קבל חליצה מהם ואילו יבמה דהלצי מינה **אחין** שהיינם קבל הימנה מידי משמא אית בה :

**בין רגליה** . בין ירכותיה שבא עליה סיסרא והכוונה יעל כדי ליגעו : כרע נפל שכב . שבעה כתיב בקרא

**ג"ינ**ם אלא הא דכתיב (תהלים לד) חונה מלאך ה' סביב ליראיו ויחלצם . בשכר יראיו יחלצם מדינה של גיהנם . אלא הא דכתיב (ישעיה נח) ועצמותיך יחליץ וא"ר אלעזר זו מעולה שבברכות ואמר רבא זרוזי גרמי אין משמע יבי ומשמע הכי וכו' :

**ג א"ל** ההוא מינא לר"ג עמא דחליץ ליה מארי מיניה דכתיב (הושע ה) בצאנם ובבקרם ילכו לבקש את ה ולא ימצאו חלץ מהם א"ל שוטה מי כתיב חלץ להם חלץ מהם כתיב ואי"ו יבמה דחלצו לה אחין מידי משמא אית בה :

**ד** (דף קג) **א"ר** יוחנן ז' בעילות בעל אותו רשע באותו יום שנאמר (שופטים ה) בין רגליה כרע נפל שכב בין רגליה כרע נפל באשר כרע שם נפל שדוד . והא קא מתהניא מעבירה א"ר יוחנן משום רשב"י כל טובתן של רשעים (שם ע"ב)

רעה

---

זאל האבין כח אוים צו האלטין זיין ערעמקייט . איז דאך דער טייטש יחלץ שטארקין . ענטפערט דיא גמרא יחלץ איז טייטש אויס ציהען : אונ אזוי מיינט דער פסוק וויל דער אז עם מאן האט געליטען ארעמקייט אויף דער וועלט וועט אים גאט אויס ציהען פון גיהנם : פרעגט דיא גמרא עם שטייט אין פסוק עם רוהט אסאך פון גאט ארום דיא מענטשין וואס האבין מורא פאר אים: אונ ער שטארקט זייא . איז דאך ויחלצם דער טייטש שטארקין . ענטפערט דיא גמרא ויחלצם איז טייטש אוים ציהען . אונ אזוי מיינט דער פסוק וויל זייא האבין מורא פאר גאט דריבער וועט ער זייא אוים ציהען פון גיהנם . פרעגט דיא גמרא עם שטייט אין פסוק ועצמותיך יחליץ . האט רבי אליעזר גיזאגט דאס איז דיא בעסטע פון אלע ברכות . ווארום רבא זאגט עצמותיך יחליץ איז טייטש דיינע ביינער וועט ער שטארקין . איז דאך יחליץ דער טייטש שטארקין . ענטפערט דיא גמרא יחליץ איז טייטש שטארקין אונ אוים ציהען . אמאהל טייטשט מען אזוי אונ אמאהל טייטשט מען אזוי :

**ג אמר** . אאפיקורוס האט גיזאגט צו רבן גמליאל איהר זענט אפאלק וואס גאט האט אייך אפ גיטאהן פון זיך . ער וויל אייך ניט פאר אפאלק ווארום עם שטייט אין פסוק מיט זייערע שעפסין אונ מיט זייערע רינדער וועלין זייא גיין זוכען גאט אונ זייא וועלין אים ניט געפינען וייל ער האט זיך אפ גיטאהן פון זייא . האט רבן גמליאל גיזאגט צום אפיקורוס דו נאר . שטייט דען אין פסוק חלץ להם . גאט האט זייא אפ גיטאהן פון זיך גאט וויל ניט דיא יודין . עם שטייט דאך אין פסוק גאט האט זיך אפ גיטאהן פון זייא דיא יודין ווילען ניט דינען גאט . אונ אז דיא ברידער האבין זיך אפ גיטאהן פון דיא יבמה . זייא האבין אראפ גיצויגין דעם שוך פון דער יבמה וייל דיא יבמה וויל ניט מיובם ווערין צוא דיא ברידער . איז דען דאס אנטע חליצה . דער דין פון חליצה איז נאר אז דער יבם וויל ניט מיבם זיין די יבמה . אבער אז דיא יבמה וויל ניט דעם יבם . אונ דער יבם וויל איהר יא מיבם זיין . איז ער איהר מייבם אונ זיא קען ניט ארוים גיין פ—יא פון איהם . דא יזו אויך אזוי ווען גאט וואלט ניט וועלין דיא יודין וואלט מאקי שלעכט גיווען . אבער אז גאט וויל די יודין . נאר די יודין ווילען ניט דינען גאט . וועט זיי גאט נייטין זיי מוזין איהם דינען :

**ד אמר** . רבי יוחנן האט גיזאגט זיבען מאהל האט סיסרא בועל גיוועו די אשה יעל אין דעם טאג : אזוי וויא עם שטייט אין פסוק צווישען איהרע פים . האט ער גיקניט . ער איז גיפאלען . ער איז גילעגין . צווישען איהרע פים . האט ער געקנים . ער איז גיפאלען . ביי דעם לעצטין מאהל אז ער איז שוין מיד גיוועזן . אזוי וויא ער האט געקניט אויף איר . איז ער שוין גיפאלין בערויבט . גיהרגת : פרעגט דיא גמרא האט דאך יעל הנאה גיהאט פון איין עבירה . האט רבי יוחנן גיזאגט

פון

רעה היא אצל צדיקים שנא׳(בראשית לא) השמר לך פן תדבר עם יעקב מטוב עד רע בשלמא רע לחיי אלא טוב אמאי לא אלא ש״מ טובתן של רשעים רעה היא אצל צדיקים. בשלמא התם [דילמא] מדכר ליה שמא דע״ז אלא הכא מאי רעה איכא דקא שדי בה זוהמא דא״ר יוחנן בשעה שבא נחש על חוה הטיל בה זוהמא ישראל שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן אומות שלא עמדו על הר סיני לא פסקה זוהמתן:

בקרא: רעה היא. שבולים הרשעים וקלה וכו׳ גד ק בהגאתן הלכך לאו הנאה היא: שמא דע״ז. למה גנבת את אלהי:

מהו שתחלוץ. בשיפה: יבמה שרקקה דם מהו. ש

ה (דף קג) לוי נפק לקרייתא בעו מיניה גידמת מהו שתחלוץ יבמה שרקקה דם מהו

זה המאמר כתוב ג״כ בירושלמי יותר בארוך והעתקתיו כמ״ש שם וכמ״ש כאן: בני סימוניא אתו לגבי רבי אמרי ליה בעיא תתן לן חד בר נש דריש ודאין וחזן וספר ומתניין ועבד לן כל צרכנן ויהב לון לוי בן סיסי עשו לו בימה גדולה והושיבוהו עליה אתון ושאלון ליה הגידמת במה היא חולצה ולא אניבון (הס״בס) ריקקה דם מהו ולא אניבון אמרין דילמא לית הוא מארי אולפן נשאל ליה אגדתא שאלון באגדתא אתו ואמרו ליה מהו

הדין

---

פון רבי שמעון בן יוחאים וועגן אלע טובות וואס ארשע טוהט דעם צדיק. הייסט דאס בייא דעם צדיק ארעה. ווארום דער צדיק האט פיינט דעם רשע. דריבער ווייל יעל האט פיינט געהאט סיסרא האט זיא פון אים קיין הנאה ניט געהאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו לבן דוא זאלסט דיך היטען טאמער וועסטו ריידין מיט יעקב גוט אדער שלעכט. זאגט דיא גמרא שלעכט איז רעכט וואס גאט האט ניט געהייסין ריידין. אבער גוטס פאר וואס האט גאט ניט געהייסין ריידין. נאר ווייל דיא גוטס פון דיא רשעים איז שלעכטס בייא די צדיקים. דיא צדיקים ווילען ניט דער רשע זאל זייא גוטס טאהן. זאגט דיא גמרא בייא לבן איז רעכט וואס זיין טובה איז געווען ארעה. ווייל ער האט דער מאנט דעם נאמען פון זיין עבודה זרה. ער האט געזאגט צו יעקב פאר וואס האסטו גיגנבת מיין גאט. אונ אין דער תורה שטייט לא ישמע על פיך. דורך דיר זאל ניט גיהערט ווערין דער נאמען פון עבודה זרה אפילו פון אגוי. נאר דא בייא יעל וואס פאר ארעה האט זיא גיהאט פון דעם וואס סיסרא האט איר בועל געווען. ענטפערט דיא גמרא ווייל סיסרא האט ארין גיגעבין אין איר זיינע פאר מיאוסטע זרע. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט ווען דער שלאנג האט בועל געווען חוה. האט ער אין איר ארין גיגעבין זיינע פאר מיאוסטע זרע. דיא יודין ווייל זייא זענען גישטאנען בייא דעם בארג סיני האט אויפגיהערט זייער מיאוסקייט. אונ דיא פעלקער ווייל זייא זענען ניט גישטאנען בייא דעם בארג סיני. האט ניט אויפגיהערט זייער מיאוסקייט:

ה לוי איז אמאהל ארויס גיגאנגען אין דיא דערפער. האט מען בייא איהם גיפרעגט איבמה וואס האט ניט קיין הענט צו מעג זיא אראפ ציהען דעם שוך פון יבם מיט אידרע ציין. נאך האבין זייא איהם גיפרעגט אויב דיא יבמה האט אויס געשפיגען בלוט. איז דאס אגוטע חליצה אדער ניין. דיא מענטשין פון סימוניא זענען גיקומען פאר רבי אונ האבען גיזאגט צוא אים מיר בעטין דוא זאלסט אונז געבין איין מענטש וואס ער זאל זיין אדרשן אונ אדיין אונ אחזן אונ אשרייבער אונ זאל מיט אונז לערנין משניות אונ ער זאל טאהן אלץ וואס מיר דארפין האט ער זייא גיגעבין לוי בן סוסי האבען זייא גימאכט פאר אים אהויכען ארט אונ מען האט אים ארויף גיזעצט אויף דעם ארט. אונ זייא האבען גיפרעגט בייא אים איבמה וואס האט ניט קיין הענט מיט וואס געמט זיא אראפ דעם שוך פון דעם יבם. האט ער זייא ניט גיענפערט. האבען זייא גיפרעגט בייא אים אויב דיא יבמה האט אויס געשפיגען בלוט וויא איז דער דין. האט ער זייא ניט גיענפערט. האבען זיי גיזאגט טאמער האט ער ניט גילערונט דינים. מיר וועלין אים פרעגין אגדתא. האבען זייא

אים

כוס חליצה מעליותא : אבל אגיד לך את הרשום וגו'. מקרא הוא בדניאל בהמלאך אמר לו אגיד לך את כל הנגזר בשמים ורשום בכתב והוא אמת מכלל דאיכא בשמים כתב דאינו אמת בתמיה : מי כתיב וירקה בפניו רוק. דלהוי משמע דלא יהא בה אלא רוק וירקה סתמא כתיב ואפילו רוק ודבר אחר והכא נמי לא אפשר בלא צחצוחית רוק : נכתב

הדין דכתיב (דניאל י) אבל אגיד לך את הרשום בכתב אמת אם אמת לכה רשום ואם רשום לכה אמת ולא אניבון כן כתוב בירושלמי. ובגמרא שלנו נוסחא אחרת הרשום בכתב אמת מכלל דאיכא כתב שאינו אמת לא הוה בידיה ע"כ. ירושלמי אתון לגבי רבי אמרי ליה הדין פיוסא דפייסינך אמר לון חייכון בר נש דכוותי יהבית לכון שלח אייתוהי ושאיל ליה א"ל הגידמת במה היא חולצת א"ל בשיניה ריקקה דם מהו א"ל אם יש בו צחצוחית של רוק כשר. ובגמרא שלנו לא הוה בידיה אתא שאיל בי מדרשא א"ל מי כתיב וחלצה ביד ומי כתיב וירקה רוק ע"כ. מהו הדין דכתיב אבל אגיד לך את הרשום בכתב אמת א"ל עד שלא נחתם גזר דין רשום כשנחתם גזר דין אמת א"ל ולמה לא אתיבינון א"ל עשו לי בימה גדולה והשיבוני עליה וטפת רוחי עלי וקרא עליו (משלי ל) אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה מי גרם לך להתגבל בדברי

---

אים גיפרעגט אנדתא. אונ זייא האבען גיזאגט צוא אים עס שטייט אין פסוק דער מלאך האט גיזאגט צוא דניאל איך וועל דיר זאגין וואס מען האט גוזר גיוועזן אין הימעל אונ עס איז פאר שריבען גיווארין אונ עס איז אמת. נאז מען זאגט דיא פארשריבענע איז אמת. ווערט אוים אז עס איז דא אנדערע פארשריבענע וואס עס איז ניט אמת. איז דען דא אין הימעל וואס ניט אמת. האט ער ניט גיוואוסט צוא ענפערין. אזוי שטייט אין אונזער גמרא: ואונ אין ירושלמי שטייט אנדערש. זייא האבען אים גיפרעגט אז עס איז אמת צוא וואס פאר צייכענט מען. אונ אז מען פאר צייכענט איז דאך דאס נאך ניט אמת. עס קען נאך אנדערש ווערין) האט ער זייא ניט גיענפערט זאגט דער ירושלמי זייא זענין גיקומען צוא רבי אונ האבען גיזאגט צוא אים דאס איז דער מענטש וואס מיר האבען בייא דיר גיבעטין. האט רבי צו זייא גזאגט איך שווער בייא אייער לעבין אז איך האב אייך גיגעבין אמענטש אזוי וויא איך בין. האט רבי געשיקט לוי זאל קומען. האט רבי גיפרעגט בייא לוי איבמה וואס האט ניט קיין הענט מיט וואס נעמט זיא אראפ דעם שוך פון דעם יבם. האט לוי גזאגט מיט דיא ציין. אז דיא יבמה האט אוים געשפייען בלוט וויא איז דער דין. האט לוי גזאגט אויב אין דיא בלוט איז דא שפייאכץ אויך איז דיא חליצה כשר. ואין אונזער גמרא שטייט אנדערש. לוי האט ניט גיוואוסט צוא ענפערין. איז ער גיקומען פרעגין אין בית המדרש. האט מען גיזאגט צוא אים שטייט דען אין פסוק זיא זאל אראפ נעמען דעם שוך פון זיין פוס מיט דיא האנט. עס שטייט נאר זיא זאל אראפ נעמען דעם שוך. מיט וואס זיא קען. האט זיא ניט קיין הענט זאל זיא נעמען מיט דיא ציין. שטייט דען אין פסוק זיא זאל אוים שפייען שפייאכץ. עס שטייט נאר זיא זאל אוים שפייען. וואס זי וועט אוים שפייען איז גינוג: וואס שטייט אין פסוק איך וועל דיר זאגין וואס עס איז פר שריבען גיווארין אמת. האט לוי גזאגט ווען עס איז געשריבען אליין ניט גיחתמת: איז טאקי נאך ניט אמת. עס קען נאך אנדערש ווערין אז מען וועט טאהן תשובה. אונ ווען עס ווערט שוין גיחתמת איז שוין אמת. עס קען שוין אנדערש ניט ווערין. אונ פון שרייבען ביז חתמען ווארט מען טאמער וועט דער מענטש תשובה טאהן: האט רבי גזאגט צוא לוי פר וואס האסטו זייא ניט גיענפערט. אז דוא ווייסט צוא ענפערין. האט לוי גיזאגט זייא האבען גימאכט פון מיינעט וועגין אהויכען ארט. אונ האבען מיך גיזעצט אויף דעם ארט. בין איך בייא מיר גרויס גיווארין. האב איך פאר געסין מיין לערנען. האט רבי גילייענט אויף לוי דעם פסוק אם נבלת בהתנשא ואם זמות יד לפה. אויב דוא ביסט פאר שעמט גיווארין דורך דיא תורה. דאס איז ווייל דוא ביסט בייא זיך גרויס גיוועזן. דריבער האסטו גימוזט פאר

מאבען

בכתב אמת. שהקב"ה מאמתו ומקיימו ולדע תחזו ומנכנע וחותמו אמת: אמר רבה גרסינן וכ"ג ואמר רבא: כשמואל. משמע שאין מצוי בכל עם:

גדברי תורה על שנשאת בהם עצמך ע"כ בירושלמי. ובגמ' שלנו אבל אגיד לך את הרשום בכתב אמת [וכי יש כתב שאינו אמת] לא קשיא כאן בגז"ד שיש עמו שבועה כאן בגז"ד שאין עמו שבועה כדרב שמואל בר אמי דאמר רב שמואל בר אמי א"ר יונתן מנין לגז"ד שיש עמו שבועה שאינו מתקרע שנאמר (ש"א ג) ולכן נשבעתי לבית עלי אם יתכפר עון בית עלי בזבח ובמנחה עד עולם אמר (רבא) [רבה] בזבח ומנחה אינו מתכפר אבל מתכפר הוא בדברי תורה אביי אמר בזבח ובמנחה אינו מתכפר אבל מתכפר בגמילות חסדים. (רבא) [רבה] ואביי מדבית עלי קאתו (רבא) [רבה] דעסק בתורה חיה ארבעין שנין אביי דעסק בתורה ובגמילות חסדים חיה שיתין שנין. ת"ר משפחה אחת היתה בירושלים שהיו מתים כבן י"ח שנה באו והודיעו את רבן יוחנן בן זכאי אמר להם שמא ממשפחת עלי אתם שנא' (שם ב) וכל מרבית ביתך ימותו אנשים לכו ועסקו בתורה ותחיו הלכו ועסקו בתורה וחיו והיו קורין אותם משפחת יוחנן על שמו. אמר רב שמואל בר אוניא אמר רב מנין לגזר דין של צבור שאינו נחתם אינו נחתם והכתיב (ירמיה ב) כי אם תכבסי בנתר ותרבי לך בורית נכתם עונך לפני אלא מנין שאפילו נחתם מתקרע שנא' (דברים ד) מי כה' אלהינו בכל קראנו אליו

והכתיב

---

מאכען מיט דיין האנט דאס מויל: אונ גאר ניט ענטפערין ובין דא שטייט אין ירושלמי. אונ אין אונזער גמרא שטייט אזוי: רבי האט גיפרעגט ביא לוי וואס מיינט דער פסוק איך וועל דיר זאגין וואס עס איז פאר שריבען געווארן אונ עס איז אמת: איז דען דא אין הימעל געשריבען וואס עס איז ניט אמת. נאר עס איז ניט קיין קשיא אז גאט איז גוזר אגזרה אונ ער שווערט עס זאל אזוי זיין. דאס איז אמת: עס וועט שוין אנדערש ניט ווערין. אבער אז עס איז נאר אגזרה אן אשבועה. איז דיא גזרה נאך ניט אמת: אז מען וועט טאהן תשובה וועט דיא גזרה בטל ווערין. אזוי וויא רב שמואל בר אמי האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין: פון וואנען ווייסען מיר אז אגזרה מיט אשבועה ווערט ניט צוריסען. ווארום עס שטייט אין פסוק דדיבער האב איך גישווארין צוא דיא משפחה פון עלי אויב עס וועט פאר געבין ווערין דיא זינד פון עלים קינדער מיט קרבנות אונ מיט מנחות ביז אייביג. רבה זאגט מיט קרבנות אונ מיט מנחות וועט זייער זינד ניט פאר געבין ווערין: אבער מיט תורה לערנען וועט זייער זינד פאר געבין ווערין. אביי זאגט מיט קרבנות אונ מיט מנחות וועט זייער זינד ניט פאר געבין ווערין. אבער מיט גמילות חסדים וועט זייערע זינד פאר געבין ווערין. רבה אונ אביי זענין פון עלים משפחה. רבה האט נאר גילערנט תורה האט ער גילעבט פערציג יאהר. אביי האט גילערנט תורה אונ האט גיטאהן גמלות חסדים האט ער גילעבט זעכציג יאהר. דיא רבנן האבען גילערנט אין ירושלים איז גיוועזן אמשפחה ווס זייא זענין גישטארבין צוא אכטצעהן יאהר. האט מען דאס גזאגט פאר רבן יוחנן בן זכאי האט רבן יוחנן גיזאגט צוא זייא טאמער זענט איר פון עלים משפחה: וואס אויף עלי איז גזאגט גיווארין אלע מענטשין פון דיין הויז וועלין שטארבין יונג. גייט לערנט תורה וועט איר לעבין. זענין זייא גיגאנגען אונ האבין גילערנט תורה אונ האבין לאנג גילעבט: האט מען זייא גירופען דיא משפחה פון יוחנן: אויף דעם נאמען פון רבן יוחנן: רב שמואל בר אוניא האט גיזאגט פון רבם וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט גוזר גיוועזן אגזרה אשלעכטע אויף פיל מענטשין. ווערט דיא גזרה ניט גיחתמת. פרעגט דיא גמרא זיא ווערט ניט גחתמת עס שטייט דאך אין פסוק אפילו דוא וועסט דיך וואשין מיט זייף. אונ אפילו מיט פיל זייף פון דעסטוועגין איז דיין זינד פאר פלעקט פאר מיר: נאר אזוי מיינט מען פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט גוזר גיוועזן אשלעכטע גזרה. אפילו זיא איז שוין גיחתמת

גיווארין

עיניו למטה. כלפי ארץ ישראל משום דשכינה שם קיימא דכתיב, והיו עיני ולבי שם: אתא דבי למתיבתא. למדרש ולגמר כל חד למיתב לדוכתיה: ר' ישמעאל בר' יוסי. בעל בשר היה כדאמרינן בהשוכר את הפועלים: מפסע ואזיל. פוסע והולך. אבדן תלמידו של רבי היה (וכירושלמי אבא יוחן ואבדן ליסנא קיוצא כך איתא בתוספתא): מקלים

והכתיב (ישעיה נה) דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב לא קשיא הא ביחיד הא בצבור ויחיד אימת אמר רב נחמן אמר רבה בר אבוה אלו עשרה ימים שבין ר"ה לי"ה:

ך (ע"ב) רבי חייא ור"ש בר רבי הוו יתבו פתח חד מנייהו ואמר המתפלל צריך שיתן עיניו למטה שנא' (מ"א ט) והיו עיני ולבי שם כל הימים. וחד אמר עיניו למעלה שנא' (איכה ג) נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים. אדהכי אתי ר' ישמעאל בר' יוסי לגבייהו אמר להו במאי עסקיתו אמרו ליה בתפלה אמר להו כך אמר אבא המתפלל צריך שיתן עיניו למטה ולבו למעלה כדי שיתקיימו שני מקראות הללו. אדהכי אתא רבי למתיבתא אינהו דהוו קלילי (עול) יתבי בדוכתיהו ר' ישמעאל בר' יוסי אגב יוקריה הוה מפסע ואזיל א"ל אבדן מי הוא זה שמפסיע על ראשי עם קדש א"ל אני ישמעאל בר' יוסי שבאתי ללמוד תורה מפי רבי א"ל וכי אתה הגון ללמוד תורה מפי רבי א"ל וכי משה ראוי היה ללמוד תורה מפי הגבורה א"ל וכי משה אתה א"ל וכי רבך אלהים הוא אמר רב יוסף

---

געוואָרין. אז מען טוהט תשובה ווערט דיא גזרה צוריסען: ווארום עס שטייט אין פסוק פער איז אזוי וויא אונזער גאט וואס ער ענטפערט אונז ווען מיר רופען צוא אים. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק פארשט גאט ווען ער ווערט גיפונגען: רופט אים ווען ער איז נאנט: זעהן מיר דאך אז עס איז דא צייטין וואס גאט ווערט ניט גיפונגען אונ ער איז ניט נאנט צום מענטשין. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. צוא איין מענטש אז ער בעט איז גאט ניט נאנט צוא יעדער צייט. אבער צוא פיל מענטשין וואס בעטין איז גאט נאנט צוא יעדער צייט אונ אז איינער בעט ווען איז גאט צו אים נאנט: האט רב נחמן גזאגט פון רבה בר אבהום ווענין דיא צעהן טעג וואס צווישען ראש השנה אונ יום כפור ענטפערט גאט צו אלע מענטשין:

ך רבי חייא אונ רבי שמעון בר רבי זענין גיזעסין. האט איינער פון זייא גיזאגט דער וואס דאווינט דארף ער קוקען מיט דיא אויגען געגין ארץ ישראל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט מיינע אויגען אונ מיין הארץ וועלין זיין אייביג דארט. אין ארץ ישראל. אונ איינער זאגט ער דארף קוקען מיט דיא אויגען ארויף צום הימעל: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מיר וועלין אויף הייבין אונזער הארץ צוא דיא הענט צוא גאט אין הימעל. דער ווייל איז גיקומען צוא זייא רבי ישמעאל ברבי יוסי. אונ האט גיזאגט צו זייא פון וואס שמועסט איר. האבען זייא גיזאגט צו אים פון דאווענען. האט רבי ישמעאל צו זייא גזאגט אזוי האט מיין פאטער גזאגט דער וואס דאווינט דארף ער קוקען מיט דיא אויגען געגין ארץ ישראל אונ דיא הארץ זיינע דארף זיין צום הימעל צוא מקיים זיין ביידע פסוקים. דער ווייל איז רבי גיקומען אין דער ישיבה: האט יעדער גידארפט קומען זיצען אויף זיין ארט. רבי חייא אונ רבי שמעון וואס זייא זענין גיוועהן גרינגע מענטשין זענין שוין גיזעסין אויף זייערע ערטער. רבי ישמעאל ברבי יוסי ווייל ער איז גיוועהן א שווערער מענטש האט ער אפעלאך גיטרעטין. אונ אז אלע תלמידים זענין שוין גיזעסין אויף דיא ערד אונ רבי ישמעאל האט גידארפט גיין צווישען זייא ביז ער וועט קומען אויף זיין ארט: האט דאס איט גיזעהן אזוי וויא ער וואלט גיטרעטין אויף זייערע קעפ. האט אבדן א תלמיד פון רבי גיזאגט צוא רבי ישמעאל ווער איז דאס דער וואס טרעט אויף דיא קעפ פון די היילינע פאלק. האט רבי ישמעאל גיענטפערט דאס בין איך ישמעאל ברבי יוסי איך בין גיקומען לערנען תורה ביי רבי. האט אבדן גיזאגט צו רבי ישמעאל דו ביסט דען ווערט צו לערנין תורה ביי רבי.

האט

יוסף שקליה רבי למטרפסיה דקא"ל רבך ולא רבי אדדבי אתת יבמה לקמיה דרבי (לנ חליץ) א"ל ר' לאבדן פוק בדקה לבתר דנפק א"ל ר' ישמעאל בר' יוסי כך אמר אבא איש כתיב בפרשה אבל אשה בין גדולה בין קטנה א"ל (רבי לאבדן תוב אדוכתיך) [תא] לא צריכת כבר הורה זקן קא מפסע אבדן ואתי א"ל ר' ישמעאל בר"י מי שצריך לו עם קדש יפסע על ראשי עם קדש מי שאין לו צורך עם קדש היאך יפסע על ראשי עם קדש א"ל רבי לאבדן קום בדוכתיך. תנא באותה שעה נצטרע אבדן וטבעו שני בניו ומיאנו שתי כלותיו אמר רב נחמן בר יצחק בריך רחמנא דכספיה לאבדן בהאי עלמא:

שקליה רבי למטרפסיה. לגמולו של שמשו ולא מיתה: פוק בדקה. אם הביאה שתי שערות: לא צריכת. למבדקה: כבר הורה זקן. ר' יוסי: נצטרע אבדן. עונשו של לשון הרע נגעים: מגלי

## בית שמאי פרק שלשה עשר

א (דף קס) תני בר קפרא אומר לעולם ידבק אדם בג' דברים ויתרחק מן ג' דברים ידבק

---

האט רבי ישמעאל געזאגט צו אבדן משה איז ווערט געווען צוא לערנען תורה פון גאט. האט אבדן געזאגט צו רבי ישמעאל ביכטו דען משה. האט רבי ישמעאל געזאגט צו אבדן איז דען דיין רבי גאט. האט רב יוסף געזאגט רבי האט שוין אפ גינומען זיין גיצ אהלט וויל ער האט גיהערט מייער קריג און ער האט געשוויגען; ווארום וייל רבי ישמעאל האט געזאגט צו אבדן איז דען דיין רבי גאט. און ער האט ניט געזאגט מיין רבי. דער ווייל איז גיקומען איבמה פאר רבי צוא נעמען חליצה. האט רבי געזאגט צוא אבדן גייא זעה אויב זיא האט שוין צווייא האר ארום דיא ערוה: דער נאך וויא אבדן איז ארויס גיגאנגען; האט רבי ישמעאל ברבי יוסי געזאגט צוא רבי אזוי האט מיין פאטער געזאגט אין דער פרשה פון חליצה שטייט נאר איש: דער יבם וואס ניט חליצה דארף זיין אגרויסער ועלטער וויא דרייצעהן יאהר. אבער דיא אשה וואס נעמט חליצה מעג זיין אגרויסע אדער אקליינע. דריבער דארף אבדן נאר ניט גיין זעהן אויב זיא האט שוין האר. האט רבי געזאגט צו אבדן גיי צוריק דיך אויף דיין ארט דוא דארפסט שוין ניט גיין צוא דיא יבמה, ווארום אזוי האט גיפסקנת דער אלטער רבי יוסי. האט אבדן גיוואלט טרעטין צווישען דיא תלמידים און גיין אויף זיין ארט. האט רבי ישמעאל ברבי יוסי געזאגט צוא אבדן דער מענטש וואס דיא הייליגע פאלק דארפין איהם אזוי וויא מיך; מעג ער טרעטין אויף דיא קעפ פון דיא הייליגע פאלק. דער מענטש וואס דיא הייליגע פאלק דארפין איהם ניט (אזוי וויא דיך). וויא אזוי מעג ער טרעטין אויף דיא קעפ פון דיא הייליגע פאלק. האט רבי געזאגט צוא אבדן שטייא אויף דיין ארט. מיר האבען גילערונט אין דער צייט וואס אבדן איז דא גישטאנען איז ער קרעציג גיווארין. און זיינע צווייא זיהן זענען דער טרונקען גיווארין: און זיינע צווייא שניר ודיא ווייבער פון דיא דער טרונקענע האבען ניט גיוואלט וואהנען מיט זייערע שוואגערס. זייא האבען ניט גיוואלט מיובם ווערין. וזייא זענען גיווען קליינע. פאר צוועלף יאהר. און יתומות. און זייא זאגין זייא ווילען ניט דעם מאן אדער זייא ווילען ניט דעם יבם. דארפין זייא ניט קיין גט און ניט קיין חליצה; ווערט ניט בלייבען קיין אדיינקונג אויף דער וועלט פון די זייא דער טרונקענע זיהן עיין מהרש"א); האט רב נחמן בר יצחק געזאגט געלויבט איז גאט וואס ער האט פאר שעמט אבדן אויף דער וועלט; ער זאל ניט דארפין גישטראפט ווערין אויף יענע וועלט:

## פרק שלשה עשר

א תני. בר קפרא האט גילערנט אייביג זאל זיך א מענטש בהעפטין אין דריי זאכען און

ידבק בג' דברים בחליצה ובהבאת שלום ובהפרת נדרים בחליצה כאבא שאול דתניא אבא שאול אומר הכונס את יבמתו לשם נוי לשם אישות לשם דבר אחר כאלו פוגע בערוה וקרוב בעיני להיות הולד ממזר. בהבאת שלום דכתיב (תהלים לד) בקש שלום ורדפהו (שם ע"ב) וא"ר אבהו אתיא רדיפה רדיפה כתיב הכא בקש שלום ורדפהו וכתיב התם (משלי כא) רודף צדקה וחסד ימצא חיים צדקה וכבוד. בהפרת נדרים כר' נתן דתניא ר' נתן אומר הנודר כאלו בנה במה והמקיימו כאלו הקריב עליה קרבן. ויתרחק מג' דברים מן המאונים ומן הפקדונות ומן הערבונות. מן המאונים דלמא גדלה וכחרטא בה מן הפקדון כבר מתא דביתיה כי ביתיה דמי מן הערבונות בערבי שלציון דאמר רבי יצחק

אבא שאול. פי' הכונס את יבמתו לשם נוי וכו': וא"ר אבהו. במסכת קדושין: אתיא רדיפה רדיפה. תשלום שכר גדול להבאת שלום שאוכל פירותיהן בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא כגמילות חסדים דכתיב בהו ימצא חיים צדקה וכבוד צדקה בעוה"ב וכבוד בעוה"ז: כאלו בנה במה. בשעת איסור הבמות דחוטא הוא דכתיב וכי תחדל לנדור וגו' הא אם לא תחדל יהיה בך חטא: כאלו הקריב קרבן. שעבר עליו שתי עבירות אלא ילך אצל חכם ויתירנו כדי שלא יהא רגיל בכך: מן הערבונות. שלא יהא ערב: בבר מתא. לא יקבל פקדון מבן עירו: דביתיה כי ביתיה דמי. שרגיל אצלו ויטול את שלו ויחזור ויתבענו

מ"ד

אוּנ זָאל זִיךְ דֶער וַוייטֶערִין פוּן דְרַייא זַאכֶען. עֶר זָאל זִיךְ בַּהֶעפְטִין אִין דְרַייא זַאכֶען. צוּא גֶעבִּין חֲלִיצָה. אוּנ צוּא מַאכֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען מֶענְטְשִׁין וָואס קְרִיגֶען. אוּנ צוּא מַתִּיר זַיין אַנֶדֶר. פַאר וָואס זָאל עֶר גֶעבִּין חֲלִיצָה. אַזוֹי וְויא אַבָּא שָׁאוּל הָאט גְזָאגְט. וָוא־וּם מִיר הָאבִּין גִילֶערוּנְט אַבָּא שָׁאוּל הָאט גְזָאגְט דֶער וָואס הָאט חֲתוּנָה מִיט אַיִבָמָה וַוייל זִיא אִיז שֵׁיין אָדֶער וַוייל עֶר וִויל זִיא גֶעמֶען פַאר אַווייבּ אָדֶער זִיא גִיפֶעלְט אִים וֶוענִין אֵיין אַנְדֶער זַאךְ. קוּמְט אִים כָּרֵת גְלַייךְ וִויא זִיא וָואלְט אוֹיף אִים אָסוּר גִיוֶוען. אוּנ עֶס אִיז בַּייא מִיר נָאנְט צוּא זָאגִין אַז עֶר וֶועט מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבֶּען אוּנ זִיא וֶועט הָאבִּין אַקִינְד וֶועט זַיין אַמַמְזֵר: דְרִיבֶּער אִיז גְלַייכֶער מֶען זָאל נִיט מְיַבֵּם זַיין. נָאר חֲלִיצָה גֶעבִּין. מֶען זָאל מַאכֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען מֶענְטְשִׁין וָואס קְרִיגֶען. אַזוֹי וְויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ. זוּךְ שָׁלוֹם אוּנ יָאג אִים נָאךְ. הָאט רַבִּי אַבָּהוּ גְזָאגְט מֶען לֶערִינְט אַגְּזֵרָה שָׁוָה רְדִיפָה רְדִיפָה. דָא שְׁטֵייט בַּקֵּשׁ שָׁלוֹם וְרָדְפֵהוּ. אוּנ דָארְט שְׁטֵייט רוֹדֵף צְדָקָה וָחֶסֶד יִמְצָא חַיִּים צְדָקָה וְכָבוֹד. אַזוֹי וְויא דֶער וָואס יָאגְט נָאךְ צוּא גֶעבִּין צְדָקָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים וֶועט עֶר גֶעפִינֶען לֶעבִּין אוּנ דַייא כְּקִיט צוּא גֶעבִּין צְדָקָה. אוּנ וֶועט הָאבֶּען כָּבוֹד. אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זוּכְט צוּ מַאכֶען שָׁלוֹם. וֶועט עֶר אוֹיךְ גֶעפִינֶען לֶעבִּין. אוּנ דַייכְקַייט צוּ גֶעבִּין צְדָקָה. אוּנ וֶועט הָאבֶּען כָּבוֹד. דְרִיבֶּער בַּארְף זִיךְ אַמֶענְטְשׁ בַּהֶעפְטִין אִין דֶער מִדָּה צוּ מַאכֶען שָׁלוֹם. צוּ מַתִּיר זַיין אַנֶדֶר. אַזוֹי וְויא רַבִּי נָתָן הָאט גְזָאגְט. וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי נָתָן זָאגְט דֶער וָואס זָאגְט אַנֶדֶר אִיז גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט גִיבָּאהְט אַבָּמָה. אוּנ דֶער וָואס אִיז מְקַיֵּים דֶעם נֶדֶר אִיז גְלַייךְ וְויא עֶר וָואלְט מַקְרִיב גִיוֶועזֶען אַקָּרְבָּן אוֹיף דֶער בָּמָה. הָאט עֶר גִיטָאן צְווֵייא עֲבֵירוֹת. דְרִיבֶּער זָאל זִיךְ אַמֶענְטְשׁ דֶער וַוייטֶערִין פוּן צוּ טָאן אַנֶדֶר. אוּנ אוֹיבּ עֶר הָאט גִיטָאן אַנֶדֶר זָאל עֶר גֵיין צוּ אַחָכָם עֶר זָאל אִים מַתִּיר זַיין דֶעם נֶדֶר. מֶען זָאל זִיךְ דֶער וַוייטֶערִין פוּן דְרַייא זַאכֶען. מֶען זָאל נִיט נֶעמֶען אַווייבּ וָואס אִיז אַרְט וֶוייניגֶער וִוי צְווֶועלְף יָאר. אוּנ עֶר זָאל נִיט אָן נֶעמֶען צוּא הִיטֶען אַפְּרֶעמְדֶע זַאךְ. אַז אֵיינֶער בָּארְגְט גֶעלְט בַּייא זַיין חָבֵר. לְמָשָׁל רְאוּבֵן בָּארְגְט גֶעלְט בַּיי שִׁמְעוֹן. זָאל מֶען נִיט זָאגִין צוּא שִׁמְעוֹן אוֹיבּ רְאוּבֵן וֶועט דִיר נִיט בְּצָאהְלִין וֶועל אִיךְ דִיר בְּצָאהְלִין. פַאר וָואס זָאל מֶען נִיט נֶעמֶען אַווייבּ וָואס אִיז אַלְט פַאר צְווֶועלְף יָאהר: וַוייל מָאמֶער אַז זִי וֶועט גְרוֹיס וֶוערִין וֶועט זִי חֲרָטָה הָאבִּין אוּנ וֶועט זָאגִין זִי וִויל נִיט דֶעם מַאן. וֶועט זִי שׁוֹין קֶענִין אַוֶועקְגֵיין פוּן אִיהם אוּנ וֶועט נִיט דַארְפִין קֵיין גֵט. פַאר וָואס זָאל מֶען נִיט הִיטֶען אַפְרֶעמְדֶע זַאךְ. דָאס אִיז נָאר אַז זֵייא וֶוענִין בֵּיידֶע אִין אֵיין שְׁטָאט. אִיז זַיין חָבֵר אֵיין אוּנ אַיינְגֵייעֶר צוּ אִיהם אִין שְׁטוּבּ. וֶועט עֶר אַרוֹיס גֶנֶבְנִין דִי זַאךְ וָואס עֶר הָאט גִיגֶעבִּין צוּ הִיטֶען. אוּנ דֶער נָאךְ וֶועט עֶר אִיהם מָאנֶען עֶר זָאל אִיהם דִי זַאךְ צוּרִיק גֶעבִּין. וֶועט עֶר מוּזִין בְּצָאהְלִין. מֶען זָאל נִיט זַיין קֵיין עָרֵב. דָאס מֵיינְט מֶען בַּיי אֲעָרֵב פוּן צִיוֹן וְועיין מהרש"א. וָוארוּם רַבִּי

יצחק

מ"ד (משלי יא) רע ירוע כי ערב זר רעה אחר רעה תבא למקבלי גרים ולערבי שלציון ולתוקע עצמו לדבר הלכה מקבלי גרים כר' חלבו דא"ר חלבו קשים גרים לישראל כספחת בעור. ערבי שלציון דעבדי שלוף דוץ. תוקע עצמו לדבר הלכה דתניא ר' יוסי אומר כל האומר אין לו תורה אין לו תורה פשיטא אלא כל האומר אין לו אלא תורה אין לו אלא תורה הא נמי פשיטא אלא דאפי' תורה אין לו מ"ט אמר רב פפא אמר קרא (דברים ה) ולמדתם ועשיתם כל שישנו בעשיה ישנו בלמידה כל שאינו בעשיה אינו בלמידה ואבע"א לעולם כדקאמרת מעיקרא כל האומר אין לו אלא תורה אין לו אלא תורה ודקאמרת הא נמי פשיטא לא צריכא דקא מגמר לאחרינא ואזלי ועבדי מהו דתימא אית ליה אגרא

ויתבעט: רע ירוע. רעה אחר רעה: כי ערב זר. שמערב גרים זרים בישראל והנכנס בערבון נמי משמע: ולתוקע עצמו. וסיפא דקרא ושונא תוקעים בוטח וכולה מפרש לה: קשים גרים. שאין בקיאין בדקדוקי מצות ולמדין ישראל ממעשיהן: כספחת. לישנא דקרא נקט ונלוה הגר עליהם ונספחו על בית יעקב: שלציון. שם מקום שמניחין הלוה ותופסין הערב ל"א שלציון קוראים שם הערבון על שם נוטריקון שלוף דוץ שולף עצמו מן הלוה ותוקע (ודן) עצמו על הערב: דוץ לשון תוקע כדאמרינן דלה ושלפה: תוקע עצמו לדבר הלכה. שאומר הריני שונה ואיני מקיים ואקבל שכר תלמוד: אין לו תורה. אינו עוסק בתורה: אין לו תורה. אינו מקבל שכר תלמוד תורה: אין לו אלא תורה. אינו עוסק בשום מצוה בעולם אלא בתורה אינו מקבל עליהם שכר אלא שכר תלמוד תורה: אפילו תורה. אפילו שכר לימוד אין לו: ואבע"א כדמעיקרא. אין לו אלא תורה ודקאמרת הא נמי פשיטא לא צריכא וכו': אית ליה אגרא. דעביד

---

יצחק האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק רע ירוע כי ערב זר: איין שלעכץ נאך די אנדערע זאל קומען צוא דיא מענטשין וואס נעמען צו גרים צווישען יודין. איז דער טייטש כי ערב זר. וואס מען האט אריין געמישט פרעמדע מענטשין צווישען יודין. אונ איין שלעכץ נאך די אנדערע זאל קומען צו דעם ערב פון ציון. צו דעם מענטשין כי ערב זר. וואס ער שטייט גוט פאר אפרעמדין. אז דער פרעמדער וועט ניט בצאהלין זאל ער בצאהלין: אונ איין שלעכץ נאך דיא אנדערע זאל קומען לתוקע עצמו לדבר הלכה צו דעם מענטש וואס ער זאגט איך וועל לערנען תורה אונ וועל ניט מקיים זיין: וועל איך האבין שכר פאר דעם לערנען אליין. פאר וואס זאהל מען ניט צוא נעמין קיין גרים. אזוי וויא רבי חלבו האט גיזאגט גרים זענין שלעכט צו יודין אזוי וויא קרעץ צום לייב: ווייל גרים ווייסין ניט אזוי גוט די דינים. אונ זיי זענין נאך גיוואוהנט פון פריער ווען זיי זענין גיוועזן גוים: אונ די יודין וואס וואוהנען מיט זיי צו זאמען לערנין זיך אפ פון זיי די שלעכץ מעשים און ווערין זיא גישטראפט. וואס איז דער ערב פון ציון: אין ציון גייט ניט דער מלוה ווס האט פר בארגט מאנען ביא דעם לוה וואס האט גיבארגט: נאר ער גייט גלייך מאנען ביי דעם ערב. וואס ער איז גוט גישטאנען פאר דעם לוה. דריבער זאל ניט גוטשטיין איינער פאר דעם אנדערין. מיר האבין גילערנט רבי יוסי זאגט דער וואס זאגט ער וועט ניט לערנען תורה. האט ער ניט קיין שכר פאר תורה לערנען. פרעגט דיא גמרא געווים. אז ער האט ניט גילערנט וויא אזוי זאל ער האבין שכר פאר לערנען. נאר אזוי מיינט רבי יוסי דער וואס זאגט ער וועט ניט טאהן קיין מצוה נאר ער וועט לערנען תורה האט ער ניט קיין שכר פון קיין מצוה נאר פון תורה לערנען. פרעגט דיא גמרא דאס איז דאך אויך געווים. אז ער האט ניט גיטאהן קיין מצות וויא אזוי זאל ער האבין שכר פאר מצות. נאר אזוי מיינט מען אפילו שכר פאר תורה לערנען האט ער אויך ניט. פאר וואס. האט רב פפא גיזאגט עס שטייט אין פסוק ולמדתם ועשיתם. איר זאלט לערנען אונ טאהן מיינט מען איר זאלט לערנען צום טאהן: דער וואס טוהט מצות קומט אים שכר פאר לערנען אויך. אונ דער וואס טוהט ניט קיין מצות קומט אים פאר לערנען אויך ניט קיין שכר, אונ אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין רבי יוסי מיינט טאקי אזוי וויא מיר האבין פריער גיזאגט דער וואס זאגט ער וועט ניט טאהן קיין מצות נאר ער וועט לערנען תורה. האט ער ניט קיין שכר פון קיין מצוה נאר פון תורה לערנען: אונ וואס דו האסט גיפרעגט דאס איז דאך אויך געווים. אז ער האט ניט גיטאהן קיין מצות וויא אזוי זאל ער האבין שכר פאר מצות. אזוי מיינט מען אפילו ער האט גילערנט תורה מיט אנדערע מענטשין: אונ די מענטשין האבין גיטאהן מצות: וואלט איך מיינען ער זאל אויך האבין

אגרא לדידיה קמ"ל. ואבע"א תוקע עצמו לדבר הלכה בדינא דאתי דינא לקמיה וגמר הלכה וכדמי מילתא למלתא ואית ליה רבה ולא אזיל כשאיל דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן לעולם יראה דיין עצמו כאלו חרב מונחת לו בין ירכותיו וגיהנם פתוח לו מתחתיו שנאמר (שה"ש ג) הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל וגו׳ מפחד בלילות מפחד של גיהנם שדומה ללילה:

ועשיה: וגמר הלכתא. יודע הלכה [אלא] שאין דומה דין הבא לפניו כ"כ ומ"מ מדמה מילתא למילתא ולא משאיל לרבים היינו תוקע שסומך ונשען על ההלכה שהוא יודע: גבורים. דיינים: כשלמה. שכשלום שלו: מטתו. בית המקדש משם לשכת הגזית:

מן דו גופים ב׳ כל דהו בעל: דשומשמנא גברא. נון כנמלה: כורכה בי הרתא רמיא. מחזקת עצמה כנשואה ומותרת כבלה אלא חשובות מורות כארץ: דנפצא. אומנותו מאוסה מנפץ צמר: דקולסא גברא. שמן פסול משפחה: טלפחי. עדשים שהוא מאכל קל ואין הכרון כיס כ"כ אינס שואלת ממנו אך יקרא שמו עליה:

# האשה שלום פרק חמשה עשר

**א** (דף קיח ע"ב) **א"ל** רבינא לרבא דמזכה גט לאשתו במקום קטטה מהו כיון דא"ת ליה רטטה בהדה זכות הוא לה או דילמא ניחא דגופה עדיף לה ת"ש דאר"ל טב למיתב טן דו מלמיתב ארמלו אביי אמר דשומשמנא גברא כורכה בי חרתא רמו לה רב פפא אמר דנפצא גברא תיקרי בסיפי בבא ותיתיב רב אשי אמר דקולסא

---

האבין שכר פון מצות. זאגט אונז רבי יוסי אז ער האט ניט קיין שכר פון מצות. נאר פון תורה לערנען אליין נעמט ער שכר. אונז אז דו ווילסט וועל איך דיר זאגען תוקע עצמו לדבר הלכה מיינט מען אדיין וואס פאר אים איז גיקומען אין תורה. אונ ער האט גילערונט דינים. אונ ער פאר גלייכט דעם דין וואס ער דארף פסקנען צו דעם דין וואס ער האט גילערונט אין חשן משפט: אונ ער האט ארבי אונ ער גייט ניט פרעגן בייא זיין רבי אויב דער דין איז ריכטיג גלייך צו דעם דין וואס ער האט גילערונט: אויף דעם דיין וועט קומען איין שלעכץ נאך דיא אנדערע: ווארום רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן ווענין אדיין זאל אייביג זעהן וויא אשווערד ליגט צווישען זיינע פיס אונ דער גיהנם איז האפין אונטער אים. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא בעט פון שלמה דאס מיינט מען דעם בית המקדש פון גאט דארט זענען גיווען זעכציג שטארקע מענטשין דיא שטארקסטע פון יודין דאס מיינט מען דיא דיינים וואס זענען גיזעסין אין לשכת הגזית יעדער האט גיהאלטין אשווערד בייא זיין זייט. פאר דיא שרעק פון בייא נאכט. פאר דיא שרעק פון גיהנם וואס ער איז פינסטער וויא דיא נאכט ועיין ברי"ף ומהרש"א:

## פרק חמשה עשר

**א** אמר: רבינא האט גיזאגט צו רבא אז אמאן איז צו קריגט מיט זיין ווייב אונ דער מאן האט גיזאגט צו איינעם זייא זוכה דעם גט פאר מיין ווייבם וועגין: וויא איז דער דין. ווייל ער איז מיט איר אין קריג איז דער גט פאר איר אטובה: קען איין אנדערער זוכה זיין דעם גט פון איר וועגין. ווארום מען קען טאהן אמענטשין אטובה אפילו ער ווייס ניט: אדער גיין אפילו זיא איז מיט אים אין קריג פון דעסטוועגין היל זיא דאך ער זאל זיין איר מאן איז זיא ניט גיגט. זאגט דיא גמרא דאס איז ניט קיין גט ווארום ריש לקיש האט גיזאגט עס איז בעסער צו זיצען צווייא מענטשין בעזאמען וויא צו זיצען אליין. אביי זאגט אז אאשה האט אמאן אזוי גרויס וויא אמילב שטעלט מען איר שוין אשטוהל צווישען דיא גרעסטע ווייבער. רב פפא זאגט אפילו אאשה רט אמאן וואס בארשט וואל נעבט זיא אשטוהל אונ זיצט אויף דיא גאס בייא דיא שוועל פון איר שטוב. רב אשי זאגט אז אאשה האט אמאן אפילו ער איז פון אמיאוסה פאמיליע פון דעסטוועגין בעלאנגט זיא ניט פון אים אפילו ארבעס צום קאכין.

אבי

דקולסא גברא לא בעיא מלפתי לקידרא תנא וכולן מזונות ותולות בבעליהן:

## האשה בתרא פרק ששה עשר

**א** (דף קכ) **מתני'** אין מעידין אלא על פרצוף פנים עם החוטם וכו': **גמ'** ת"ר פדחת ולא פרצוף פנים פרצוף פנים ולא פדחת אין מעידין עד שיהיו שניהם עם החוטם אמר אביי ואיתימא רב כהנא מאי קראה (ישעיה ג) הכרת פניהם ענתה בם אבא בר מרתא דהוא אבא בר מניומי הוו מסקי ביה דבי ריש גלותא זוזי אייתי קירא דבק בבלייתא דבק באפותיה חלף קמייהו ולא בשקרוה:

**ב** (דף קכא) **ההוא** גברא דטבע באגמא דסמקי אנסיב רב שילא לדביתהו א"ל רב לשמואל תא נשמתיה א"ל נשלח ליה בו"ש שלחו ליה מים שאין להם סוף אשתו אסורה או מותרת שלח להו אשתו אסורה ואגמי דסמקי מים שיש להם סוף או

אין מעידין. על האיש שמת אא"כ ראוהו עם פרצוף פניו עם החוטם שיכולין להכירו שזהו וכו': פדחת. מצח: הכרת פניהם ענתה בם. כשיש בה חכמה אין עדות בשלא גוף אלא בהיכר פנים: קירא. שעוה: דבק בבלייתא. דבקה במטע מטלית בלויה: בלייתא. בגד בלוי: באפותיה. במצחו:

אגמא דסמקי. אגם של אותו מקום: אגם. מרש"ק בלע"ז עומד במקומו ואינו מים חיים: כמים שיש להם סוף דמי. שאינו יכול לשוט על [פניהם] למרחוק הלכך אם איתא דסליק

---

אבי ער איז נאר אמאן. מיר האבין גילערונט דיא אלע ווייבער וועגען מזונה אונ אז זייא האבין אקינד זאגין זייא דאס איז פון זייערע מאנען:

## פרק ששה עשר

**א** מתניתין. אין. אז מען האט גיזעהן אגישטארבענעם מענטש וואס ער האט נאך גיהאט דעם גאנצין פנים מיט דעם נאז. מעג מען עדות זאגין אויף אאשה אז איר מאן איז גישטארבין אונ זיא מעג נעמען אמאן. דיא גמרא זאגט דיא רבנן האבין גילערונט אז מען האט גיזעהן דעם שטערין. אונ ניט דעם פנים. אדער מען האט גיזעהן דעם פנים אונ ניט דעם שטערין טאר מען ניט עדות זאגין אז דאס איז דער מענטש וואס זייא מיינען. ווארום מען קען אטעות האבין. ביידין מען זאל זעהן דעם גאנצין פנים מיט דעם שטערין מיט דעם נאז. קען מען דער קענען ווער דער מענטש איז גיוועזן: אביי זאגט אנדערע זאגין רב כהנא האט גיזאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק דיא דער קענונג פון זייער פנים האט עדות גיזאגט אויף זייא. דיא מענטשין פון ריש גלותא האבין גימאנט געלט ביי אבא בר מרתא דאס איז אבא בר מניומי. האט אבא גינומען אביסול וואקס האט אויף גיקלעבט אויף אטיכול אונ האט אן גיקלעבט דיא טיכול מיט דיא וואקס אויף זיין שטערין. אונ איז גיגאנגען פאר ביי דיא מענטשין פון ריש גלותא אונ זייא האבין אים ניט דער קענט:

**ב** ההוא. אמענטש איז אמאהל דער טרונקען גיווארין אין דעם זומפ פון דעם ארט סמקי. האט רב שילא גיזאגט זיין ווייב מעג נעמען אמאן. האט רב גיזאגט צו שמואל קום מיר וועלין מחרים זיין רב שילא. האט שמואל גיזאגט מיר וועלין פריער שיקען צו אים פרעגין פאר וואס ער האט אזוי גיטאהן האט מען געשיקט צו אים פרעגין אז אמענטש איז דער טרונקען גיווארין אין אטייך וואס מען זעהט ניט דעם ברעג פון קיין זייט. מעג זיין ווייב נעמען אמאן אדער ניין. האט רב שילא געשיקט זאגין: זיין ווייב טאר ניט נעמען אמאן. האבין זייא נאך געשיקט צו רב שילא פרעגין דער זומפ פון דעם ארט סמקי איז אוואסער וואס מען זעהט אברעג ארום. אדער וואס מען זעהט ניט קיין ברעג ארום. האט רב שילא געשיקט זאגין דער זומפ איז אוואסער וואס מען זעהט ניט קיין ברעג ארום: האבין זייא געשיקט צו רב שילא פאר וואס האסטו גיזאגט אז דיא ווייב פון דעם דער טרונקענעם מעג נעמען אמאן. האט רב שילא גיזאגט איך האב גיהאט אטעות. איך האב גימיינט ווייל דאס איז אשטייענדיג וואסער

אונ

את חזו ליה: גלי אשפליא. למקום רחוק ומשם יפה: לא יאונה לצדיק כל און. בלא גלות הקלס א לידי של רב לגדות את רב שילא: והתשועה ברוב יועץ. התשועה מן הסכנה שהיתה מפני שנסלתי עלם בשמואל: נענעתי לו ראשי. ועבר ע"ג והלך לו: ישגנע לו לבו. ידחה מהמי כשעה ולא יהגרס כך:

חוסר

א: שאין להם סוף שלה להו מים שאין להם סוף הם מ"מ עבדת הכי מטעא טעינא אנא סברי כיון דקוו וקיימי כמים שיש להם סוף דמי ולא היא כיון דאיכא גלי אימור גלי אשפליה קרי שמואל. עליה דרב (משלי יב) לא יאונה לצדיק כל און קרי רב עליה דשמואל (שם יא) ותשועה ברוב יועץ:

**ג אמר** רב אשי הא דאמרי רבנן מים שאין להם סוף אשתו אסורה ה"מ באיניש דעלמא אבל צורבא מרבנן לא אי דסליק קלא אית ליה ולא היא ל"ש איניש דעלמא ול"ש צורבא מרבנן דיעבד אין לכתחלה לא:

**ד תניא** אמר ר"ג פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שנשברה (בים) והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו ר"ע וכשעליתי ביבשה בא וישב ודן לפני בהלכה אמרתי לו בני מי העלך אמר לי דף של ספינה נזדמן לי וכל גל וגל שבא עלי נענעתי לו ראשי מכאן אמרו חכמים אם יבאו רשעים על אדם יגענע לו ראשו אמרתי באותה

---

און מען קען ניט שווימען אין דעם וואסער איז דאס אזוי וויא אזאסער וואס מען זעהט ארום אבערג · אז ער וואלט ניט דער טרונקען געווארין וואלט מען אים געזעהן ארויס גיין · ווארום אוועק שווימען וויט קען ער ניט · אבער עס איז ניט אזוי · ווייל אז עס קומט צווינט ווארפט דער ווינט דיא וואסער ארויף און אראפ · טאמער האט אים דיא וואסער ערגעץ פאר שטויסין און דארט איז ער ארויס געגאנגען לעבעדיג · און לעבט נאך · האט שמואל געלייענט אויף רב צום צדיק וועט ניט טרעפין ער זאל טאהן אומרעכטע זאך · עס האט זיך ניט געטראפין דו זאלסט אומזיסט מתיר זיין רב שילא · און רב האט געלייענט אויף שמואל דורך פיל עצות ווערט מען געהאלפין ווייל דו האסט מיר געגעבין אזוי א עצה דריבער האב איך ניט מתיר געוועזן רב שילא:

**ג אמר** · רב אשי האט געזאגט דאס וואס דיא רבנן האבין געזאגט אז איינער איז דער טרונקען אין א וואסער וואס מען זעהט ניט ארום דעם ברעג טאר ניט זיין ווייב נעמען א אנדער מאן · ווארום טאמער איז ער ערגעץ אוועק געשוואומען און איז דארטין ארויס פון וואסער און ער לעבט נאך · דאס איז נאר ביי א פראסטין מענטש · אבער ביי א למדן האבען מיר ניט מורא צו האבען · ווארום אז ער וואלט ארויס געקומען פון וואסער און וואלט געוואוינט אין א פרעמדע שטאט וואלט מען געהערט פון אים · אבער עס איז ניט אזוי דער דין · סיי א פראסטער מענטש איז דער טרונקין געווארין און סיי א למדן · אויב דאס ווייב האט שוין גענומען איין אנדער מאן זאל זיא וואוינען מיט אים · און אויב זיא האט נאך ניט גענומען קיין אנדער מאן · נאר זיא קומט צו בית דין פרעגין אויב זיא מעג נעמען איין אנדער מאן · זאגט מען איר זיא טאר ניט נעמען קיין אנדער מאן:

**ד תניא** · מיר האבען געלערנט רבן גמליאל האט געזאגט אמאהל בין איך געגאנגען אין א שיף אויפין וואסער · האב איך געזעהן וויא א שיף איז צו בראכען געווארין אין וואסער · האב איך געהאט צער אויף דעם תלמיד חכם וואס איז געוועזן אין דיא שיף · דאס איז געוועזן רבי עקיבא · אז איך בין געקומען אויף דער טרוקעניש · איז געקומען רבי עקיבא און האט זיך געזעצט פאר מיר און האט געקלערט אין א דין · האב איך געזאגט צו רבי עקיבא מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גענומען פון וואסער · האט רבי עקיבא צו מיר געזאגט א ברעט פון דיא שיף האט זיך מיר געטראפען · האב איך מיך געלייגט אויף דיא ברעט און בין געשוואמען · און יעדער וואל וואסער וואס איז ארויף געפאלען אויף מיר האב איך אראנטער געבויגען דעם קאפ · און דער וואל אריבער געגאנגען איבער מיר · פון דאנען האבען געזאגט דיא חכמים אויב

דיא

**באותה** שעה כמה גדולים דברי חכמים שאומרים מים שיש להם סוף מותרת מים שאין להם סוף אסורה. תניא א"ר עקיבא פעם אחת הייתי מהלך בספינה וראיתי ספינה אחת שמטרפת בים והייתי מצטער על ת"ח שבה ומנו ר"מ כשעליתי למדינת קפוטקיא בא וישב ודן לפני בהלכה אמרתי לו בני מי העלך אמר לי גל טרדני לחבירו וחבירו לחבירו עד שהקיאוני ליבשה אמרתי באותה שעה כמה גדולים דברי חכמים שאמרו מים שיש להם סוף אשתו מותרת מים שאין להם סוף אשתו אסורה:

**ה תנו** רבנן מעשה בבתו של נחוניא חופר שיחין שנפלה לבור הגדול ובאו והודיעו לר' חנינא בן דוסא שעה ראשונה אמר להם שלום. שניה אמר להם שלום. שלישית אמר להם עלתה אמר לה בתי מי העלך אמרה לו זכר של רחלים נזדמן לי וזקן מנהיגו

חופר שיחין. לעולי רגלים ימים מתכנסים בהם והיו שותין הם ובהמתם: של"ם. שעדיין יכולה לחיות וכן בשניה אבל שלישית שאינה יכולה לחיות אמר לה עלתה שידוע היה לו שלא תמות בם כדלקמן דבר שהיה מתעסק בו אותו צדיק אכ"ה לא יכשל בו זרעו: זכר של רחלים. זה אילו של יצחק: וזקן אחד מנהיגו. זה אברהם אבינו:

---

דיא רשעים קומען אויף אמענטשין. זאל ער איינבייגין דעם קאפ. אונ זאל איבער ווארטין דיא שלעכטע צייט. האב איך גזאגט אין דער צייט ויא גרויס זענין דיא רייד פון די חכמים וואס זייא זאגין אז איינער איז אריין גיפאלען אין אוואסער וואס מען זעהט ארום דעם ברעג. מעג דאס ווייב נעמען איין אנדער מאן. אונ אויב ער איז אריין גיפאדען אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג ארום. טאר ניט דאס ווייב נעמען קיין אנדער מאן. טאמער איז ער ערגעץ ארויס געשוואומען אונ איז אוועק אין איין אנדער שטאט אונ לעבט נאך. מיר האבען גילערנט רבי עקיבא האט גזאגט אמאהל בין איך גיגאנגען אין אשיף אויף דעם וואסער. האב איך גיזעהן ויא אשיף ווערט צוא בראכען אין ים: האב איך גיהאט צער אויף דעם תלמיד חכם וואס איז גיוועזן אין דיא שיף. דאס איז גיוועזן רבי מאיר. אז איך בין גיקומען אין דיא מדינה קפוטקיא. איז גיקומען רבי מאיר אונ איז גיזעסין פאר מיר אונ האט גיקלערט אין אדין. האב איך גזאגט צו אים מיין זוהן ווער האט דיך ארויס גינומען פון וואסער. האט רבי מאיר צוא מיר גזאגט איין וואל האט מיך גיווארפען צום אנדערין. אונ דער אנדערער וואל האט מיך גיווארפען צום דריטען וואל אונ אזוי איינער צום אנדערין ביז מען האט מיך ארויס גיווארפין אויף דיא טריקעניש האב איך גזאגט אין דער צייט ויא גרויס זענין דיא רייד פון דיא חכמים וואס זייא האבין גזאגט אז איינער איז אריין גיפאלן אין אוואסער וואס מען זעהט ארום דעם ברעג: מעג דאס ווייב נעמען איין אנדער מאן אונ אויב ער איז אריין גיפאלען אין אוואסער וואס מען זעהט ניט דעם ברעג ארום. טאר ניט דאס ווייב נעמען קיין אנדער מאן. טאמער איז ער ערגעץ ארויס געשוואומען אונ איז אוועק אין איין אנדער שטאט אונ לעבט נאך:

ה תנו רבנן. דיא רבנן האבן גילערנט עס איז אמאהל גיוועזן איינער האט גיהייסן נחוניא. ער פלעגט גראבין ברונענס אויף דיא פעלדער אז יודין וועלין גיין אויף יום טוב אין ירושלים זאלין זייא האבען אין וועג וואסער צום טרינקען. איז דיא טאכטער פון נחוניא אמאהל אריין גיפאלען אין אגרויסע גרוב. איז מען גיקומען צו רבי חנינא בן דוסא פרעגין וואס מען זאל טאהן. דיא גרוב איז גאנץ טיף אונ מען קען איר ניט ארויס נעמען. דיא ערשטע שעה האט רבי חנינא גזאגט עס איז שלום: זיא לעבט נאך. דיא אנדערע שעה האט רבי חנינא גזאגט עס איז שלום. זיא לעבט נאך. דיא דריטע שעה האט רבי חנינא גזאגט זי איז שוין ארויס גיקומען פון גרוב. האט רבי חנינא צו איר גזאגט מיין טאכטער ווער האט דיך ארויס גינומען פון גרוב. האט זיא גזאגט צו רבי חנינא אזכר פון שעפסין איז גיקומען געבין גרוב אונ איין אלטער מאן האט אים געפירט. אונ דער אלטער מאן האט מיך ארויס גינומען פון גרוב.

כנהיגנו אמרו לו וכי נביא אתה אמר להם לא נביא אנכי ולא בן נביא אנכי אלא דבר שהצדיק מתעסק בו יכשל בו זרעו. א"ר אבא אעפ"כ מת בנו בצמא שנא' (תהלים נ) וסביביו נשערה מאד מלמד שהקב"ה מדקדק עם סביביו כחוט השערה ר' חנינא אומר מהכא (שם פט) אל נערץ בסוד קדשים רבה ונורא על כל סביביו:

ובאיל אחוז. לידע שלא תמות: מתעסק בו. בשורת עשייתו: אעפ"כ מת בנו. של נחוניא בצמא. שכך דרכו של מקום לדקדק עם חסידיו: וסביביו נשערה. לשון חוט השערה: עם סביביו. עם הצדיקים ההולכים אחריו: שראו לו דמות אדם. מההולה כשלשק: בבואה דבבואה. צל צלו: לימדני יונתן שידא. שד היה לו בקי בכך:

ו (דף קכב) **מתני'** מעשה בצלמון באחד שאמר אני [איש] פלוני בן איש פלוני נשכני נחש והרי אני מת והלכו ולא הכירוהו והלכו והשיאו את אשתו:

**גמ'** ודילמא שד הוה אמר רב יהודה אמר רב שראו לו דמות אדם אינהו נמי דמו דחזו ליה בבואה ואינהו נמי אית להו בבואה דבבואה ודילמא לדידהו נמי אית להו בבואה דבבואה א"ר חנינא אמר לי יונתן שידא בבואה אית להו בבואה דבבואה לית להו:

# סליק מסכת יבמות

תמי

---

דאס איז געוועזן אברהם אבינו אונ דער שעפס איז געוועזן דער איל פון יצחק. האט מען גזאגט צו רבי חנינא דיא ביסט אנביא פין וואנען האסטו געוואוסט אז זיא וועט ניט שטארבן אין גרוב. האט רבי חנינא גזאגט ניט איך בין אנביא אונ ניט איך בין אזוהן פון אנביא. נאר דיא זאך וואס דער צדיק רבי נחוניא האט גיטאכט פון וועגין אמצוה (ער האט גיגראבן דיא ברונענס דיא יידין זאלין האבען אין וועג וואסער) וועלין זיינע קינדער ניט שטארבן דורך דיא מצוה. האט רבי אבא גזאגט פון דעסטוועגין איז אזוהן פון רבי נחוניא גישטארבן אין דארשט וואראם עס שטייט אין פסוק וסביביו נשערה מאוד. דער פסוק לערונט אונז אז גאט ברעכונט מיט די צדיקים וואס ארום אים וענן ביז איין האר. אז אצדיק טוהט אעבירה אזוי דין ווי אהאר שטראפט אים באלד גאט. רבי חנינא זאגט פון דעם פסוק וויסין מיר גאט איז פיל גישטארקט אין דיא פאר זאמלונג פון דיא היילגע. אונ ער איז פירכטערליך אויף דיא צדיקים וואס זענין ארום אים:

ו מתניתין. מעשה. עס האט גיטראפען אין דיא שטאט צלמון מען האט גיהערט וויא איינער האט גזאגט איך בין דער מענטש דער זוהן פון דעם מענטש (ער האט גזאגט זיין נאמען אונ זיין פאטערס נאמען). אשלאנג האט מיך געביסען אונ איך בין גישטארבן. זענין גגאנגען מענטשין אויף דעם ארט וואס ער האט גזאגט: אונ מען האט גיזעהן ליגען אטויטין מענטש. מען האט אים אבער ניט דער קענט אויב ער איז דער זעלביגער מענטש וואס ער האט גזאגט פון דעסטוועגין האט מען גזאגט אז זיין ווייב מעג נעמען איין אנדער מאן פרעגט דיא גמרא טאמער איז דאס גיוועזן אשד. האט רב יהודה גזאגט פון רבס וועגין מען האט גיזעהן ווען ער האט געשריגען האט ער גיהאט אגישטאלט פון אמענטש. פרעגט דיא גמרא שדים זעהן אויך אויס וויא מענטשין. זאגט דיא גמרא מען האט גיזעהן פון אים אשאטען. פרעגט דיא גמרא שדים האבען אויך אשאטען. זאגט דיא גמרא מען האט גיזעהן פון זיין שאטען נאך אשאטען. פרעגט דיא גמרא טאמער האבען שדים אויך אשאטען פון אשאטען: האט רבי חנינא גזאגט דער שד יונתן האט מיר גיזאגט דיא שדים האבען נאר איין שאטען אבער אשאטען פון אשאטען האבען זיא ניט: